105-4

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

(127)

דער מטורף

דראמא אין 4 אקטען

פון

יעקב גאָרדין.

יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ליטעראַרישער פערלאַג
Yiddish Literary Publishing Company
256 East Broadway, New York.
1914

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פערזאנען:

מלכיאל גארבער, א רייכער קאָזשעווניק, 50 יאהר אלט.

פרומע, זיין פרוי, דיזעלבע יאהרען.

חצקאל, זייער עלטערער זוהן, 25 יאהר אלט.

בן ציון, זייער יונגערער זוהן, 20 יאהר אלט.

ישראל יעקב, פרומע׳ס ברודער, א זייגער־מאכער און א גאָלדשמיעד, 60 יאהר אלט.

שרה חוה, זיין פרוי, א לעבעדיגע און פריילִיכע אלטעטשקע, 60 יאהר אלט.

מילקה, א דיענסט־מיידעל ביי מלכיאל׳ן, 20 יאהר אלט.

אבראם ראזענבערג, אויך א קאָזשעווניק, טראגט פענסנע, 50 יאהר אלט.

מישא, זיין זוהן, א׳ן אינזשענער, 30 יאהר אלט.

ליזא, זיין טאָכטער, 20 יאהר אלט.

ירוחם דער מלמד.

רייצעל, א דיענסט־מיידעל ביי ראזענבערג׳ן, א שטומע ראָלע.

יודען, תלמידים פון תלמוד תורה.

עס קומט פאר אין דעם קליין שטעדטעל סאָראָקע אין די יאהרען 1880—1870.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

ערשטער אקט.

א גרויסער צימער ביי מלכיאל'ן. אלטמאדישע מעבעל. אויפ'ן טיש גרויסע מעשענע לייכטער. עס ברענט א לאמפ. פרומע שטעלט אויפ'ן טיש שאלס און גלעזער. מלכיאל זאגט: אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי — צו צעהן מאל יעדעס ווארט און רויכערט א ליולקע. חצקאל זיצט בעזונדער און צעהלט געלד זעהר אויפמערקזאם. ער ווישט אפט דעם שוויים פון זיין פנים.

פ ר ו מ ע. (עפענט די טיר). מילקה, דו וועסט היינט דערלאנגען דעם סאמאוואר, צו ניין? (מילקה קומט מיט'ן סאמאוואר). דער בעל הבית, זאל לעבען, חלש'ט א גלאז טהיי, און דו קלייבסט זיך דארט.

מ י ל ק ה. (שטעלט דעם סאמאוואר אויפ'ן טיש). וואוהין זאל איך זיך קלייבען? איך קען אין סאמאוואר ניט אריינקריכען—אז עס זידט ניט, זידט ניט! און אז עס וועט זידען, וועט זידען!

פ ר ו מ ע. (שטיל). וואו איז בן־ציון? געה רוף איהם טהיי טרינקען איידער מלכיאל וועט בייז ווערען.

מ י ל ק ה. בן־ציון זיצט ביי זיך אין דער פינסטער און טראכט פון עולם התהו... הע, איך זאל אריינקריכען אין סאמאוואר נאר! א נייע קאמיסיע... אז עס וויל ניט זידען, זידט ניט! (אב).

פ ר ו מ ע. מלכיאל, וועסט טרינקען מיט לימינע? (גיסט איהם אן טהיי).

מ ל כ י א ל. זאל זיין מיט לימינע, מיט שנימינע! חצקאל, צעהל גוט, האב ניט קיין טעות, א טעות קאסט מיך געלד. וואו איז דאס אונזער מטורף?

פ ר ו מ ע. אוי, מלכיאל, אז דו זאלסט אויף איהם ניט הו־

צען... איך ווער אין דער פינסטער באלד אנשלאפען. (צעהלט) 728, 729...

פ ר ו מ ע. ווייל דו הארעוועסט זיך אָן, שלאָפט זיך דיר געשמאק און דו האָסט ניט קיין גדאנקען. ניש'קשה, ער וועט אמאָל אי"ה ווערען א מענש וועט ער אויך ניט האָבען קיין געדאנקען. בן־ציון, ווערסט טרינקען טהיי? (בן־ציון זעצט זיך צום טיש מיט'ן בוך און טרינקט טהיי).

מ ל כ י א ל. טרינק אב טהיי, פילאָזאָף מיינער, ווערסט מיר באלד דארפען שרייבען נויטיגע בריעף. (ער זופט טהיי מיט אפעטיט). איך פערשטעה, א מענש, טראכט פון א געשעפט, ווי אזוי געלד מאכען, אבער טראכטען אזוי גלאט, דאס דארף מען זיין משוגע. (זופט). זעה אקארשט, חצקאל, ניט געוועזן קיין טעות?

ח צ ק א ל. טאטע, עס איז ריכטיג בס"ה איז צוועלף הונדערט מיט 75 רוב'. (בעהאלט דאס געלד אין א גארטעל, מיט וועלכען ער פערגארטעלט זיך. קעהרט זיך אב. א פארט). ער האָט א טעות געהאט אין 32 רוב'. דאס איבעריגע אהער. (בעהאלט אין בוזים־קעשענע). איך בין א מענש, וואס איך פערשטעה (לויט). איך וועל געהן זעהן, אויב הריצקא האָט געגעבען די פערד שלש־סעודות. ווי די לבנה וועט נאר אויפגעהן — פאהרען מיר. (ברייננט א גרויסען סאַק־וואָיאַזש). דאָ איז מיין סאק־וואָיאזש. מיין ביקסעל איז דא? יא! (נעהמט ארויס א רעוואלווער און בעטראכט). אנגעלאָדען.

פ ר ו מ ע. (דערשראקען). אוי, גזלן, גיב אכטונג!

ח צ ק א ל. איך בין א מענש ניט קיין שרעקענדיגער, פון דעסטוועגען איידער איך בין געוואוינט געווארען, האָב איך אויך מורא געהאט. איצט, ווי מיר פאָהרען נאר ארויס פון שטאדט אויפ'ן פעלד, שיס איך אויס אין דער לופטען: דער גוי חזיר זאָל מורא האָבען צו טראכטען פונ'ם יודענ'ס פאַר גראָשען. נאכדעם גראָב איך זיך אריין מיט'ן קאָפּ אינ'ם היי אריין, דעק זיך איבער מיט דער בורקע איבער'ן קאָפּ, איך זאָל ניט זעהן די לבנה, און כראָפּע.

קען און ניט טיוקען און ניט רופען איהם מטורף, וואלט ער אפשר געווען אן אנדער מענש. (אין טיר). בן־ציון, דער טאטע רופט.

מ י ל ק ה. (אין טיר). בן־ציון, דער טאטע דארף אייך האָבען. וואס זוכט איהר דארט אין דער פינסטער, א פינטעל אויף דער נאָז? (געהט אריין). ער געהט.

(בן־ציון קומט מיט א בוך אין האנד, געקליידעט אין א שווארצען ניט־נייעם „פרינץ אלבערט". טראָגט א ווייכע שליאפּע, וועלכע ער נעהמט אראָב, ווען ער געהט אריין).

ב ן־צ י ו ן. טאטע, דו האָסט מיך גערופען?

מ ל כ י א ל. דער אריינגאנג איז שוין פון א מטורף. וואס האָסטו אראָבגענומען דעם קאפעליוש? איך בין א פריץ? אדער דו ביסט אזא גרויסער אריסטאקראט? עס איז שבת צו נאכט היינט, און אז מען געהט אריין דארף מען זאָגען: א גוטע וואָך!

ב ן־צ י ו ן. טאטע, זאָגען איז ניט וויכטיג, דער עיקר איז מיינען. (טהוט אָן זיין הוט).

מ ל כ י א ל. די גאנצע וועלט זאגט: א גוטע וואָך! און דו דארפסט ניט. (זינגט: אליהו הנביא).

ב ן־צ י ו ן. די גאנצע וועלט האָט אמאָל געזאגט, אז די ערד איז פלאטשיג, אדער ע...

מ ל כ י א ל. די ערד איז פלאטשיק, דערפאר דארף מען ניט זאגען: א גוטע וואָך! (לאכט).

מ י ל ק ה. (אפּארט). נו, יא, אויפ'ן הימעל איז א יריד, דערפאר געהען די קאטשקעס באָרוועס. (אָב).

מ ל כ י א ל. די גאנצע וועלט איז גארניט, נאר ער...

פ ר ו מ ע. מלכיאל, דיין טהיי ווערט קאלט. חצקאל, דיר אָנגיסען?

ח צ ק א ל. אוי, מאמע, שטער מיר ניט די געדאנקען. (צעהלט פליוסיג). 715, 716, 717.

מ ל כ י א ל. וואס טראכסטו דאָרט אין דער פינסטער? פאר וואס טראכט חצקאל ניט?

ח צ ק א ל. איך בין א מענש, וואס איך האָב פיינט געני־

ח צ ק א ל. א פרעמדע? מילקה דיענט ביי אונז, — איז זי אונזערע. איאָ, מילקה?

מ י ל ק ה. וואס דען, וואס בין איך עפעס א פרעמדע אין מיטען דרינען?

ח צ ק א ל. און איך קריך ניט צו איהר ווי א חזיר, דאס איז א ליגען. איך קריך ווי א מענש, ווי א בשר ודם דארף קריכען. איאָ, מילקה? (לאכט איראניש).

מ י ל ק ה. וואס דען, איהר, בן־ציון, זאלט זיין א מענש, וואלט איהר אויך געקראכען.

ב ן־צ י ו ן. האסט זי דען ליעב?

ח צ ק א ל. הערט א חכם! פאר וואס זאל איך זי פיינט האָבען?

מ י ל ק ה. א נאר וועט ער זיין! וואס מיינט איהר, ער איז ערשט ארוים פון די פעלישקעס?

ב ן־צ י ו ן. וואס־זשע, דו ווילסט מיט איהר חתונה האָבען?

ח צ ק א ל. א שעהנער שידוך, ווי איך בין א איד. מילקה, האָסט עפעס א סך נדן?

מ י ל ק ה. איך האָב טפרו־טאָ האלבען מיליאָן מיט ק"ן קערבלעך. (ביידע לאכען).

מ ל כ י א ל. (פון זיין צימער). חצקאל, לאפּאק, קום אקארשט אהער.

ח צ ק א ל. (ווינקט אויף בן־ציון'ען). מילקה, ווי געפעלט ער דיר? ער פערשטעהט א קאמערציע! (אב, לאכענדיג, אין פאַטער'ס צימער אריין).

מ י ל ק ה. העו! ר'ב מלכיאל איז דער גרעסטער גביר אין סאראקע, און איך בין א דיענסטמיידעל, פעסי פייגע'ס דער קורעלאפּניצע'ס א טאָכטער, פאלט אייך איין א שידוך מיט חצקאל'ן. זיינען זיי ניט גערעכט, וואס זיי רופען אייך בעל מטורף?

ב ן־צ י ו ן. דאס זאג איך דאָך: אז ער דענקט ניט חתונה האָבען, נאך וואס קריכט ער צו דיר?

בן־ציון. איך? איך וויל קיינעם ניט נארען. מיינסטו, מען דארף דאווגען, — דאווגען עהרליך. ניין, — מאך ניט קיין קאָמעדיע פון אמונה־זאכען.

מלכיאל. (שרייט פון זיין צימער). פרומע, קום נאָר אהער! האָסט ניט געזעהן, ביי מיר זיינען געלעגען דאָקומענטען אנגעשטאפּט אין איין אלטען תפילין־זעקעל?

פרומע. איך דאַרף וויסען, וואס ביי איהם איז אנגע־שטאָפּט אין זיין אלטען תפילין־זעקעל, נא! (אב).

חצקאל. כדאי צו פיהרען א מלחמה איבער׳ן דאווגען... איך זאג דיר, א נויטיגע זאך. וואס דארף איך איבערמאכען די וועלט? איך בין אליין אויך פון היינטיגע, ביי מיר איז דער דאוו־נען א בלאָטע... נאר אז אלע דאווגען, מאך זיך, אז דו דאוונסט אויך.

בן־ציון. ניט דער דאווגען איז ביי דיר א בלאָטע, ניין! חצקאל, די בלאָטע איז ביי דיר א דאווגען... הם! ער איז אויך פון די היינטיגע! (קעהרט זיך אב און פערדעקט זיין געזיכט).

חצקאל. (בייז). עה, א׳ן אמת׳ער מטורף! (טרינקט און עסט. מילקה קומט מיט פּראוויזיע).

מילקה. חצקאל, אט האָט איהר אויפ׳ן וועג דריי גאָ־מעלקעס, א האלבע קאטשקע און צעהן הארט געבאקענע אויער. (שטיל). חצקאל, איהר וועט לאנג זיין אויפ׳ן יריד?

חצקאל. מויד, איך וועל דארט אזוי לאנג זיין, ביז איך וועל קומען. (אומאָרעמט זי).

מילקה. אוי, וואס טהוט איהר? ער וועט דערזעהן. ער האָט עס פיינט...

חצקאל. ווייס איך, פרעג איהם בחרם. ער איז איצט אין עולם התהו.

בן־ציון. פע! חצקאל, דאס איז זעהר מיאוס. זי איז א פרעמד מיידעל און דו קריכסט צו׳ן איהר, ווי א חזיר. איך האָב זיך שוין לאנג געקליבען דיר דאס זאָגען.

הײנטיגען לאָקשען־קוגעל מיט דײן געפילטע העלזעל. דאס איז געװען א העלזעל־שמעלזעל!

מ י ל ק ה. איך װעל איהם אפשר צובלאזען מיט א כאַלעװע. (אָב מיט'ן סאמאָװאַר).

מ ל כ י א ל. נו, חקרן מײנער, שרײב, אבער אזוי, מיט א שעהנער מליצה. דעם ערשטען בריעף שרײב אין מיקאָלאיעװ צום קופּעץ קאָניוכין. שרײב איהם, מיר האָבען איצט אין אונזער גאר־בארניע פרישען לעדער, פײנעם װיראָסטיק פאר סאלדאטסקע שטי־װעל, שװארצע יופטע, גוטען קאָזיאָל, אויסגעצײכענטע פּאָדאָש־װעס.

ב ן ־ צ י ו ן. דערצו דארף מען האָבען די מליצה... (שרײבט).

מ ל כ י א ל. חצקאל, איך האָב געהערט, זלמן קאזיאריאק האָט 220 פעל פון אָקסען, װעלכע זײנען געפאלען פון פעסט. זאלסטו זעהן, למעה"ש, קױפען די פעל און װאָלװעל!

ח צ ק א ל. טאטע, איך װעל איהם צוקװעטשען צום װאנד און קױפען װאָלװעל די פעל. איך בין א מענש, װאס איך פער־שטעה שױן.

ב ן ־ צ י ו ן. מען טאר ניט קױפען קײן פעל פון געפאלענע אָקסען. (שרײבט רעדענדיג).

מ ל כ י א ל. אזוי, מען טאָר ניט? װאו שטעהט עס אין פסוק?

ב ן ־ צ י ו ן. א חוץ אלע זאכען, שטעל זיך פאר, דו פער־שלעפּסט מיט די פעל אהער אין סאראָקע די פעסט, און איבער דיר פּגר'ט בײ'ן ארעמאן זײן אײנציגע בהמה'לע...

ח צ ק א ל. ער קען ניט לײדען קײן עולות. א סטריאפּטשע בײ גאָט.

מ ל כ י א ל. א בהמה נעמט זיך אָן פאר בהמות. (געלעכ־טער). געראָטענער בן מײנער. ביסט טאקי א בהמה, אבער דארפסט פאר'ן פעסט ניט מורא האָבען. ביסט װי יענע יודענע א צרה, פון װעלכער איהר מאן האָט געזאגט: איך קען פון מײן צרה ניט פּטור װערען... איז א כאָלערע אויף מענשען, טשעפּיט זי ניט דער

מ י ל ק ה. אז מיך ארט ניט, וואס ארט אייך? איהר וואלט דען מיט מיר חתונה געהאט?

ב ן־צ י ו ן. איך זאל דיך ליעבען, וואלט איך חתונה גע־האט.

מ י ל ק ה. פאר וואס האט איהר מיך ניט ליעב? איך בין דען ניט א מויד ווי עס געהער צו זיין? נאר דערפאר, וואס איך בין איין ארעם דיענסטמיידעל...

ב ן־צ י ו ן. איך האב דיך ניט ליעב, ווייל דו געפעלסט מיר ניט. האב קיין פאראיבעל ניט, איך מיין דיך ניט בעליידיגען. דו געפעלסט מיר ניט, ווייל... ווייל איך... עס קען זיין דערפאר, ווייל מיר געפעלט שוין א'ן אנדערע. אז מען האט שוין איינע אין די געדאנקען און מען טראכט פון אנדערע, איז מען אקוראט ווי א דבר אחר.

מ י ל ק ה. הערסט, דער צדיק האט שוין אויך איינע! א מפלה וואלט איך זיך געריכט.

ב ן־צ י ו ן. (פערשעהמט). געה, נאר, איך האב זי נאר אין מיינע געדאנקען... איך זאג איהר ניט... איך וועל זיך קיין מאל ניט ערלויבען, ווי מיין ברודער ערנידריגט דיך.

מ י ל ק ה. ערנידריגט? הערסט, ביי איהם הייסט עס ער־נידריגען! ביי איהם קומט דאס אוים פונקט פערקעהרט.

ב ן־צ י ו ן. ער קוקט אויף דיר מיט א מאוס'ען געדאנק. דאס דארף מען זיך קיין מאל ניט ערלויבען... קיין מאל ניט.

מ י ל ק ה. קיין מאל ניט? היינט נאך וואס דארף מען דאס גאר אינגאנצען?

ב ן־צ י ו ן. דאס, וואס איז הייליג און ריין, טאר מען ניט גרינגשעצען.

מ י ל ק ה. אז מען איז א געזונטער בחור און מען האט... ע... (פרומע, מלכיאל און חצקאל קומען). בעל־הבית'טע, איך האב אייך געוואלט זאגען, דער סאמאָוואר, נעבאך, איז ווי ביי א קראנ־קען דער קאפ.

מ ל כ י א ל. דו הערסט, און איך האב אזא דארשט נאכ'ן

מ ל כ י א ל. וואס איז? נעהמסט זיך אָן פאר ראזענ־בערג׳ן? ער איז דיר מעהר קרוב, ווי א׳ן אייגענער טאטע?

ב ן־צ י ו ן. (רוהיג). טאטע, ער מעג זיין א קרוב אדער א שונא — אזא בריעף שרייב איך ניט.

מ ל כ י א ל. ער שרייבט ניט! זעהסטו, דאס האָסטו דוקא א טעות, וועסט שוין יא שרייבען!

פ ר ו מ ע. בן־ציון, וואס ארט דיך? דער טאטע, זאל לע־בען, פערשטעהט דאך... דו טהוסט דאך נאר, וואס מען הייסט דיר.

ב ן־צ י ו ן. עס איז איבריג צו רעדען. איך רעבען, אזא בריעף צו שרייבען איז א׳ן עולה. איך וועל אזא בריעף ניט שריי־בען.

מ ל כ י א ל. (בייז). דו ווילסט מיך לערנען, וועלכע בריעף צו שרייבען?

ב ן־צ י ו ן. דיך לערנען? ניין! איך וויל נאָר דו זאלסט מיך ניט לערנען.

מ ל כ י א ל. טו זעץ זיך און שרייב! איך וויל דיך יא לערנען!

ב ן־צ י ו ן. איך ניט!.. חצקאל וועט דיר אפשר בעסער אנשרייבען דעם בריעף. (וויל אויפשטעהן).

מ ל כ י א ל. (לאזט ניט). וואוהין געהסטו? דו, שרייב, וואס מען הייסט דיר שרייבען!

ב ן־צ י ו ן. טאטע, מעגסט זיין זיכער, איך וועל דעם בריעף ניט שרייבען.

מ ל כ י א ל. דאס וועלען מיר זעהן! שרייב! הא, וואו איז אקארשט מיין שטעקען? (זוכט זיין שטעקען).

פ ר ו מ ע. (דערשראקען). בן־ציון, פאָלג איהם! מלכיאל ער זאגט, אויב דו וועסט איהם ניט שלאגען, וועט ער שרייבען. ער וועט שרייבען, וואס דען?

ב ן־צ י ו ן. איך זאג, אז דו וועסט מיר אפילו דערהרג׳נען, וועל איך ניט שרייבען!

מ ל כ י א ל. אזוי זאגסטו, און איך זאג, וועסט יא שריי־

מלאך המות, ווייל זי איז א בהמה, איז א כאָלערע אויף בהמות, רעכענט דער מלאך המות, מיר אויף צו להכעיס, מיין צרה פאר א מענש... (ער און חצקאל לאכען).

פ ר ו מ ע. אוי, וואס די מאנסבילען טראכטען אויס פון די ווייבער, נעבאך. (שטיל) מלכיאל, שריי ניט אויף איהם!

ב ן־צ י ו ן. נו, צו ועמען איז דער צווייטער בריעף?

מ ל כ י א ל. דעם צווייטען דארף מען שרייבען מיט שכל. שרייב אין אדעסער קאמערטשעסקי באנק: אזוי ווי מיר האָבען געהערט, אז אברהם ראזענבערג (גיט א קוק אין פענסטער). זעה, וואס פאר א „מילינאציע" עס איז דארט ביי איהם... (דראהט). האר אויס, עס וועט דיר א רוח אין דיין טרפה'נע קישקע אריין. שרייב, יא, אז אברהם ראזענבערג וויל איצט לייהען 5 טויזענד רוב' אויף זיין גארבארניע, מעלדען מיר, אז ער, ראזענבערג, איז א גרויסער מאָשעניק, האלט ביי'ם אנזעצען און מאכען א פליטה.

ב ן־צ י ו ן. דו ווילסט אונטערשרייבען דיין נאמען אויף דעם בריעף? (מלכיאל און חצקאל לאכען שטארק).

מ ל כ י א ל. מיין נאמען? כא, כא, כא! הערסט א שכל? ער איז משוגע אויף טויט.

ח צ ק א ל. אין קאָמערציע שמייסט מען פאר אזעלכע זא־כען...

מ ל כ י א ל. מען שמייסט ניט אין קאָמערציע, מען שמייסט, ברודער, וואו די יודען האָבען גערוהט... שרייב, שרייב מיט קאָפ און שווייג, וועט מען ניט וויסען, אז דו ביזט אזא פרא אדם,

ב ן־צ י ו ן. דעם בריעף וויל איך ניט שרייבען. (לעגט אוועק זיין פעדער). אויב עס איז א'ן אמת, — שרייב אונטער דיין נאמען, אויב א ליגען, — שרייב איך ניט!

מ ל כ י א ל. וואס, ער וועט ניט שרייבען גאר!

ב ן־צ י ו ן. אזא אנאָנימען בריעף וועל איך ניט שרייבען...

מ ל כ י א ל. ווי אזוי רופט ער דאָס?

ח צ ק א ל. אנאָנימע... דאס הייסט מסתמא אזא בריעף, וואס איז געגען זיין יושר,

ח צ ק א ל. (שרייבט, ווישט דעם שווייס פון פנים). שרייבע; איז ביי מיר א גאנצע הארעוואניע... (מילקה מיט'ן סאמאָוואר).

מ י ל ק ה. צובלאָזען! וואס מאכט אונזער מומע חוה?

ח ו ה. אז איך וועל דיר זאגען, וואס איך מאך, וועסטו מיר דארפען דערצעהלען וואס דו מאכסט. א מעהר טשעפּע מיך ניט און איך וועל דיך ניט טשעפּען. (די ווייבער לאַכען).

י ש ר א ל י ע ק ב. נו, בן־ציון, וואס מאכסטו עפּעס? וואו האלסטו מיט'ן „מורה נבוכים“? קענסט קייען, ברעכסט זיך ניט די ציין, הא? איך האָב דיר געבראכט דיין „עמק הארזים“. שעהנע מליצה ווי גאָלד.

ח ו ה. איבער דיין מעשה־ביכעל האָט ער ניט געשלאפען ביי טאג נאכ'ן טשאָלענט. ער האָט זיך צוגעכאפּט, ווי א סאלדאט צו תיקון שבועות.

י ש ר א ל י ע ק ב. געדענקסט דאָ? השמש השליכה קרניה האחרונות זהב מופז — די זון האָט געווארפען איהרע לעצטע שטראהלען פון גינג־גאָלד...

מ ל כ י א ל. גינג־גאלד, שמינג־גאלד! גאלדשמיער מייד־נער, וואס קענסטו אויסשמיעדען פון שטראהלען פון גינג־גאָלד?

י ש ר א ל י ע ק ב. געווים, קיין פּאָדעשוועס קען מען פון שטראהלען ניט אויסשמיעדען. בן־ציון, וואס ביסטו מיר עפּעס צופלאָכטען?

ח ו ה. ער האָט מסתמא געהאט א ויכוח מיט'ן טאטען איבער'ן „מורה נבוכים“.

ב ן־צ י ו ן. מומע, איהר האָט געטראפען: עס איז געווען א ויכוח. דער טאטע האָט מיך ערשט גע'הרג'ט געשלאגען.

מ ל כ י א ל. גע'הרג'ט, געשלאגען! דו הער איהם נאר, וואס ער וועט דיר דערצעהלען, דער משוגענער, זעץ זיך בעסער טהיי טרינקען. (זינגט). אליהו הגלעדי. פרומע, גיב טהיי.

ב ן־צ י ו ן. טאטע, אויב דו פיהלסט, אז דו האָסט געטהאן א גערעכטע זאך, נאך וואס זאלסטו זיך וועלען אבלייקענען?

מ ל כ י א ל. אבלייקענען, אבשמייקענען! א'ן אנדערער

בען! (קלאפּט מיט'ן שטעקען איבער'ן טיש). ווערסט יא שרייבען! (קלאפּט). ניין, זאגסטו? ווערסט ביי מיר שרייבען! ווערסט שריי־בען! זאלסט אפילו איננעהמען א מיתה משונה, ווערסטו שריי־בען, שרייב! שרייב! שרייב! (בויגט איהם צו צום טיש און שלאָגט איהם).

פ ר ו מ ע. גזלן, שלאָג איהם ניט! וועה איז מיר, שלאָג איהם ניט! זאָל חצקאל שרייבען!..

מ ל כ י א ל. חצקאל? ניין, ער וועט שרייבען!

ב ן־צ י ו ן. טאטע, איך בעט דיר, בעזין זיך. די קלעפּ וועלען ניט העלפען!..

מ ל כ י א ל. שרייב! שרייב! אז מען הייסט דיר שריי־בען — שרייב. (בויגט צו זיין קאָפּ צום טיש און שלאָגט. מילקה לויפט אריין).

מ י ל ק ה. הערט אויף מלחמה האלטען. מענשען געהען אהער. (מען הערט שטימען). ער האָט שוין, נעבאך, געקריגען אויף א פולע מזל'דיגע וואך צו ברכה און הצלחה אמן סלה. (אב).

מ ל כ י א ל. נעהם דו, חצקאל, און שרייב אָן דעם בריעף. (חצקאל זעצט זיך און שרייבט). ווער געהט עם דארטען? (וויל זיך מאכען רוהיג, פעררויכערט זיין טרובקע. די הענד ציטערען ביי איהם).

פ ר ו מ ע. אה, דאס זיינען אונזערע... גאָט אליין האָט זיי געבראכט. (ישראל יעקב און חוה קומען).

א ל ע. א גוטע וואָך! א גוטע וואָך!

מ ל כ י א ל. זעלטענע געסט. א גוטע וואָך! זיצט, מיר װעלען טרינקען טהיי. וואו איז מיין ליולקע? (רייכערט און זינגט). אליהו התישבי, אליהו התישבי.

ח ו ה. מלכיאל, דו זינגסט זמירות, מיר דאכט זיך, מיט'ן נוסח פון קינות.

פ ר ו מ ע. איהר זייט אזוי געקומען אין דער צייט... זיצט, זיצט.

י ש ר א ל י ע ק ב. דו ווילסט זאגען, ער וויל ניט זיין קיין פערד... ביסט אנגעשטאפּט מיט געלד ווי א קישקע מיט מעשים טובים. קראנק ביסטו איהם לאזען לערנען... א קליינינקייט זיין קאָפּ... אז דו ביסט אבער א מבין נאר אויף פּאראשוועס.

מ ל כ י א ל. איך פערשטעה, א יוד איז מחויב זיין קינד לערנען דאוונען, אבער ווייטער דאַרטען די ביכלאך מיט די מהרשאות, — שמאטע! מען דארף זעהן פערדיענען און טהאן אין געשעפט.

י ש ר א ל י ע ק ב. יא, דו מיינסט מען דארף נאר בע־זארגען די וועלט מיט לעדערנע שטיוועל פאר די פיס. נו, און פאר'ן קאָפּ דארף מען ניט זארגען? געשעפט! וואס מיינסטו, א דאק־טאר אדער א'ן אדוואקאט האָט ניט קיין געשעפט?

מ ל כ י א ל. יא, א דאקטאר האָט א געשעפט, ווען איך, דער געשעפט־מענש, האָב א קרענק. דער אדוואקאט האָט א גע־שעפט, ווען איך וויל גנב'נען. טאָמער אבער וויל איך ניט קרענקען אדער איך וויל ניט גנב'נען?

ח ו ה. אָה, געה, מלכיאל, איך וועל דיר גלויבען, אז דו ווילסט ניט קרענקען, אבער, אז דו ווילסט ניט, חלילה, גנב'נען, וועל איך דיר קיינמאָל ניט גלויבען. (א שטארקער געלעכטער).

ב ן־ציון. צום האנדעל דארף מען ניט זיין געלערענט? אט פיהרסטו דיין גארבארניע, ווי אין די אלטע צייטען...

ח ו ה. יא, ווי אין מלך שאבעצקי'ס צייטען...

ב ן־צ י ו ן. און ראזענבערג האָט א זוהן א'ן אינזשענער, האָט ער טאקי אלץ איבערגעבויט מיט מאשינען און פערשיעדענע זאכען... ער ווייס ווי אזוי דאמפּף, ווי אזוי עלעקטרישע אפּאראַ־טען...

ח צ ק א ל. נו, און האָט זיך מיט די אפּאראטען אזוי פער־דרעהט דעם קאָפּ, אז ניט טפּרו, ניט נו. דו פרעג מיך, איך בין א מענש, וואס איך פערשטעה.

מ ל כ י א ל. ער איז ניט גערעכט? ראזענבערג איז א'ן אריסטאָקראט. אין שטוב איז ביי איהם שטאָ טאָם טהוט זיך. די

וואלט באטש געשווינגען, ער דערצעהלט נאָך. עס איז אז אָך און אז וועה, אז מען דארף אזא גרויסען ביק שלאָגען.

ב ן־צ י ו ן. מען דארף?! אלע, וואס שלאגען דעם צוויי־טען, פערענטפערען זיך דערמיט, וואס מען דארף... ווער זאגט עס, אז מען דארף שלאָגען? ווער גיט א מענשען אזא רעכט איבער'ן אנדערען? איך בין שוין ניט קיין קינד, איך בין העכער 20 יאהר, איך בין א מענש... איך לערען דעם „מורה נבוכים" און דענק דער־פון, וואס עס זאגען רמב"ם און אריסטאָטעל איבער די אטריבוטען פון גאָטהייט... און דו שלאָגסט מיך מיט א שטעקען. און פאר וואס?.. (טרערען שטיקען איהם).

מ ל כ י א ל. אטריבוטען, ווערטוטען! מאכסט מיך פשוט גליקליך דערמיט... וויפיעל פערדיענסטו דערביי?

י ש ר א ל י ע ק ב. שלאגסט, הא? ווילסט מאכען פון איהם א הארטע פאדאשווע, גראָבער יונג!

ח ו ה. אז ניט שלאגען, וואס פאר א אנדער נחת קען מען האבען פון קינדער?

פ ר ו מ ע. אז א טאטע שלאגט, מיינט ער דאָך, מסתמא, דעם קינד'ס טובה.

ח ו ה. הערסטו? דער טאטע טהוט איהם א טובה און ער איז נאך ברוגז. (געלעכטער).

מ י ל ק ה. אי, איז דאס א גנב, די אלטע, פונקט ווי א מאנסביל... (אָב).

ח צ ק א ל. פו! געענדיגט דעם פאָדריאד... (הערט אויף שרייבען).

מ ל כ י א ל. (קוקט אויפ'ן בריעף). איך קען ניט לייענען, אבער איך ווייס, איך וויל ניט לייקענען, דער מטורף וואלט מסתמא בעסער אויפגעשריבען. א קאָפ האָט ער.

פ ר ו מ ע. זעהסט, בן־ציון, דו מיינסט, דער טאטע איז דיר א שונא.

מ ל כ י א ל. אבער וואס העלפט עס, אז ער וויל ניט זיין קיין מענש?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. נו, און וואס מאכט חצקאל? רב׳ מלכיאל, אט דעם זוהן בין איך אייך מקנא.

מ י ש א. איך האָב פיעל געהערט וועגען אייערע גרויסע קאָמערטשעסקע פעהיגקייטען...

ח צ ק א ל. מיר דארף מען קיין פינגער אין מויל ניט לע־גען. איך האָב, וואס מען דארף צום געשעפט: א גוטען אויער מיט א׳ן אפענעם אויג.

ח ו ה. מיט א לאנגע האנד. (זיי לאַכען ביידע).

י ש ר א ל י ע ק ב. מיט א קורצען שכל.

ראזענבערג. נון, און בן־ציון, נאך אלץ ניט באלאנ־סירט? צייט צו ווערען א מענש און זיין דעם פאטער א הילפע. ער איז פון א׳ן אנדער קאטעגאָריע...

מ י ש א. וואס זעהט מען אייך ניט, בן־ציון? איהר קומט נאָר, ווען איהר דארפט א בוך...

מ ל כ י א ל. אוי, די ביכער, ניט געדאכט זאלען זיי ווע־רען! נאר דער מוח ווערט פון זיי צוטומעלט.

מ י ש א. די ביכער זיינען ניט שולדיג. יעדער דארף וויסען זיין פלאץ און טאָן זיינס. עס איז דא מענשען, וואס זיי דארפען ביכער... אבער דאָ אין סאַראַקי א יונגער מאן ביי א סוחר אין הויז... וואס טויגען איהם די ביכער מיט די פאנטאזיען? א סוחר א אידיאליסט איז אזוי אומנאטירליך, גראדע ווי א מענש, וואס נעהט מלחמה האלטען און האָט מורא נעהמען א ביקס אין האנד... קאָמערציע איז מלחמה!

ב ן־צ י ו ן. (שטיל). א געבילדעטער מענש זאל אמאָל זאָגען אזוי, אמאָל אזוי, ווי עס פאסט, הייסט עס? איהר זופט זיך אויף אונטער צום טאטען? דאס איז א חידוש.

מ י ל ק ה. (א פּארט). דער אינזשענער האָט אויף מיר צוויי מאָהל א קוק געטהאן, זעהט זיך אָן זעהר א געבילדעטער מענש.

מ ל כ י א ל. איך פערשטעה, איהר זייט דאך מסתמא גע־קומען ניט צוגאסט... אפשר וואלטען די ווייבער זיך מטריח געווען פון דאנען?

טאַכטער ברינקעט אויף דער פּיאַנאָ און... מילא, די טאכטער בין איך איהם מוחל...

ח צ ק א ל. טאטע, איך מיין פערקעהרט... די מאשינען בין איך איהם מוחל, אבער די טאָכטער...

מ ל כ י א ל. כע, כע! די טאכטער געפעלט דיר דוקא, שייגעץ!... יא, מען זאגט, זי איז א מיידעל, ווי א פארפעל־צי־מעס... און דער זוהן איז אין גאנצען א געבילדעטער יאכנעטשיק. אז עס קומט אבער צום בענשען מזומן, וואו זיינען די מרנן ורבותי? . (מילקה לויפט אריין).

מ י ל ק ה. זאל איך אזוי געזונד זיין, ראזענבערג געהט אהער!

א ל ע. (ערשטוינט). ראזענבערג?

פ ר ו מ ע. (לויפט אום). רוים אויף, זעה, וואס דא טהוט זיך...

מ י ל ק ה. זאל איך צונעהמען די לייכטער? אלטמאדישע יודישע לייכטער, א מיאוס'ע זאך פאר אזעלכע געבילדעטע מענשען.

ח ו ה. וואס זאגט איהר פּאַרט, איך האָב פערגעסען אנטאָן מיין קרינדאלין מיט'ן טשעפּטשיק!

מ ל כ י א ל. זעה נאר, וואס עס טוט זיך פאר א טאראראם! אז ער געהט, געהט ער... (זינגט). אליהו התשבי, אליהו התשבי. (ראזענבערג און מישא קומען).

ב י י ד ע. גוטען אבענד! גוטען אבענד... (נעהמען אראב זייערע הוטען).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. דאס איז מיין אינזשענער טעכנאָלאָג. עס האָט געגוג געקאסט... מישא, דאס איז רב' מלכיאל'ס שוואָגער, רב' ישראל יעקב. מעגסט אמאָל אריינגעהן צו איהם אביסעל פילא־זאפירען וועגען פילאָזאָפיע און געאָגראפיע. א גרויסער פילאָזאָף!

י ש ר א ל י ע ק ב. ווייס איך, אויך מיר א פילאזאף. נאר ניט, יעדער מענש איז א ביסעלע א פילאָזאָף; ליידער, ניט יע־דער פילאָזאָף איז כאטש א ביסעלע א מענש...

אז מען דארף ניט קיין אייזענבאהנען? אז מען איז אויסגעקומען מיט אָקסען, דארף מען ניט קיין וויסענשאפט!

מ ל כ י א ל. איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואוהין ציעלט איהר? איהר ווילט דאך עפּעס.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. איהר זייט גערעכט. מיר זיינען געקומען מיט א סטראטעגישען פּלאַן. רב' מלכיאל, מיר ארבייטעןביידע אין איין ליניע, אין איין געשעפט, ביי איין קאטעגאָריע. מיר זיינען שכנים, א שטוב ביי א שטוב. אמאָל האָט איהר ביי אונז, ביי מיין פאָטער, עליו השלום...

מ ל כ י א ל. יא, איך שעם זיך ניט. אמאָל געווען א פּשוט'ער גארבארניק בא אייער טאטען און היינט, דאנקען גאָט, קען איך מיינע געוועזענע ב"ב צעהן מאָל קויפען און פערקויפען.

ר אָ ז ע נ ב ע ר ג. מיר פערגינענען אייך און מיר שעמען זיך ניט מיט אייך. פערקעהרט, מיר זיינען געקומען פארלעגען אייך א קאָנסאָלידאציע.

מ ל כ י א ל. ווי? א קאָנסאָליד?.. וואס איז דאס פאר א מין חיה? עפּעס א געשעפט? אויב מען קען פערדיענען — נו־נו!

ר אָ ז ע נ ב ע ר ג. ד. ה. וואס דארפען מיר קאָנקורירען? פערקעהרט, נו'מיר מאכען יד אחד. איהר האָט געלד, מיר האָבען וויסענשאפט. מיר קענען ארבייטען ביידע אין איין קאטעגאָריע... אונזערע קינדער וואקסען אונטער, וואס דארפען מיר זיין שונאים? ווער ווייס, וואס עס קען זיך מאכען. איך האָב א זוהן אינזשע־נער טעכנאָלאָג, איך האָב א טאכטער, ווי זאָגט מען, פון דער אמת'ער קאטעגאָריע...

מ ל כ י א ל. אה, ווי? פון וואנען איז זי? ניט פון דער שטאדט סאראָקי?

י ש ר א ל י ע ק ב. מען זאגט, אייער טאכטער האָט זעהר א גוטען קאָפּ. דאס איז די גרעסטע מעלה. איך האָב געהערט, זי האָט געהאט א חתן א דאקטאר. אז מאן און ווייב זיינען געבילדעט. איז טאקי א ברכה פון גאָט.

ח ו ה. א ברירה האָבען מיר? קום, פרומע, אז די מאנסביי־לען בעשעפטיגען זיך מיט נארישקייטען מעגען די ווייבער זיין דערביי. אז זיי טוען עפּעס וויכטיגעס, הייסט מען די ווייבער נעה־מען דעם וועג... דערפאר זיינען מיר בעקאנט נאר מיט זייערע נארישקייטען.

מ י ל ק ה. וואס מיינט איהר דאס, מומע חוה? אזי איז דאס א'ן אלטער גנב!

ח ו ה. וואס איך מיין? אוי טשעפּע מיך ניט און איך וועל דיך ניט טשעפּען און טשעפּע זיך אב פון מיר. (אלע דריי פרויען אב).

מ י ש א. רב' מלכיאל, איך וועל אייך ערקלעהרען גאנץ אפען, וואס מיר זיינען געקומען. איהר זייט א קלוגער מענש און איהר וועט באלד אלץ בעגרייפען פון פּראקטישען שטאנדפּונקט... היינטיגע צייטען קען מען ניט ארבייטען מעהר מיט אלטע מיט־לען. איך וויל ניט קריטיקירען. אייטר קאָזשעוועני זאוואָד איז זעהר שלעכט געבויט, די פּראדוקטען קומען ארויס שלעכט, און די אר־בייטער געפינען זיך ביי זעהר שלעכטע אומשטענדען... איך בין ניט קיין פילאנטראפּ, נאָר אז די ארבייטער האָבען בעסער סאניטארע און היגיענישע קאנדיציאָנען, ארבייטען זיי מעהר אוים...

ב ן־צ י ו ן. די ארבייטער זיינען אזעלכע מענשען, ווי מיר. וואס שעמט איהר אייך זאגען דעם אמת?

מ י ש א. מיט אייער גארבארניע פערגיפטעט איהר דאס וואסער פון טייך. איהר צאָהלט דערפאר חאבאר דעם איספּראוו־ניק, און איהר שאדעט זיך אליין... קאפּיטאל איז גוט פעראייניגען מיט וויסענשאפט...

מ ל כ י א ל. עס איז שוין 25 יאהר, אז איך שאדע זיך אליין, און דאנקען גאָט, הלואי ווייטער... אויסגעקומען אָהן ווי־סענשאפט... וויסענשאפט, שמיסענשאפט!

י ש ר א ל י ע ק ב. מען איז א מאָל געפאהרען אויף אָק־סען און מען האָט געזאָגט: הלואי ווייטער. איז דאָס א ראיה,

ב ן־צ י ו ן. זעה, פעטער, די לבנה שווימט ארויס פון הינ־טער די בערג און פערגיסט די וועלט מיט ווייסע ליכט און שטילע חלומות.

ח צ ק א ל. (לעגט זיין קאָפּ אויפ'ן פענסטער). אויב אזוי, דארף מען געהן צו די פערד (אב).

י ש ר א ל י ע ק ב. וואס איז דיר, בן־ציון? דו דארפסט דיין קאָפּ ניט ארויסלאָזען. די קרוין פון א מענשען איז זיין קאָפּ... און ווער עס לאזט דיזע קרוין אראָב, ערנידעריגט ער דעם קעניג פון אלע בעשעפעניסען — דעם מענש. די פערד הירזשען טאקי און בריקען זיך, אבער זיי קייען שטרוי, און דו, ברודער, קייסט דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים". דו הער בעסער, איך האָב פאר דיר א בריעף פון דער רעדאקציע. זעהסט, א געדרוקטער קאָנווערט. (גיט איהם א בריעף). ווי איך פערשטעה, שרייבט מען דיר, אז אבוואהל דיין רוסיש א ביסעל, במחילה, מיט גרייזען, אבער די פאקטען זיינען זעהר אינטערעסאנט, און מען בעט דיך נאך שרייבען; עס וועט זיין געדרוקט.

ב ן־צ י ו ן. (מיט פרייד). טאקי? אבגעדרוקט? דאס, וואס איך האָב געשריבען, וועט זיין אבגעדרוקט! ווי פון א אמת'ן ריכטיגען שרייבער!

י ש ר א ל י ע ק ב. פון א'ן אמת'ן שרייבער, געוויס... וועסט נאך ווערען אזא מחבר, אז אפילו דא וועט מען דיך שאַ־צען ניט ביליגער, ווי יוכטע מיט פאָדעשוועס...

ב ן־צ י ו ן. (שטיל). אוי, וואָס ארט עס מיך איצט? דו האָסט געהערט?..

י ש ר א ל י ע ק ב. וואס מיינסטו? איך האָב א סך זאַ־כען געהערט.

ב ן־צ י ו ן. איך מיין, דו הערסט, ווי מען שפיעלט? דאָס שפיעלט זי... זייער ליזא שפיעלט. זי שפיעלט און די לבנה שיינט. אבער פון איהר שפיעלען געהט יעצט א פינסטערניס, און פון דער לבנה גיסען זיך טרויעריגע טענער... (כאפט ישראל יעקב'ס ביידע

ראָזענבערג. וואָס דארפען מיר א דאָקטאָר! היינ־טיגע צייטען א סוחר מיט געלד איז מעהר סחורה... איך האָב איהם ענטזאגט.

בן־ציון. און מיר האָט איהר דערצעהלט, ער האָט זיך אליין ענטזאגט, ווייל מען האָט ניט געגעבען די צעהן טויזענד, וואס מען האָט צוגעזאגט.

ראָזענבערג. ווער? איך! איך וועל איהם געהן דערצעהלען אזעלכע דיפּלאָמאַציעס...

בן־ציון. איבער געלד! אי, איך האָב געמיינט, אז געבילדעטע מענשען מוזען זיין אידעאַליסטען.

ראָזענבערג. אלע ליבען אייער עלטערען זוהן, און מיין טאָכטער, פערשטעהט איהר, איז פון אזא קאַטעגאָריע...

מישא. פּאַפּאַ, מיר זיינען געקומען רעדען וועגען גע־שעפט ניט וועגען שידוכים...

ראָזענבערג. און וואס זאָגט עפּעס חצקאל דערויף? ער האָט דאך יא א'ן אויג פון א סוחר? האַ? קאַטעגאָרי־טשעסקי!

חצקאל. וואס איך זאָג? העהע! (לאַכט נאַריש). איך בין א מענש, וואָס איך פערשטעה...

מלכיאל. ער קוועלט שוין דער לאַפּאַק... (בן־ציון עפענט דעם פענסטער. די לבנה שיינט. עס הערט זיך, ווי אין ראָזענ־בערג'ס הויז שפּילט מען בעטהאָווענ'ס מאָנדשיין סאָנאַטע). זעהט איהר, אז איהר רעדט, ווי א סוחר, לאָזט זיך הערען.

בן־ציון. (שרייט פּלוצלונג אויס פון'ם פענסטער). זי! זי! אויך?!

אלע. ווער איז דאָרט? וואס איז?

בן־ציון. איך מיין... איך מיין די לבנה, די לבנה איז אויפגעגאַנגען.

מלכיאל. (שטיל). מטורף! (לויט) קומט בעסער אריין צו מיר רעדען. (נעהמט די לאָמפּ פון טיש. ראָזענבערג, מישא און מלכיאל אָב. פּויזע. בן־ציון קוקט אין פענסטער).

צווייטער אקט.

(עטליכע וואָכען שפּעטער).

א רייכער זאַל ביי ראזענבערג'ן. שעהנע מעבעל, בלומען, לאָמפּען ברענען. א דיענסטמיידעל רוימט. ראזענבערג בעטראכט אלץ.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. בעדעק די טישען מיט די טייערסטע טישטיכער און ברענג פון מיין קאבינעט די גרויסע קאנדעלאברע. זאל מלכיאל חזיר זעהן, ווי לייטישע מענשען לעבען. אזא ניט צי־וויליזירטער מענש און האָט געלד! וואו איז מישא? די גאנצע זייערע משפחה וועט באלד אהער קומען, און איך וויים נאך ניט, ווי איך האלט מיט ליזא'ן... מישא האָט ביי איהר א גרעסערע דעה פונ'ם טאטען. וויפיעל שכל און מארך איך האָב געדארפט אויסצופיהרען אזא סטראטעגישען פלאן! דו לעגסט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט וועגען קינדער, און וואָס?... איין קאטע־גאָריע! אָי, וואו איז דאס מיין אינזשענער־טעכנאלאג? (אב. די דיענסט רוימט. מילקה עפענט שטיל די מיטעל־טיר).

מ י ל ק ה. שש! רייצעל, קיינער ניטאָ? איך האָב זיך ניט געקענט איינהאלטען, איך האָב געמוזט אריינלויפען זעהן, וואס דא טהוט זיך. (אריין). אוי, ווי שעהן די שטוב איז, אקוראט ווי ביי א מאנארכע. רייצעל, פרעמדע געסט וועלען אויך זיין, צו נאר אייגענע? דו ווייסט ניט, זיי וועלען זיך נאך היינט אנקוקען, צו עס וועט זיין א קבלת קנין? מע זאגט, ביי ריסטאקראטען איז אהן א קבלת קנין, אהן תנאים, אהן אלע זאכען... מסתמא אויף וועטשערע געבראטענע קאטשקעס מיט יויך פון ווערמישעל... וואָס ביי פּראסטע מענשען איז לאָקשען, איז ביי זיי ווערמישעל. הער, רייצעל, ווען זיי למשל דארפען זאגען: זיי ניט קיין לאָקש, זאגען זיי: זיי ניט קיין ווערמישעל? (ביידע לאַכען).

הענד און וויספערט לוידענשאפטליך) פעטער, עס איז ניט שעהן פון מיר... איך האָב געוואלט פון דיר אבלייקענען. איך האָב זי ליעב!.. זיי ווילען זי אָבגעבען הצקאל'ן און איך האָב זי ליעב! אזוי ליעב, ווי אין אהבת ציון האָט אמנון ליעב געהאט תמר'ן. דו הערסט? איך האָב זי ליעב!.. (וויספערט) דו הערסט? (די לבנה שיינט אריין, ווייט הערט זיך בעטהאָווען'ס סאנאטא. דער פארהאנג פאלט לאנגזאם).

פ אָ ר ה א נ ג.

ל י ז א. זעהר שטארק? זאג דו, ווענמען'קען אזא מאָפּס זעהר שטארק געפעלען?

מ י ש א. ליזא, מען דארף זיך ניט נארען. חתונה האָבען הייסט מאכען א גוטען, זיכערען און פראקטישען געשעפט פאר איביג. דעם געוועזענעם חתן, דעם דאָקטאָר, האָסטו געדארפט צוצאָהלען... דו האָסט איהם געליעבט און ער האָט דיך איגנא־רירט. און דאָ איז פונקט פערקעהרט... דער וועט דיך פערגעטערען, און דיר וועט זיין גוט. ווארום גליקליך איז נאָר די פרוי, וואָס איז קליגער און שטארקער אין כאראקטער פון איהר מאן... היינט פער־געס ניט, דאָרט שטעקט א קאפּיטאל פון איבער 200 טויזענד. דאָס געלד וועט אָנקומען איהם, וואָרום דער צווייטער זוהן איז א פּסי־כאָפּאט און א פאנטאזיאָר. ביזט פערזאָרגט אויף אויביג... און אויסער דעם וועסטו העלפען דעם פּאפּא ליקווידירען זיינע געשעפ־טען, און מיר וועסטו העלפען מאכען די ערשטע שריט פון מיין קאריערע. דו נעם דאָס אלעס צוזאמען און בערעכען. (געריויש. ראָ־זענבערג לויפט אריין מיט א צייטונג אין האנד).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. מישא! ליזא! געוואלד! א קאָרעס־פּאנדענציע! א קארעספּאנדענציע אבגעדרוקט פון אונזער שטאדט סאָראָקע אין דער „אדעסער צייטונג“. א פּאסקוויל! קאטעגאָ־ריטשעסקי!

מ י ש א און ל י ז א? וואס שרייבט מען? (נעמען די צייטונג, לעזען ביידע).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. וועגען איהם, וועגען זיין גארבארניע!.. אי, וואס עס וועט זיך אבטון אין שטעדטעל! ער שרייבט, אז מלכיאל עקספּלאָאטירט זיינע ברידער די יודען; דאס ער פער־קריפּעלט די ארבייטער אין זיין שמוציגע געביידע און דאס ער פערגיפטעט און ער פערפעסטעט דעם גאנצען טייך, און גיט גאנץ דייטליך אנצוהערען, אז נאר פאר כאבאר לאזט מען איהם טון אזעלכע קרימינאלע זאכען... עס איז ניט נאר מלכיאל'ן, עס איז א פּאטש דעם איספּראווניק אויך... א דיפאמאציע! א סקאנדאל!

ל י ז א. (האָט געענדיגט לעזען). איך מיין, דאָס האָט גע־

אוי, זאלסט זעהן, ווי ביי אונז קראַכמאַלעט מען זיך! אזא שידוך איז פאר זיי זעהר א גרויסער כבוד... ווי מיינסטו, חצקאל געפעלט איהר? ער איז א טייוועל! דער צווייטער, זיי רופען איהם מטורף, איז א תם, ער ווייס ניט אפילו, אז (זאגט איהר עפּעס אין אויער. ביידע לאַכען). כא, כא!.. שא! איך הער, מען געהט. (לויפט צום טיר, אנקעגען קומט מישא).

מ י ש א. רייצעל, רוף ליזא'ן. (רייצעל אב). וואס טוסטו דאַ, האָסט אונז געבראכט א דעפּעשע?

מ י ל ק ה. איך האָב אייך גארניט געבראכט. (ער גיט זי א קניפּ). אוי! זעהט נאר, מען ווייסט נאך ניט, צו עס וועט זיין שידוך, און איהר ווערט שוין מיט מיר א מחותן. אוי, זייט איהר א מזיק! (אב).

ל י ז א. (מען הערט איהר שטימע). מישא, דו רופסט מיך? וואו ביסטו?

מ י ש א. דא בין איך, אין זאל. קום אהער (ליזא קומט). זעץ דיך, ליזאטשקע...

ל י ז א. עס פאנגט זיך ווידער אָן דער עקזאמען, הא?

מ י ש א. זיי וועלען באלד קומען... מען דארף דאך וויסען, וואס וועט זיין...

ל י ז א. איך ווייס נאך אליין ניט!.. עה! וואס עס וועט זיין, — וועט זיין. געוויס, בעסער וואלט געוועזן, מען זאל גאר ניט דארפען חתונה האָבען, נאר אז מען מוז, העלפט ניט קיין תירוץ. מען מוז געבוירען ווערען, מען מוז שטארבען, מען מוז חתונה האָבען (זיפצט).

מ י ש א. דו ביסט צו קלוג צו זיין סענטימענטאל... אייגענטליך, וואס איז דען ליעבע?

ל י ז א. ליעבע? אייניגע זאגען, אז עס איז פאעזיע פון געטער, אנדערע זאגען, עס איז כלאָראָפאָרם, וואס מען גיט, איידער מען רייסט א צאהן. פון ליעבע רעדט מען שוין ניט, עס זאל כאטש זיין א ביסעל סימפאטיע...

מ י ש א. ער געפעהלט דיר ניט זעהר שטארק?

ח צ ק א ל. פע! ווי ערלויבט דאס די רעגירונג אזעלכע זאכען צו דרוקען! דאס וועט דעם אלטען משוגע מאכען; ער וועט קריכען אויף די ווענט. איהר ווייסט, עס איז א שלעכטע געשיכטע. איהם קען אנשפארען דער משוגעת, מען זאל אבלעגען, און איך האב ליעב: געפעלט דיר א געשעפט — אבגעמאכט אויפ'ן פלעק... מען דארף זעהן, דער אלטער זאל ניט וויסען ביז מארגען.. אויב איהר ווילט, ברענג איך זיי אלע באלד צוטאסקענען אהער... אליין לעזט ער ניט, און מיר אלע וועלען שווייגען ביז מארגען. און מארגען... מארגען מעג ער שפרינגען ביז דער סטעליע. מיין קאפ, הא?

מ י ש א. זעהסט, וואס פאר פראקטישע, לאגישע און געשעפטסמעסיגע איינפעלע...

ח צ ק א ל. איך פערשטעה, וואס איך רעד... איך בין ניט דער מענש, וואס וועט גלאט אזוי...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. עס איז א'ן אויסגעצייכענטער סטראטעגישער פלאן. איהר געהט שוין און ברענגט זיי אלע אהער. מיר וועלען דא טרינקען טהיי.

ח צ ק א ל. יא, מען דארף פערטוצען דעם אלטען. יא, איך געה שוין... איך בין אבער געקומען, איך האב געוואלט וואס זאגען.

מ י ש א. איהר ווילט אפשר בלייבען מיט מיין שוועסטער אליין?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. נו, וואס, יונגע לייט, א קאנסולטאציע. (ביידע ווילען געהן).

ל י ז א. ניין! ניין! מישא... ניין, פאפא, בלייבט... וואס פאר סעקרעטען האבען מיר דערווייל מיט הערר חצקאל גארבארניקאוו, וואס מיר זאלען דארפען בלייבען אליין? (א פארט). אי, אז איך דערמאן מיך, אז איך וועל אפשר מוזען אמאל בלייבען מיט דעם מענשען אליין!

ח צ ק א ל. עס איז ניט קיין סוד, איהר פערשטעהט... די טאטע זאגט, אהן נדן וויל ער ניט... און אז ער עקשנ'ט זיך איין, מעג מען איהם אפילו א קלין שלאגען אין קאפ. אבער וואו בין

שריבען א מענש, וואָס האָט בלוט אין די אדערען... עס איז פול מיט פייער...

מ י ש א. רעדסט ווי א קינד. וועלכער איגנאראנט, וועלכער גראבער יונג, וועלכער זשוליק, שרייבט איצט ניט אין די צייטונגען?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. געוויס, זיי זיינען אלע פון דער קאטעגאריע. אה! עס האָט געשריבען א לומפּ און א שארלאטאן!.. (מען קלינגט). שאַ! ווער איז דאס? (קוקט דורכ'ן פענסטער). חצקאל? דאס איז געווים עפּעס א דעמאנסטראציע, מסתמא, וועגען דער צייטונג. (געהט איהם בעגעגענען).

ל י ז א. קומט ער איצט אפיציעל, און איך דארף פאר איהם אפיציעל ערשיינען? אדער ער קומט ניט אפּיציעל, און איך דארף ניט אפּיציעל זיך אבטראָגען?

מ י ש א. וואס פאר צערעמאָניעס? ער איז א'ן איינפאכער גוטער קערל...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. וואס פאר צערעמאניעס? מישא איז גערעכט... מישא פערשטעהט מעהר פון אונז. ער האָט מעהר געלערענט פון אונזביידע... דו הער, וואס מישא זאגט דיר, ער האָט געלערענט די העכערע מאטעמאטיק און געאָגראפּיע. אָה, וועמען האָב איך די עהרע צו זעהן? (חצקאל קומט אויסגעפּוצט, נייגט זיך).

ל י ז א. איך האָף, ניט איך, די צייטונג האָט אייך געבראכט אזוי פריה אהער.

מ י ש א. א נידערטרעכטיגע, געמיינע שמירעריי...

ח צ ק א ל. וואס איז? איך לייען זעהר זעלטען. איך בין א מענש, וואס איך צייל מעהר. נאר דער, וואס האָט ניט וואס צו ציילען, דער לייענט. (נעמט די צייטונג און לעזט). וואָס איז עפּעס!

מ י ש א. (שטיל). ער איז גאר ניט אזוי אנטיפּאטיש, אויף מיין ווארט... און ווען דו וועסט איהם נעמען אין דיינע הענד, וועסטו מאכען פון איהם א מענש.

ל י ז א. אז עס וואלט געווען אזוי גרינג פון יעדען מאכען א מענש, וואלטען אלע מענשען געווען מענשען...

טאָמער קומט היינט צו רעד וועגען דעם קאנסאָלידירען פון אונזע־רע געשעפטען, וואָלטען מיר געדארפט האָבען א קלאָרען פּלאַן... קום אקארשט אריין אין קאנטאָר אויף א מינוט.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. יא, די קאנסאָלידאציע (לעגט צו א פינ־גער צום שטערן). די קאנסאָלידאציע! עס איז א גרויסער סטראַ־טעגישער פּלאַן. (ביידע אב).

ל י ז א. מען זאגט, אז מען קוקט זיך צו און מע געוואוינט זיך צו צו א טייוועל, ווערט זאגאר דער טייוועל סימפּאטיש... מיר וועלען זיך פּרובען צוקוקען און צוגעוואוינען... שטארק ברעקלען זיך, ווי עס זעהט אויס, טאָר איך ניט, קיין נדן האָב איך ניט... וואס איז א מיידעל אהן נדן? גאר נישט... נדן אהן א מיידעל, מיט דעם קענען זיי זיך שוין בעפרידיגען, אבער א מיידעל אהן נדן איז א קליינע מציאה. דעם טאטענ'ס געשעפטען זיינען הפּנים זעהר שלעכט. פון מיר האָט זיך שוין א געלערענטער דאָקטאָר אב־געזאגט. נו, די וויסענשאפט וויל ניט, מוז מען זיך ווענדען צו קאָ־מערציע... מישא'ן געפעלט ער. מישא איז א קלוגער, פּראקטישער מענש. אה! ווען ער זאל קענען חתונה האָבען מיט מישא'ן! איך וואלט אזוי געטאנצט אויף זייער חתונה. (טרויריג). ווענינגסטענס. וועל איך העלפען מישא'ן צו ווערען א דירעקטאר פון א גרויסער פאבריק.

מ י ל ק ה. אוי, די בארישניא איז דאָ. האָבען זיי ניט קיין פּאראיבעל. מיר ווילט זיך וויסען, וואס דא טוט זיך, און מיינע פיס לויפען אליין אהער. מאמזעל, מען קען זאגען, די גאנצע וועלט וועט אייך מקנא זיין.

ל י ז א. די גאנצע וועלט? און ווי מיינסטו, מען דארף מיר טאקי מקנא זיין?

מ י ל ק ה. הלואי אהן אייער שאָדען אויף אלע יודישע מיידלעך געזאגט געווארען. א קליינינגקייט וויפיעל געלד! און וועמען וועט עס אנקומען, אז ניט חצקאל'ען גנב? דער אנדערער איז דאך ביי זיי א ליץ, א לא יוצלח, א מטורף. און חצקאל האלט אלץ אין זיין ושמעניע... אמת, זיי לעבען איצט, ווי די חזרים,

איך מיט מיין קאָפּ? בין איך אייך געקומען זאָגען, אז עס וועט זיך אנהויבען האנדלען, וואס ארט אייך, זאָגט צו 5 טויזענד רובעל נדן.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. וואָס הייסט, וואס ארט מיך? ערשטענס, דארף מען דאך האָבען, און צווייטענס, איך זאל נאָך צו צאָהלען?

ח צ ק א ל. אין קאָמערציע, ווייסען מיר, אז צוזאגען איז ניט שווער... און טאָמער האמפערט ער זיך איין, ער וויל מזומן, איז ניט געפעהרליך. איך וועל זיך געבען נדן פון מיין קעשענע... איך האָב... איך בין ניט קיין שלים־מזל'ניק.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. דו הערסט? ער אליין האָט אויך געלד. איך האָב געוואוסט, ער איז א מענש פון דער קאטעגאריע.

ח צ ק א ל. איך בין א שטילער שותף צום טאטענ'ס געשעפט, האָב איך שטילערהייט גענומען פון טאטענ'ס געשעפט. וואס דען, איך וועל זיך פערלאזען אויף נסים. איך בין ניט דער דאָזיגער! אמאָליגע צייטען האָט מען זיך געשעמט. איך בין פון היינטיגע מענשען. און איך זאג, אז מען נעמט א זאך, צום ביישפיעל, נאפרימיער, א כלה, וואס געפעלט, מעג מען בעצאהלען...

ל י ז א. די זאך, וואס געפעלט, בין איך? ניט וואהר?

ח צ ק א ל. הע, הע! וואס דען? איך האָב זיך שוין בעריהמט פאר אלע פריקאשטשיקעס און רוסישע סוחרים, אז איך נעהם ראזענבערג'ס טאָכטער. און בין דערפאר געקומען זאגען, טאָמער ברעקעלט זיך דער מאטע — גיט איהר מיר נדן, ווארום עס איז טאקי א בזיון, איך בין א מענש, וואס איך בין ווערט נדן. איך לויף צום אלטען... אדיו, אדיו. (אב).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. נו, ליזא, זעהסטו שוין וואס פאר א דורכגעטריבענער יונג...

ל י ז א. יא! אבער איך מיין, עס וואלט געווען בעסער, ער זאל זיין א'ן ארויסגעטריבענער יונג...

מ י ש א. א פּראקטישער מענש איז א רעאליסט, דערפאר קומט ביי איהם די וואהרהייט ארויס אביסעל צו גראָב... ער פּערמאסקירט זיך ניט, ווי די פאנטאזיאָרען און אידעאליסטען... פּאפּא,

אבער, איך וועל זאגען דעם אמת, איך האָב מורא, איהר זייט צו קלוג — דאָס איז שלעכט...

ל י ז א. דאס הייסט, ביי אייך קומט אויס, קלוג זיין איז א חסרון, עס איז שלעכט גאר?

ב ן־צ י ו ן. איך זאג צ ו קלוג. איך מיין, צ ו קלוג איז ניט גוט. איך וויל זאגען, עס איז ניט גוט, ווען דער קאָפּ איז דער גאנצער ב"ב, און דאס הארץ האָט ניט קיין דעה ביי א מענשען.

ל י ז א. איך מיין, עס איז נאך ערגער, ווען דאס הארץ איז דער גאנצער ב"ב און דער קאָפּ האָט ניט קיין דעה... פאר וואס זיצט איהר ניט? זיצט און דערצעהלט ,וואס ווילט איהר אונז זא־גען... (ער זעצט זיך, דרעהט מיט'ן פינגער). נאר ניט זאגען קיין מוסר... (פויזע).

ב ן־צ י ו ן. ווי איך פערשטעה, קען זיין איהר וועט ווערען מיין ברודער'ס כלה.

ל י ז א. אזוי ווייזט עס אויס, מיין ליעבער, גוטער פּאעט און יונגער פריינד.

ב ן־צ י ו ן. איהר רעדט צו מיר אזוי ווי איך בין א קינד און איהר זייט א'ן אלטער מענש.

ל י ז א. א מאן אין 20 יאהר איז נאך א יונגלינג, א פרוי אין צוואנציג יאהר איז שוין א פאלשטענדיג ענטוויקעלטער מענש... מיר ענטוויקלען זיך גיכער און מיר פערוועלקען פריהער...

ב ן־צ י ו ן. קענט איהר גוט מיין ברודער?

ל י ז א. אז מענער און פרויען זאָלען זיך גוט קענען פאר דער חתונה, וואָלט קיין מאָל קיין חתונה ניט געווען. (לאכט גע־צוואונגען).

ב ן־צ י ו ן. אז מען לאכט ווען עס ווילט זיך ניט לאכען, איז גלייך ווי מען זאָגט א ליגען. איך פרעג אייך, קענט איהר דעם מענש, וועלכען איהר ווילט אבגעבען אייער לעבען?

ל י ז א. אזא מענש, ווי איהר, איז שווער צו קענען. איהר זייט א בוך מיט פערפלאנטעטען אינהאלט. אויף יעדען בלעטעל קען קומען עפּיס אונערוואַרטעטעס. מען איז קיין מאָל ניט זיכער

אבער אז איהר וועט קומען אין שטוב, וועט איהר איבערקעהרען די גאנצע שיסעל מיט דער קאשע. ביי'ם אלטען איז ניטא קיין בעסערער מאכל פון א קאלטען מערען־צימעס מיט פעטע פלייש. איהר פרעגט איהם בחרם, וואס וויים ער פון פריקאסע מיט סאָוס מאקאראָנעס ? ניט געבילדעט, גאר ניט געבילדעט.

ל י ז א. ווייס ניט פון פריקאסע מיט סאָוס מאקאראָנעס ? יא, הפנים דער אלטער איז ניט זעהר שטארק געבילדעט... נו, און חצקאל ?

מ י ל ק ה. אה, ער איז פון די היינטיגע. א מזיק ! וואס דען, א הייליגער ? אָט אייער ברודער האָט מיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט און האָט מיך שוין פערטשעפעט... וואס דען, א מאנס־ביל דארף זיין א מאנסביל... דער צווייטער, דער בן ־ציון, איז דאך ניט קיין זכר און ניט קיין נקבה, גלאט א לעמעשקע... האָט קיין פאראיבעל ניט, איך דארף זעהן רייצלען. (אב אין אינגוועניגסטע טיר).

ל י ז א. דער צווייטער איז א הייליגער, דאס איז וואהר. אבער וואס פאר א ווערט האָבען הייליגע אין אונזערע פראקטישע צייטען ?.. מיר זיינען אלע, ווי „מ י י נ ע ר" זאגט, פון די ה יי נ ט י ג ע מענשען. אֵי, וואס פאר א שווערער שטיין עס ליעגט ביי מיר אויפ'ן הארצען. (זעצט זיך צו דער פיאנא, שפיעלט עפעס טרויעריגעס. בן־ציון קומט אריין און בלייבט ביי'ם טיר ביז זי ענדיגט. זי בלייבט זיצען פערטראכט. בן־ציון הוסט שטיל, נאכדעם שטארקער, ביז זי דערהערט).

ב ן־צ י ו ן. ענטשולדיגט, איך בין אריינגעגאנגען, האָט איהר געשפיעלט, האָב איך ניט געוואוסט, וואס צו טון, צו אוועק־געהן, צו זאגען אייך... (ער זשענירט זיך זעהר שטארק).

ל י ז א. אה, אונזער פּאָעט ! פאר וואס זעהט מען אייך ניט די לעצטע צייט ? (דריקט זיין האנד). זיצט.

ב ן־צ י ו ן. איך וואלט איצט אויך ניט געקומען, איך זאל ניט דארפען רעדען מיט אייך... יא, איך מוז מיט אייך רעדען,

טענטיילס נארישקייטען, פאר וועלכע זי בעצאהלט דערנאכדעם זעהר טייער...

ב ן ־ צ י ו ן. חכמה קומט פון קאָפּ. די וואהרהייט קומט פון הארצען. אָוי, ווען מענשען זאלען וויסען און זאלען זאָגען די וואהר־הייט !...

ל י ז א. אלזא, איהר ווילט די וואהרהייט ? בן־ציון, מען קען א פרוי ניט נארען. איך פיהל, איך וויים, אז איך געפעל אייך, אז, עס קען זיין, איהר האָט מיך ליעב מיט דער ריינער, איידעלער ליעבע פון א פּאָעט און א אידעאליסט. און, די וואהרהייט געזאָגט, איהר געפעלט מיר טויזענד מאָל מעהר פון אייער ברודער...

ב ן ־ צ י ו ן. אָה, ליזא ! דאָס, וואס איהר האָט איצט גע־זאגט... איך וואָלט עס אייך קיין מאָל ניט געקענט זאגען... נאָר נאָך וואס דארף מען רעד, אז מען פיהלט ? (קערט זיך אָב און ווישט אָב א טרער).

ל י ז א. איך האָב שוין געליעבט א מאן צוויי יאהר, אָבער אז מען האָט ניט בעצאָהלט קיין 10 טויזענד, האָט ער מיר ניט געוואָלט ערלויבען, איך זאָל איהם נאָך ליעב האָבען...

ב ן ־ צ י ו ן. דאָס איז א געמיינהייט ! איך האָב ניט גע־וואוסט, אז געלערענטע מענשען טוען געמיינהייטען צוליעב געלד...

ל י ז א. מען ווערט עלטער און מען ווערט קליגער אָדער פערדאָרבענער, און מען הויבט אָן רעכנען... יא, אמת, איך האָב שוין גערעכענט, וואָס וועל איך טון, צ. ב., אויב בן־ציון וועט אמאָל קריגען אזוי פיעל בעשלאסענהייט, אז ער וועט ניט מורא האָבען קומען און זאָגען : ליזא, איך האָב דיך ליעב, ווילסטו זיין מיין פרוי ? ווייסט איהר, וואָס איך וואָלט געענטפערט ? — ניין ! ווארום דאס וואָלט געווען א׳ן אונזיניגער קרבן, ווארום מיין פאָ־טער, מיין ברודער, מיינע אלע פריינד וואָלטען געווען געגען מיר. געגען מיר וואָלטען אויך געווען אייערע אייגענע עלטערען. די גאנצע וועלט וואָלט געווען געגען מיר, ווארום די גאנצע וועלט לאכט פון אייך און פעראכטעט אייך ; ווארום מיין חתונה וואָלט געווען א פראָטעסט געגען יעדען און געגען אלעמען ; ווארום איך

מיט דעם, וואָס קומט ווייטער... אייער ברודער אָבער איז אַ קאָנ־טאָ־בוך: אויף יעדען בלעטעל איז געדרוקט איינס און דאסזעלבע: דעבעט, קרעדיט, אונטען דער באלאנס... מען זאגט דער באלאנס איז גוט, איך האָב נאָך ניט ארייננעקוקט.

ב ן ־ צ י ו ן. ד. ה. איהר נעמט ניט חצקאל'ן, איהר נעמט דעם באלאנס? איך גלויב ניט...

ל י ז א. איך מיין, ער איז אן איינפאכער מענש מיט א רוהיגען, איינגעשטעלטען כאראקטער, מיט זיכערע מיטלען צו'ם לעבען... וואס זאל מען טון? מיר זיינען ניט קיין מלאכים, מען מוז דענקען דערפון. נו'מיר פערקערט, צ. ב. נעמען אייך: אייער כאראקטער איז נאָך ניט פאָרמירט, איהר זייט א'ן אידעאליסט אָהן בעשטימטע אידעאלען, א פרעדיגער אָהן א באלעמער, אדער פשוט — א מלמד אהן א קנעלונג. איהר זייט א קליינינקער יודישער האמלעטעל...

ב ן ־ צ י ו ן. (טרויריג). נאָך וואָס לאכט איהר פון מיר? מיר טוט וועה...

ל י ז א. איך וויל אייך ניט וועה טון, איך וויל נאָר זאָגען, אז יעדער מענש מוז עפּיס טון, יא, טון, און ניט נאָר רעדען...

ב ן ־ צ י ו ן. הייסט עס, איהר מיינט אויך, אז טהון הייסט נאָר קויפען פעל און מאכען לעדער?

ל י ז א. פאר וואָס? עס זיינען דאָ פערשיעדענע טעטיג־קייטען. צ. ב. היינט איז געדרוקט אין דער אָדעסער צייטונג א'ן ארטיקעל פון סאָראָקע, איהר האָט עס געלעזען? אזא שרייבען איז א נאָבעלע, ניצליכע טעטיגקייט... איהר ווייסט ניט, ווער האָט עס געשריבען?

ב ן ־ צ י ו ן. דאָס ליעגט מיר יעצט ווענינ אין זינען. איך פיהל, איך רעד היינט אפשר צום לעצטען מאָהל מיט אייך. איך זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט איך איצט אָנגעהויבען וויינען און שרייען. און איהר רעדט צו מיר נאָר מיט'ן קאָפּ... קאלט און גלייכגילטיג... איך ווייס, אייער הארץ איז פערשלאָסען...

ל י ז א. וואו א פרוי רעדט מיט'ן הארצען, זאגט זי מיים־

מענשען. מאנכעס מאָל זעה איך אזעלכע פערבאָרגענע זאכען אין יענעמ'ס זעעלע, אז איך שרעק זיך אליין איבער... ליזא, מיין הארץ הערט ניט אויף ווערה צו טון אויף איין אייגענבליק... מיך ארט פאר יעדען, און קיינעם ארט ניט פאר מיך. יעדער דענקט נאָר פאר זיך. אלע רעכנען, איך רעכען ניט... ווען איהר זאָלט?.. ווער ווייס? ווען איך זאָל האָבען א ביסעלע גליק, ווען איך זאָל ניט זיין אזוי עלענד אויף דער גרויסער ווייטער וועלט... אה, ווען איך זאל האָ־בען א פריינד, וועלכער זאָל מיר געבען זיין האנד! איך בין אליין... איך בין איינער אליין... (פארדעקט זיין געזיכט און ווייזנט שטיל).

ל י ז א. (גיט א טיעפען זיפץ, געהט צו דער פיאנא. נעמט עט־ליכע אקאָרדען פון ליסט'ס ראפסאָדיע און בלייבט זיצען פערטראכט).

מען הערט ראזענבערג'ס שטימע: „יא, יא, קומט אריין“. ער עפענט די טיר, ישראל יעקב און חוה, קאמיש אויסגעפוצט, און ראזענ־בערג אריין.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. וואס פאר צערעמאָניעס? מיר האלטען זיך ניט גרוים. דאָס איז מיין טאכטער. שפיעלט פיאנא און „פאר־לע וואו פראנסע“. אָה, בן־ציון איז אויך דאָ? נו, ווי איז אייער אפאראטוס, נאָך אלץ ניט אין ארדנונג? (צייגט אויפ'ן קאָפּ). צייט ווערען א שטיקעל מענש, צייט. זיצט.

י ש ר א ל י ע ק ב. דאס איז אייער טאָכטער? די גרעס־טע גאבע פון גאָט, אדער, ווי אנדערע מיינען, פון דער נאטור איז שכל... ווער רעדט נאָך, אז א יודענע האָט שכל, דאָס איז גאָר א זעלטענהייט.

ח ו ה. יא, דער גאנצער שכל איז ביי די מאנסבילען, דער־פאר פיהרען מיר זיי ביי די נעזער. (ליזא לאכט). א גוטען אבענד...

י ש ר א ל י ע ק ב. חוה, נו'מיר זיך ניט קריגען ביי פרעמ־דע מענשען אין שטוב.

ח ו ה. אהא, דו האָסט מורא? נו, זאָל זיין שלום.

י ש ר א ל י ע ק ב. מיט אייך, מיט דער ווייבערשער נא־

וואָלט געווען געצוואונגען פיעל אפפערען און וועניג ערוואַרטען; ווארום איך וואלט געדארפט זעהר אָפט אייך שטיצען און פון אייך זעהר זעלטען שטיצע קריגען; ווארום איך וואָלט געדארפט שטענדיג אייך מעהר בעדויערען, ווי אכטען... און וועה איז צו דעם מאן, וואָס דארף פון זיין פרוי בעדויערט ווערען! (בן־ציון פער־דעקט זיין געזיכט). צו ליעבען א מאן איז וועניג, מען דארף איהם קענען אכטען...

בן־ציון. הייסט עס, איהם וועט איהר קענען אכטען?

ליזא. ניין! אבער איהם קען מען זיך פערטרויען... (פויזע).

בן־ציון. (שטעהט אויף נידערגעשלאגען). אלזא, איך זעה, איך מעג שוין געהן. (וויל געהן).

ליזא. ניין, ניין! איך האָב נאָך ניט געענדיגט, איך האָב נאָך ניט אלץ געזאגט. יא, איך ווייס, געפיהלען קענען אמאָל פערבלענדען דעם שכל, פערניכטען אלע רעכנונגען און חשבונות... ווען איהר זאָלט אנצינדען אין מיר א פייער פון ליידענשאפט; ווען איהר זאלט מיר צוציהען צו זיך מיט די קייטען פון ליעבע; ווען איהר זאלט מיר פערברענען מיט אייערע קושען, — נו, דאן... כאפט עס דער רוח! מיר דאכט זיך, איך האָב אייך ליעב, בן־ציון, אָבער מיט דער ליעבע פון א'ן עלטערען פריינד, מיט דער ליעבע פון א מוטער. עס איז וואהר, איך האָב פיעל מאָל ערוואַר־טעט פון אייך מיט שרעק און מיט פרייד... זאָגאר אפשר יעצט, ווען איהר זאָלט מיר א שלעפט טון צו זיך; ווען איהר זאָלט מיר אזוי אומארמען, איך זאל דערשטיקט ווערען; ווען איהר זאָלט מיר א וואָרף טון צו אייערע פיס און זאגען: איך בין דער מיט וועמען דו מוסט געהן לעבען און ליידען! אה!

בן־ציון. איך? ניין! ניין! איך האָב מורא... הפנים איך בין ניט אזא מענש, ווי אלע מענשען. איך דענק פון אנדערע מעהר ווי פון זיך, און די אנדערע האָבען מיך פיינט דער־פאר. מיינע אויערען הערען יעדען פערבאָרגענעם, פערשטיקטען זיפץ, מיינע אויגען קוקען אריין טיעף ביז דער נשמה פון די אלע

איז רייך און אלטמאָדיש געקליידעט). אליין גאָר? און וואו איז אונזער פריינד, רב' מלכיאל? (מישא קומט).

מ י ש א. אה, געסט! און וואו איז דער פּאפּא?

ח צ ק א ל. מיר האָבען זיך שוין געקליבען געהן אהער, איז מען איהם געקומען רופען צו'ם איספּראוואניק. (שטיל). מיר האָבען ניט געוואַרט אויף איהם, ווארום אז ער וועט פון איספּראוואניק אפילו קומען א משוגע'נער, וועט ער מוזען אהער געהן, אז מיר זיינען דאָ... איהר פערשטעהט, ווי איך האָב דאס אבגעמאכט מיט מיין קאָפּ.

מ י ש א. (נעהמט דעם פאטער אָן א זייט). יעצט זעהסטו, אז די פּאפּיר, וואס דו האסט געשריבען צו'ם איספּראוואניק וועגען זיינע פערפעסטעטע פעל, איז געווען אן איבריגע זאך...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. יא, מחותנים צו ניט מחותנים, — ווייס מען נאָך ניט, און בעוואָרענען זיך האָט מען געדארפט (רעדען שטיל).

פ ר ו מ ע. (צו ליזא'ן). אז דער אלטער איז ניטא, מעג איך זאגען: אזא שידוך איז פאר אונז זעהר א גרויסער כבוד. און חצקאל גנב איז אויפ'ן זיעבטען הימעל. דער רוח, שונאי ישראל, נעמט איהם ניט, ער פערשטעהט. בן־ציון, דו ביסט שוין דאָ? פאר וואס האָסטו זיך ניט אָנגעטאָן?

ח צ ק א ל . מאמזעל ראזענבערג, איך האָב די עהרע צו רעקאמאנדירען מיין מאמע, מאדאם פרומע גארבארניקאָוו.

ח ו ה. מען וואקסט אויס אין איין שטאָדט, מען קען זיך 20 יאָהר, און דאָך כל זמן מען רעקאמענדירט ניט, דארף מען זיך מאכען, אז מען קען זיך ניט. ישראל יעקב, על פי דין בין איך מיט דיר נאָך ניט בעקאנט. 40 יאהר נאָך אונזער חתונה, און מיר זיינען נאָך ניט זארעקאָמענדירט. אן עולה!

ל י ז א. אוי, איך האָב אזא קלוגע באבוסיע נאָך ניט געזעהן... אויף מיין וואָרט, איך האָב מורא, איך וועל זיך פערליעבען אין אייך. (אומארמט זי און קושט).

י ש ר א ל י ע ק ב. חוה, האָסט ניט וואס צו לאכען. דאָס

ציע אנהויבען זיך. ניט אומזיסט האָבען גרויסע מענשען געהייסען פון אייך וויכען. און וואָס מאכסטו, בן־ציון?

ב ן־צ י ו ן. וואס זאל איך מאכען? דערוויילע געה איך אהיים. (וויל געהן).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. מיר וועלען אייך ניט לאזען. איהר דארפט ביי זיך ניט אראָבפאלען.

י ש ר א ל י ע ק ב. מען ווארפט אראב און מען הייסט ניט אראבפאלען.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. יא, דער מענש קען זיך פערבעסערען, אז ער וויל. (א פארט). ער ווייס געוויס פון דער קארעספאנדענציע און וועט געהן אהיים פלאפלען. (לויט) זיצט, אלע אייערע וועלען באלד קומען. (אלע מענער רעדען שטיל).

ב ן־צ י ו ן. איך ווייס, איהר דארפט מיך ניט און איהר ווילט מיך ניט דאָ, און איהר בעט דאָך איך זאָל בלייבען. פארוואס איז דאָס אזוי?

ל י ז א. (צו חוה'ן). עס פרעהט מיך זעהר, וואס איהר זייט געקומען.

ח ו ה. און ווי געפעלט אייך דער פאסאָן פון מיין פלאטיע? פונקט ווי די פאריזער מאָדע. איהר וועט דאך מסתמא ניט פאר־איבעל האָבען, וואס איך בין געקומען אָהן הענטשקעס... דאָס איז מיין מאָן שולדיג, וויל ניט זיין קיין „ליסטאָקראט“.

ל י ז א. (לאכט). איהר מאכט חוזק פון די „ליסטאָקראטען“, הא?

י ש ר א ל י ע ק ב. איהר דארפט זיך היטען פאר איהר, זי איז א געפעהרליכער מענש.

ח ו ה. נאט אייך שלום עליכם. (גיט ליזא'ן די האנד). ניש־קשה, איהר דארפט אייך ניט היטען... איך האָב געמיינט, מיר וועד לען דאָ טרעפען אן אָנגעבלאָזענע אינדיטשקע, און איהר זייט אזא מענש כמעט ווי אלע מענשען. (אלע לאכען. מען קלינגט).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. (לויפט צום טיר). ווער איז דאס? אָה, געסט! טייערע, געווינשטע געסט. (חצקאל און פרומע קומען. זי

ח צ ק א ל. מאמע, דו האָסט נאָך ניט געהערט, ווי מאמזעל ראָזענבערג שפּיעלט פּארטאָפּיאן?

ב ן־צ י ו ן. א ליעבהאָבער פון מוזיק!..

ר א ז ע נ ב ע ר ג. ליזא וועט אונז וואס שפּיעלען. איך דארף אייך ערקלערען, עס איז דאָ קלאסישע און ראמאנטישע מוזיקע. איהר קענט דעם קאָמפּאָזיטאָר הערר בעטכאָווען?

ח צ ק א ל. ווי זאגט איהר, מוסיו בעטכאָווען? איך האָב איהם קיין מאָל ניט געזעהן.

ב ן־צ י ו ן. האָט קיינמאָל ניט געקויפט קיין פעל ביי בעטכאווען'ען?

ל י ז א. (געהט צו דער פּיאנא. שטיל). די אייפּערזוכט רעדט פון איהם. דאָס מאכט איהם אינטערעסאנט...

מ י ש א. עס איז אן אומגליק מיט די האלב־געבילדעטע מענשען. כאפּען זיך אָן מיט אזעלכע נעמען, ווי בעטכאָווען, ספּענסער, באָקל, און פּלאקערען א וועלט...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. דער עיקר איז סיסטעמאטישע, אקאַ־דעמישע... ציוויליזאציאָן...

י ש ר א ל י ע ק ב. (שטיל). בן־ציון, פאָלג מיך און געה אהיים בעסער. איך פערשטעה, ווי דיר איז, נעבאך, אויפ'ן הארצען, אָבער וואָס איז די פּעולה? דו מאכסט זיך נאָר אליין צו'ם נאר. יסורים, וועלכע מען טראָגט איבער אין דער שטיל, מאכען דעם מענשען גרויס. יסורים אבער, וועלכע מען טראָגט ארויס אויפ'ן גאס, מאכען דעם מענשען קליין און ביליג... אז מען פאלט אראָב פון פערד, און דער פערד אנטלויפט, דארף מען ניט בלייבען ליגען אויפ'ן אָרט, מען וועט לאכען. ווי עס זאָל דיר ניט וועה טהאָן, כאפּ זיך אויף און אנטלויף.

ב ן־צ י ו ן. ניין, פעטער, איך קען ניט. מיר ווילט זיך עפּעס צורייסען אדער צוברעכען, אדער מען זאל מיך שלאָגען...

ח ו ה. (צו ליזא'ן ביי דער פּיאנא). ביזט א קלעזמערקע אויך? זעה נאָר, אונזער מחותנ'סטע מילקה. (מילקה לויפט אריין). שקאַ־ציל קומט.

רעקאָמענדירען איז דוקא זעהר א קלוגער מנהג. א יוד, למשל, ווערט באלד א גאנצער ר׳ שמעלקע מיט דיר. עסטו קאשע — שפייט ע־דיר אין דיין קאשע, האָסטו א טאבאק־פושקע — שמעקט ער ביי דיר, טראָגסטו ברילען — מעסט ער אָן דיינע ברילען, זינגסטו — ווערט ער ביי דיר א משורר. רעקאָמענדירען איז דערויף: איך מעג דיך טאקי קענען, נאָר טאָמער וויל איך ניט זיין בעקאנט מיט דיר, קריך ניט אין זיי מיט מיר ניט קיין מחותן...

ח ו ה. איז דאָך טאקי א קשיא, פאר וואס ביסטו מיט מיר אזא מחותן? (געלעכטער).

ב ן־צ י ו ן. פעטער, האָסט א טעות. דאָס רעקאָמענדירען איז א נארישע קאָמעדיע מיט א ליגען. אז מען רעקאָמענדירט א גנב, א בעטריגער, א מענש, וועלכען מען האסט און פעראכט, האָט מען דעם מוט צו זאָגען: ביי אזא מענש, ווי דו, נעהם איך ניט די האנד, און וויל מיט דיר ניט זיין בעקאנט? ניין! מען קוועטשט איהם די האנד אזוי פריינדליך, מען מאכט א זים פנים און מען זאגט: עס פרייט מיך זעהר! עס פרייט מיך זעהר! א פאלשע פערשטעלטע וועלט, מיט פאלשע אונזיניגע מנהגים.

מ י ש א. ער פילאזאפירט שוין ווידער? מערקווירדיג, מענשען אָהן א סיסטעמאטישע אקאדעמישע בילדונג האָבען אמ־מיינסטען א נייגונג צו שפיעלען די ראָלע פון טיעפזיניגע פילאָ־זאָפען!..

ר א ז ע נ ב ע ר ג. (שטעלט פאָר מישא׳ן). דאָס איז מיין אינ־זשענער טעכנאָלאָג. א געבילדעטער מענש, הא? עס קאָסט גע־נוג געלד אזא בילדונג.

ב ן־צ י ו ן. געווים מעהר; ווי מיין בילדונג און די בילדונג פון מיין ברודער.

ח צ ק א ל. איך בין געבילדעט, וויפיעל איך דארף. און דיך האָט מען דען ווייניג געלערענט?

ב ן־צ י ו ן. וויפיעל מיין בילדונג קאָסט — ווייס איך, און וואָס דיין בילדונג איז ווערט, וועלען אנדערע אָבשאצען...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. ווי פאלט אייך איין, מיר וועלען שרייבען, איצט, ווען מיר געהען מיט אייך מאכען...

מ ל כ י א ל. איהר וועט מאכען מיט דער נשמה, איך מאך מיט אייך גארניט!.. איהר האָט געוואָלט מיך ארייננכאפען אין די הענד און אב'הרג'נען מיין געשעפט? א פייג אונטער דער נאָז! מילא, איהר האָט געשריבען דעם איספראוויניק, אז איך קויף פערפעסטעטע פעל, כאפט אייך דער רוח, איז נאך א כאבאר... אבער אין די גאזעטען פאר דער גאנצער וועלט מחרף ומגדף זיין דעם נאמען יוד!..

ר א ז ע נ ב ע ר ג. איך בין טאקי אן אויפגעקלערטער, אבער יוד איז יוד. מיין נאציע איז מיר טייער! איך זאל געפינען דעם לומפ, וואס האָט געשריבען, וואָלט איך איהם אליין געשלעפט, ווי א הונד צו'ם איספראווניק.

ח צ ק א ל. מאמע, אויב איצט ניט, איז קיין מאָל ניט... די גאנצע וועלט ווייסט... אלע פריקאשטציקעס וועלען לאכען פון מיר. (בן־ציון קוקט אויף איהם).

פ ר ו מ ע. מלכיאל־לעבען, אפשר וואָלסטו אויסגעהערט, וואס מענשען זאגען.

מ ל כ י א ל. די מענשען אלע מעגען דאָ פערשטומט ווערען! וויפיעל מאָל דארף איך זאגען, מען זאל געהן אהיים? (אלע געהען). אינזשענער — שמינזינער ,דער גרעסטער אנטיסעמיט, דער גרעסטער רשע וואָלט דאָס ניט געטון. האר אוים! האר אוים!

ב ן־צ י ו ן. טאטע, ניט ער האָט געשריעבען אין די גאזעטען, און צוליעב דעם אליין דארפסטו ניט צושטערען קיין שדוך. איך ווייס, ווער עס האָט דעם ארטיקעל געשריבען.

א ל ע. ווער?

ב ן־צ י ו ן. דעם ארטיקעל האָב איך געשריבען. אָט האָסטו אפילו דעם בריעף פון רעדאקציע. (מישא נעמט דעם בריעף און לעזט).

מ י ל ק ה. בַעל הבית'טע, הצקאל! דער אלטער איז גע־קומען אהיים מיט'ן ריכטיגען שגעון. ער האָט איבערגעקעהרט א ביינקעל, אראָבגעשלעפּט דעם טישטוך מיט די לאָקשען פון טיש, און איז אין גאנצען שווארץ, ווי זאגט מען, ווי די נאכט, ווען די יודען האָבען געטאפּט אין מצרים...

ח ו ה. דו הערסט, וואס פאר א למדן זי איז? זי ווייסט, וואס די יודען האָבען געטון אין מצרים.

פ ר ו מ ע. באַלבע ניט, מילקה, און געה אהיים!.. ווערסט מיר דערצעהלען שפּעטער.

מ י ל ק ה. שפּעטער?! דער בה"ב האָט געזאגט, איהר זאלט באלד אלע געהן אהיים, ווארום, אז ער וועט קומען, וועט ער שוין אבשפּיעלען אייך א חתונה אהן קלעזמער. (אלע ערשטוינט).

ח צ ק א ל. מילקה, געה זאָג דעם טאטען, אז עס איז ניט שעהן... אז מיר זיינען היינטיגע מענשען און... (מלכיאל עפענט די טיר).

מ ל כ י א ל. מחותנים, אהיים! די מינוט אלע אהיים!

ר א ז ע נ ב ע ר ג. רב' מלכיאל, אבער אין גאָטעס ווילען...

מ ל כ י א ל. (קרימט איהם איבער). גאָטעס ווילען! גאָטעס ברילען! איהר ווילט ארייננארען דעם בער אין זאק אריין? א מכה! הצקאל, אהיים! זעהסט די גאזעטע? (נעהמט א גאזעטע פון זיין קעשענע). דער איספּראווניק האָט מיר ערשט געטיקעט די גאזעטע אין מאָרדע און האָט געשריען: פּרעם, מלכיאל! נא!

מ י ש א. דאס איז ווירקליך צו בעדויערען, אבער וואס זיינען מיר שולדיג?

מ ל כ י א ל. הערסט א חוצפּה? ווער דען קען דאָ אין סאָ־ראָקע שרייבען, אז ניט דער אינזשענער טעכנאָלאָג? האָסטו מיר ניט געזאגט דיזעלבע זאך פאר צוויי וואָכען שבת צו נאכט ווענען דעם טייך סאניטאריע — שווינאטאריע?.. אהיים!

י ש ר א ל י ע ק ב. שא! ביזט טאקי מלכיאל'עק תקיף, אבער מעגסט דאָך זיין א מאָל א מענש... און...

דעלט מציאות... נו, דו מטורף, געה אהיים! מיט דיר װעל איך זיך אברעכנען אין דער היים. דער׳הרג׳נען דארף מען דיך! דער־פאר דער׳הרג׳נען איז נאָך װעניג! (װערט פלוצלונג בייז). לא יוצלח, פרא אדם, נאָך װאס האָסטו דאָס געשריבען?

ב ן־צ י ו ן. איך האָב געװאלט, די װעלט זאל װיסען דעם אמת.

מ ל כ י א ל. װאס איז, מען צאהל דיר עפּעס דערפאר?

ב ן־צ י ו ן. ניין, מען צאָהלט מיר גארניט.

מ ל כ י א ל. גלאט אזוי אומזיסט? אהן א גראשען אומ־גליקליך מאכען דעם טאטען, פערטשעפּען נאטשאלסטװאָ, בע־שמוצען דעם נאָמען יוד, מחרף ומגדף זיין דעם גאנצען כלל ישראל... גלאט אזוי, הא?!

י ש ר א ל י ע ק ב. װאס טשעפּעסטו צו דעם כלל ישראל? איך בין אזא יוד, װי דו מיט איהם (ציינט אויף ראזענבערג׳ן) און איך זאג, װער עס האָט ליעב דעם כלל ישראל, דארף זיך ניט שע־מען און דארף זאגען צו זיינע ברידער, װעלכע זיינען ניט עהרליך, זיי זאלען זיין פיינע מענשען... מען זאגט: מלכיאל איז א גנב, שרייט מלכיאל: געװאלד, כלל ישראל! מען זאגט: מלכיאל איז א בלוט־זייגער! שרייט מלכיאל: כלל ישראל! גראבער יונג! װאו קומסטו צו כלל ישראל?

ח ו ה. שא! שא! האלט איין דעם לאשעק! כלל ישראל איז טאקי כלל ישראל, אבער קריגען זיך דארף מען דאך ניט.

י ש ר א ל י ע ק ב. ער האָט עס מיר געלעזען בעפאר ער האָט עס געשיקט אין דער צייטונג, און איך האָב איהם געהייסען... ער איז א קינד, און אויב עס איז א חטא, איז דאס מיין חטא! אויב עס איז א טעות, איז דאס מיין טעות!

מ ל כ י א ל. איך װייס, דו האָסט איהם געלערענט זיין א פילאזאף, נו, נעם איהם, װעט ער דיך איצט לערנען, װי צו זיין א מטורף! לא יוצלח, מיין שװעל זאלסטו ניט אריבערטרעטען! מעגסט אין גאס פגר׳ן פון הונגער! מעגסט אויף מיינע אויגען איינגעהמען א מיתה משונה! מעגסט... זאלסט... זאלסט...

מ י ש א. נו, געווים ער... קען קיין צוויי ווערטער ריכטיג ניט אויסלעגען — א שרייבער!

ח צ ק א ל. (לעזט דעם בריעף). טאקי ער! אוי, פער־שרפ׳עט זאל ער ווערען, דער מטורף! א מענש, הא?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. אזא דיפאמאציע! פוי! שאנדע! שאנדע! (זעהר בייז אויף בן־ציון׳ען).

פ ר ו מ ע. מענשען, קינדער, וואס איז דאָס, וואס בעדייטעט עס? איך ווייס גארנישט.

ח ו ה. שווייג שוין בעסער. אוי, וואס וועהניגער מען ווייסט, איז געזינטער.

מ ל כ י א ל. (בעטראכט דעם בריעף). ער האָט גאר געשרי־בען? ער? איך וועל דאס ניט אויסהאלטען. געוואלד! ווי האלט מען דאָס אוים? ווי האלט מען אוים!

מ י ל ק ה. (שטיל). אָט האָסטו זיך די שטילינקע! אויף אן אייגענעם טאטען דערלאנגט א פאפיער! (קוקט בייז אויף בן־ציון׳ען).

מ ל כ י א ל. דו, מטורף, ביסט גאר א שרייבער אויך, הא?

פ ר ו מ ע. ווייס איך, מלכיאל, וואס גלויבסטו איהם? א בעריהמער. ער ווייס דען, וואס ער רעדט?..

מ ל כ י א ל. הם!.. איצט קען איך גלויבען, אז צום אים־פראווניק האָט אויך ער געשריבען. געדענקסט, חצקאל, זיינע רייד וועגען דער בהמה׳לע?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. א מענש, וואס שרייבט איינם, שרייבט אויך דאס צווייטעס... נאטירליך.

ב ן־צ י ו ן. דעם ארטיקעל האָב איך געשריבען, — זאג איך. דער, וואס האָט געשריבען צו׳ם איספראווניק, קען ניט זאגען קיין אמת... שווייגט ער...

מ ל כ י א ל. (מאכט זיך רוהיג. קוקט זיך אום). פוי, וואס דאָ טוט זיך! . מחותן, אז אין שטוב שטעהט א סך, ליעגט אין קעשענע וועהניג... און דאס איז די מאמזעלכען? סחורה ווי גאָלד... חצקאל לאפאק האָט שוין שטענדיג אזא טרפה׳נעם גליק, ער האָנ־

א סחורה, גערעכטיגקייט אדער געשעפט? איך וואָלט געוואָלט
וויסען, ווער איז דאָ ביי אייך א מענש, דער וואס פיהלט און
דענקט, צו דער וואס שווינדעלט און לעבט ווי א דבר אחר? וואס
איז ביי אייך דאָ טהייערער, מענשליכע געפיהלען, צו חשבונות,
רעכנונגען און קאָנטע ביכער? יא, איהר קענט איבערלייענען,
וואס איז געשריעבען אויף אן אססיגנאציע, אויף א וועקסעל, איהר
קענט אבער ניט איבערלייענען, וואס עס איז געשריבען אין האר־
צען און אין דער זעעלע פון א מענשען! יא, איהר קענט לייענען
אין די נאָטען און אויסקלאפּען מיט די פינגער א מעלאָדיע, איהר
קענט אָבער ניט פערשטעהן די מעלאדיע, וואָס דעם מענשען'ס
הארץ זינגט. דער טאטע איז גערעכט. ער וויל ניט הערען, ניט
זעהן, ניט וויסען פון מיר... גערעכט! מיר האָבען גענוג געזעהן
איינע פון די אנדערע, גענוג איינע פון די אנדערע געהערט און
געוואוסט... עס איז צייט מיר זאלען שוין איינע די אנדערע ניט
זעהן, איינע פון די אנדערע ניט הערען און ניט וויסען! (געהט.
נאָך איהם ישראל יעקב מיט חוה'ן).

פאָרהאנג.

פ ר ו מ ע. מלכיאל, פערשעלט איהם ניט, ער איז אזוי אויך אן אונגליקליכער

מ ל כ י א ל. איך וויל איהם ניט זעהן. איך וויל ניט הערען פון איהם, איך וויל פון איהם ניט וויסען! ארויס!..

ב ן־צ י ו ן. (שטיל און טרויריג). דער פעטער זאגט, עס קען זיין עס איז א טעות, וואס איך האָב געשריבען... אויב דאס איז א טעות, האָב איך מורא, איז אלץ א טעות. אונזער לעבען א טעות, די גאנצע וועלט א טעות, זאָגאר דער אמת אליין א טעות... פעטער, איך וויל דיך עפּעס בעטען. אויב דו וועסט מיך נעמען, וועל איך געהן צו דיר. איך האָב ניט געקענט לערנען עפּעס אנדערס, וועל איך איצט לערנען א מלאכה. מלאכה איז ניט שווינדעל, ניט האנדעל, ניט בעטריגערייי... איך האָב גאר ניט איצט וואס אנצוא־ווערען... איך געה...

ח ו ה. קום, בן־ציון, אזא יאהר זאל איך האָבען, וואס פאר א גאלדשמיעד פון דיר וועט אויסוואקסען. וועסט אפשר ניט האָ־בען אזוי פיעל קללות מיט שטעקענס, ווי אין אן אייגענע היים.

ל י ז א. (שטיל). אבער צרות — פונקט ווי ביי א לייבליכען טאטען. אוי, עס קען זיין, איך אליין פערשטעה ניט, וואס איך פערליער אצינד. פארוואָס האָט מיר אזוי אנגעהויבען וועהטאָן דאָס הארץ?

ב ן־צ י ו ן. איך געה... איך האָב געמיינט, אז א טאטע...

מ ל כ י א ל. איך געפעל דיר ניט? וועסטו מיך בעשרייי־בען אין דיינע חזר'שע גאזעטען! אנטיסעמיט! המן הרשע! צורר היהודים! מטורף!

ב ן־צ י ו ן. יא, טאטע, עס איז צייט, איך זאל זאגען דעם אמת אפען — דו געפעלסט מיר ניט! איהר אלע דאָ געפעלט מיר ניט! זעהר שטארק! דו האָסט געוואלט, איך זאָל ניט וואגען אויפהויבען מיין געדאנק העכער פון דער פאדמיאָטקע, וואס מען מאכט פון דיינע פּאָדעשוועס. איך וויל זיין א מענש! ווע־מען האָט איהר דא ליעב? דאס געלד, צו דעם אמת? וועמען דיענט איהר דאָ, גאָט אדער דעם עגל הזהב? וואָס איז ביי איך

י ש ר א ל י ע ק ב. איך פרעג דיך, ווייל דו מיט דיין קלארען גנב'ישען קאָפּ קענסט יעדע זאך צוגלידערען אויף פּיצ־לאך. איך אבער בין צופיעל פערגלויבט אין איהם און איך טרוי זיך אליין ניט. א גרויסע זאך, הא?

ח ו ה. אז איך בין ניט קיין גרויסער מאשיניסט, דאָס ווייס־טו דאָך. נאָר איך מיין, אז די מאשינע וועט אפילו ניט געהן איי־ביג, איז דאס אויך זעהר א גרויסע התפעלות. געוואלד, וואָס א קאָפּ פון א מענשען קען אויסטראכטען! איך האָב געהערט, מען פאָהרט איבער'ן שטאדט אָהן פערד און מען ארבייט זאַקען אהן הענד... מען וועט שוין באלד אויסטראכטען א מאשינע, וואס וועט קענען דאווגען אהן א יודען.

י ש ר א ל י ע ק ב. נאר עס איז שוין דאָ אזא מאשינע אין אמעריקא, אז דו זיצט דאָ און ווילסט, כדומה למשל, עסען, גיסטו נאָר א קוועטש א קנעפּעל פון עלעקטריע, זיצט שוין דארט א סאַלדאט און עסט פאר דיר. (זיי לאכעןביידע).

ח ו ה. עס איז ניט נאר אין אמעריקא, אומעדום איז דאָ סאלדאטען, וואס עסען פאר אנדערע. און מען דארף גאר אפילו דעם קנעפּעל פון עלעקטריע ניט קוועטשען...

י ש ר א ל י ע ק ב. יודענע, האָסט אַן אלטען ממזר'ישען קאָפּ אויף זיך. און בן־ציון איז א גאון... דו האָסט בעמערקט, די לעצטע צייט גיבען אונז די יודען אלץ וועניגער און וועניגער אר־בייט... עס איז איבער בן־ציון'ען... זיי זיינען איהם אלע שונאים, און פרעג זיי בחרם פאר וואס? אלטע, זאָלסט ניט זאגען בן־ציון'ען, אז איבער איהם פארלירען מיר ארבייט.

ח ו ה. ער האָט עס שוין אליין בעמערקט... יע! ניטא קיין יודען, שיקט גאָט צו עטליכע גוים... הלואי זאָל גאָט העלפען יעדען יודען, ער זאל ניט דארפען אנקומען צו קיין יודען...

י ש ר א ל י ע ק ב. חוה, ביסט א וואוילע יודענע. אוי, זיי־זשע מוחל, געב מיך א קראץ אין פּלייצע לעבען דער לאָפּעט־קע, נידריגער אביסעל, נידריגער... אָט! אָט! אָט!

ח ו ה. (קראצט איהם). אלטער גנב עס בייסט דיך דען? גאר

דריטער אקט.

(צוויי מיט א האַלב יאהר שפּעטער).

נאכט. א קליינער קעראָסינאָווער לאָמפּ ברענט אין ישראל־יעקב'ס ארבייטס־צימער. זעהר ארעם, אבער ריין און געמיטליך. אויף די ווענט פּיעלע אלטע זייגערס; צוויי טישלעך מיט געצייג. עטליכע טיגלען. ביידע טישלעך שטעהען ביי צוויי פענסטער. ביי איין טישעל ארבייט ישראל יעקב מיט א פערגרעסערונגס־רעהר אויף זיין אויג. דאס צווייטע טישעל איז צוגעדעקט מיט א פאַרטוך. לעבען צווייטען טישעל אויף דר'ערד ליעגען פיעל ביכער. ביי'ם אייווען אויף א קליינעם ביינקעלע זיצט חוה און ארבייט א זאָק.

ישראל יעקב. חוה! הא! חוה! (ארבייט). חוה, דו הערסט ניט, אז איך שריי צו דיר?

חוה. יא, אז דו שרייסט צו מיר, הער איך.

ישראל יעקב. פארוואָס־זשע הערסטו ניט, אז איך שריי?

חוה. מסתמא שרייסטו ניט, אז איך זאל הערען.

ישראל יעקב. אלטע,מאך זיך ניט נאריש. איך האָב דיך געוואלט פרעגען אן ערנסטע זאך.

חוה. אז דו וואָלסט געוואָלט פרעגען, וואָלסטו דאָך גע־פרעגט. מסתמא ווילסטו ניט.

ישראל יעקב. אהן קאַטאָוועס, חוה, איך האָב דיך געוואלט פרעגען וועגען בן־ציון'ס מאשינע. ווי מיינסטו, עס איז ניט א משוגעת, חלילה?

חוה. וואס פרעגסטו מיך? דו דארפסט דאך זיין א גרע־סערער מבין אויף משוגעת'ן.

האָב אייך געבראַכט צו פערריכטען מיין גאָלדענעם זייגער (גיט זיין זייגער. אַ פּאַרט, ווינקט). איך מיט מיין קאָפּ!..

חוה. זעהסט, איך האָב דיר געזאגט, גאָט וועט צושיקען א גוי...

ישראל יעקב. וואָס גלויבסטו איהם? (קוקט אויפ'ן זייגער). מסתמא, איז עפּעס א קאָמערציע... דעם זייגער וואָלט ער געקענט שיקען ער האָט גענוג משרתים ויוצר משרתים

חצקאל. נו, און וואו איז ער, אייער אסיסטענט זייגער־מאכער? ער האָט שוין ווידער אנגעפּאטשקעט אין די גאזעטען... מיר ליעגט ניט אין זינען צו לייענען זיין שמירעריי... מען זאָגט, ער בעשרייבט די תלמוד תורה. די גאנצע שטאָדט קאָכט מיט איהם. וואו איז ער?

ישראל יעקב. בן־ציון איז געגאנגען קויפען קוועק־זילבער פאר זיין מאשינע. דו זאלסט זעהן, וואס ער האָט ערפונ־דען! ביי איהם אין קאָפּ ליעגט מארך, ניט דעם טאטענ'ס פּאָ־דעשווע.

חוה. איך האָב יסורים, וואס ער זאמט זיך אזוי... ווען ער געהט ארוים, מוז זיך מיט איהם וואס טרעפען. אדער מען טשע־פּעט זיך צו'ן איהם, אדער ער מישט זיך אריין אין א פרעמדע געשיכטע. פאראכטאגען זונטאג האָט ער דערזעהן, ווי א שכור'ער גוי האָט אנגעהויבען שלאָגען זיין ווייב. נו, בן־ציון האָט זיך, מסתמא, אנגענומען פאר דער גוי'ע, האָבען זיי זיך ביידע אנגענו־מען פאר איהם. וואס הייסט, שרייט די גוי'ע, א פרעמדער זאָל זיך אריינמישען, ווען אן אייגענער מאן שלאָגט? און זיי האָבען איהם ביידע געבראכען די ביינער.

חצקאל. נו, יא, דערזעלבער מטורף ווי געווען. וואס איז דאָס פאר א מאשינע? טאקי עפּים ווערט?

ישראל יעקב. ווי איך פערשטעה מיט מיין שכל, וועט דיעזע ערפינדונג מאכען א רעש אין דער וועלט... און עס איז א סברה, אז דא ליעגען מיליאנען־מיליאסען...

חצקאל. (פערזאָרגט). אזוי? פעטער, הפנים, ווי איך

ניט, בן־ציון איז ניטא, ווילסטו מיט מיר א שטיף טון. ישראל יעקב, דו ווייסט, איך האָב יסורים, וואס בן־ציון זאמט זיך. (א געַרויש). איך הער א פרעמדער געהט. (חצקאל קומט; שעהן געקלייַדעט). זעה נאר א גאסט, ווי איך בין א יודענע, מען דארף איינוואַרפען דעם אויוועַן.

ישראל יעקב. חצקאל גאר! דאס האָט מען גע־דארפט אויסטרובען בחצוצרות וקול שופר.

חצקאל. גוטען אבענד! איא, אן אונערוואַרטעטער גאסט? (טוט אויס דעם פּאַלטאָ).

ישראל יעקב. איך געדענק גאר ניט, ווען דו ביסט געוועזן דאָ... געדענקסט, חוה, אז ער איז געוועזן א יונגעל, פלעגט ער אמאָל אריינקומען? מען פלעגט איהם נאך דארפען דער־מאהנען ווענען דער נאָז.

חוה. און מען האָט געדאַרפט גוט אכטונג געבען, ער זאָל ניט גנב'נען די רעדלעך פון די צונומענע זייגערס... ער האָט גע־האט א גרינגע האנד.

ישראל יעקב. ער האָט געהאט פון קינדרווייז אַן א האנד פון א סוחר.

חצקאל. נו, ווען האָב איך צייט געהאט געהן צו גאסט? מיט מיין ארבייט, מיט מיינע געשעפטען, וואס איך האָב אויף מיין קאָפּ? ווער רעדט, נאך דער חתונה, בין איך אין גאנצען אריין אין דער קאָמערציע...

ישראל יעקב. ווי די צייט פליהט! עס איז שוין, מסתמא, צוויי יאהר, ווי דו ביסט א בעל הבית'על.

חוה. יא, מחשבות'ן, וואס מאכט דיין ליזא? וואס מאכט דאָס קינד?

חצקאל. וואָס פעהלט איהר? געזונד, ווי א פערד, קיין עין הרע. זי האָט צוגענומען צוועלף פונט. און דאס קינד ליענט מיר זעהר אין זינען. איך האָב צייט... און ווי אזוי קען מען געהן צו אייך? איהר זייט דאָך פון זיין צד... ברוגז! פּעטער, איך

ח ו ה. מיין קינד, איך בין נאָך צו יונג. ערשט 62 יאהר געוואָרען. האר אויס, איך וועל אונטערוואקסען, וועל איך אנהויבען צו שטודירען, ווי אזוי צו זיין א מעקלערקע...

ח צ ק א ל. איך פערשטעה ניט, וואס איהר זייט פאר מענשען. (א גערויש). זעהר זעלטען גיט זיך איין א מענש מיט א גוטען קאָפּ.

ח ו ה. שא, אט געהט בן־ציון, וועט ער דיר געבען צו פערשטעהן. בן־ציון, קום נאָר אהער גיכער. זעה, וואס פאר א גאסט מיר האָבען. (בן־ציון קומט. זיין געזיכט איז בלאס, ער טראָגט א קליין בערדעלע. זיין אלטער זשאקעט איז אויסגעשמירט אין שטויב, א קעשענע אבגעריסען. פון אן אויער רינט בלוט). זעה נאָר, וועה מיר, וואָס איז מיט דיר?

ב ן ־ צ י ו ן. גאָר ניט, קינדער, שרעקט אייך ניט. מען האָט מיך ווידער געשלאָגען. די מלמדים פון תלמוד תורה און גלאט אזוי א פּאָר פרומע יודען האָבען מיר געגעבען ארגומענטען געגען מיין ארטיקעל. (נעמט ארויס א ציימונג). זעהסט, פעטער, אבגעדרוקט ווארט אין ווארט. (בעמערקט חצקאל'ן). אה, קלעפּ איז וועניג, מיר האָבען א גאסט אויך. אז עס הויבט אָן געהן — געהט שוין.

ח ו ה. זעה נאָר, ביי דיר בלוטיגט אן אויער. די הענד זאל זיי אבנעמען! עס טוט דיר וועה?

ב ן ־ צ י ו ן. וויים איך, יודישע קלעפּ! צודראפּעט אן אויער, צוקראצט די נאָז און אָבגעריסען די קעשענע. דער גוף טוט ניט וועה פון זייערע קלעפּ, אבער די נשמה, דאָס הארץ זיינען צוגעוועהטאגט און צוואונדעט. פעטער, דו ווייסט, מיט מעהר רציחה פון אלע האָט מיך געשלאָגען דער געלער יוד. געדענקסט, איך האָב איהם צוויי מאָל אומזיסט פּראָשעניעס געשריעבען צו'ם פּראָקוראָר, צוויי נעכט אבגעזעסען. און ער האָט ניט געהאט קיין געלד אויף א הערבאָווע מארקע, האָב איך איהם מיינע לעצטע 40 קאָפּ. אפּגעגעבען.

י ש ר א ל י ע ק ב. מילא, ער האָט דיך געשלאָגען, האָסט

זעה, ווייסט איהר ניט, אז אונזער אלטער איז שטארק קראנק. עס קען זיין, ער וועט זיך אָבטראָגען.

י ש ר א ל י ע ק ב } מלכיאל איז קראנק? וואס איז איהם?
ח ו ה }

ח צ ק א ל. ער זאגט ניט, וואס איהם איז, און וויל ניט קיין דאָקטאר בשום אופן — זיינע משוגעת'ן!.. איך פערשטעה יעדע זאך. מיך דארף מען ניט לערנען. מיין אויג קוקט און איך וויים, דעם אלטען'ס קרענק איז ניט קיין שפיעלכעל. ער דארף האָבען א ראק אין מאָגען, ווארום וואס ער עסט גיט ער אָב צוריק. קען ניט עסען... נו, וואס איז פאר א לעבען אהן עסען? הערט, איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך בין געקומען אביסעל וועגען געשעפט.

י ש ר א ל י ע ק ב. קוועטש זיך אוים מיט'ן אמת: ווילסט איך זאל דיר לייען תרפ"ק אלפים קערבלעך? הא?

ח ו ה. אפשר וויל ער דיר פערקויפען א פּאָר נייע כּאָליע־וועס?

ח צ ק א ל. איך מיין ניט קיין קאטאָוועסלעך. איך וויל רע־דען מיט בן־ציון'ען. שטעלט אייך פּאָר, דער טאטע, זאל לעבען, שטארבט אוועק און לאָזט איהם איבער בירושה א פייג... אלס קאָמערטשעסקי מענש... איהר פערשטעהט?

י ש ר א ל י ע ק ב. דערווייל הויב איך ניט אָן צו פער־שטעהן.

ח ו ה. וואס פערשטעהסטו ניט? א פייג פערשטעהסטו? א קאָמערטשעסקי מענש פערשטעהסטו? וואָס נאָך איז דאָ צו פערשטעהן?

ח צ ק א ל. איך מיין פשוט וועגען דער ירושה. ער איז א פילאָזאָף, קען ער גאר ניט פערשטעהן. איהר אָבער זייט דאָך א שטיקעל מענש, איהר קענט מיר העלפען.

י ש ר א ל י ע ק ב. אויב איך בין יע א שטיקעל מענש, ראט איך דיר: אויב דו האָסט א קאָמערציע צו בן־ציון'ען, רעד מיט איהם און פון איהם וועסטו קריגען די ריכטיגע תשובה.

ח צ ק א ל. מומע חוה, אפשר וואלט איהר מיר געהאלפען?

ח צ ק א ל. איך וויל זאגען, דער טאטע איז ניט מעהר, ווי א לעבעדיגער מענש, און יעדער לעבעדיגער מענש שטארבט.

ב ן־צ י ו ן. יעדע לעבעדיגע זאך שטארבט. הא! איך זעה, דו הויבסט אויך אָן א פילאזאף צו ווערען.

ח צ ק א ל. דער טאטע איז אויף דיר מלא רציחה, ער קען דיין נאָמען ניט הערען. און מעגסט זיין זיכער, ער וועט דיר אין זיין צוואה איבערלאזען א פייג אונטערגעשלאגען מיט פוטער. ער וויל דיך ניט קענען.

ב ן־צ י ו ן. נו, איז דאָך גוט, וואס־זשע ווילסטו?

ח צ ק א ל. איך וויים, דו ביסט אן עהרליכער מענש, און אז מען וויל דיר ניט געבען קיין ירושה, ועסטו ניט וועלען נעמען.

ח ו ה. אז מען וויל ניט געבען, וואָס קען העלפען דאס ווע־לען נעמען?

ח צ ק א ל. דו פערשטעהסט... איך בין זיכער, דער אלטער וויל דיר ניט געבען, אבער איך בין ניט זיכער, צו דער אלטער האָט א צואה. דו פערשטעהסט?.. זאָגען איהם איז שלעכט... און אויס־געפינען איז שווער. נו, שטעל זיך פאָר, ער נעמט, דער אלטער, און שטארבט אָב אָהן א צואה? דאן האָסטו א רעכט צו מאָנען האלב. איך וויים, ביסט א צו איידעלער, א צו עהרליכער מענש, זאָלסט מאָנען, ווען דו ווייסט, אז דער טאטע האָט דיר גאָר ניט איבערגעלאָזט, און דיר קומט ניט. אָבער געזעצליך וועסטו האָבען רעכט.

ב ן־צ י ו ן. דער טאטע לעבט נאָך און דו טיילסט זיך שוין מיט דער ירושה!.. האָסט קיין צייט ניט?

ח צ ק א ל. מיר זיינען לעבעדיגע מענשען, און עס איז בע־סער, אז מען בעווארענט זיך. איך האָב געהערט, אין שווייצאריע, וואו איז דאָס עפּים? אין דייטשלאנד צו וואו? יא, אז אין שווייצאריע קען מען לערנען מעכאניקע... דו קענסט סאי ווי סאי ניט בלייבען אין סאָראָקע... איך וועל דיר געבען געלד... איך בין דאָך א ברודער און וויל דיך ניט בערויבען אומזיסט...

איהם באטש א טובה געטהאָן. פאר וואס האָבען דיך די אנדערע געשלאגען! מען וועט שוין באלד ניט קענען ארויסגעהן אין גאס איבער זיי.

ח צ ק א ל. יא, איך פערשטעה אביסעל מעהר פון אן אנ־דערען און איך זאָג, ער האָט געדארפט אוועקפאהרען פון דאנען, ווארום אויב מען וועט איהם ניט דער׳הרג׳נען, וועט מען איהם ארויסשיקען פון שטאדט. קהל וויל דערלאנגען א פראשעניע צו׳ם גובערנאטאר. מען קען דאָך ניט אויסהאלטען. מיך קאָסט די תלמוד תורה געלד, און איך קען זאָגען א דעה און מיש זיך ניט. קומט ווייס איך ווער און מישט זיך אריין... א יודישע תלמוד תורה איז ניט קיין גוי׳אישע שקאָלע... עס איז שמוציג? נו, וואס ארט דיך... מען שמייסט די קינדער? דערויף זיינען זיי דאָך קבצנים. זיי זאלען ניט זיין קבצנ׳ישע קינדער, וואלטען זיי ניט געגאנגען אין תלמוד תורה לערנען...

ב ן־צ י ו ן. נו, יא! די אלטע לאָגיקע. מען נעמט קהל׳שע געלד און מען צו׳גנב׳עט, נו, וועמען ארט דאָס? מען נעמט אָרע־מע קינדער און מען פערדולט זיי די מוחות און מען פערקריפעלט זיי, — א דאגה, דערויף זיינען זיי קבצנישע קינדער... ניין! איך וויל מען זאל די ארעמע יודישע קינדער לערנען, ווי מען דארף לערנען, ווארום איך... איך וויים, ווי אונגליקליך איז דער מענש, וואָס האָט ניט געלערענט ווי מען דארף!.. פעטער, מעהר פון אלץ פערדריסט מיך, זיי האָבען מיר צובראכען דעם פלעשעל מיט׳ן קוועק־זילבער, — וואו וועלען מיר יעצט אזוי גיך קריגען געלד?

ח צ ק א ל. איא, עס איז שלעכט אהן געלד? הער, דו ווייסט דאָך, איך רעד אפען, איך ווייס ניט קיין חכמות און אוי־בערשפיצלעך. יעדער ווייס, איך בין ניט קיין נאר, און מיט א מענש, וואס פערשטעהט, קען איך אבמאכען דעם גרעסטען גע־שעפט אין צוויי מינוט... מיט איך אבער איז אן אומגילק, מען קען זיך מיט אזעלכע ברואים ניט צונויפרעדען...

ב ן־צ י ו ן. ווילסט עפּעס זאָגען — זאָג, וואס מעקעסטו?

ח צ ק א ל. (אַ פּאַרט). אז איך טראַכט אוים מיט מיין קאָפּ !..

ח ו ה. וואס שווייגסטו, אלטער נאר ? ער שרייבט דאָך שוין אונטער !

י ש ר א ל י ע ק ב. און וואס שווייגסטו ? הייסט, אז דו וועסט שרייען, וועט דאס דיר עפּים העלפען ? ער קוקט גאר ניט, וואס אין פּאַפּיער שטעהט.

ח צ ק א ל. ניש'קשה, אויף אזא מענש, ווי איך, קען מען זיך פערלאזען... (נעמט דאס פּאַפּיער פון בן־ציון'ען). הא ? וואס איז דאָס ? וואס האָסטו אויפגעשריבען ? חכמות גאָר ! דאס הייסט געשעפּט ?! פע ! מעגסט זיך שעמען !

י ש ר א ל י ע ק ב. (קוקט אריין אין פּאַפּיער און לעזט). „חצקאל, ביסט א גרויסער פערד !" חוה, ווי געפעלט דיר אזא חתימה ? (ביידע קוקען זיך אָן און לאַכען. חצקאל טוט אָן זיין פּאַל־טאָ, זעהר בייז).

ח ו ה. חצקאל, האָסט זיך אויסגעבעטען א כתיבה און חתימה טובה.

ב ן־צ י ו ן. (בייז). דו האָסט עס געוואָלט האָבען שווארץ אויף וויים ? האָסטו דאָס... דו, פערד, האָסט געמיינט, וועסט קומען, זאגען מיר, אז איך בין אן עהרליכער, אן איידעלער מענש, און וועסט שוין קריגען, וואס דו דאַרפסט. עס איז דען א שווערע זאַך צו נעמען אויף זיכער אזא יאָלד ! איהר מיינט דאָך, איהר זייט די חכמים, און מיט אונז, נאַראָנים, קענט איהר טון, וואס איהר פערלאַנגט... עזעל ! נאָך ווייסטו ניט, אז איך זעה דיך דורך און דורך ? נאָך פערשטעהסטו ניט, אז איהר קענט אונז נאַרען נאר ווייל מיר לאָזען זיך נארען !.. איהר זייט די חכמים, ווייל איהר קענט מאכען געלד ! עס איז א גרויסע חכמה, הא ? גנב'נען, אבנארען, שווינדלען, פערקויפען פוילע סחורה פאר גוטע, קויפען ביליג און פארקויפען טייער, לייגען, זיין א מאַשעניק, רייסען פּראָצענט פון איין ארעמאן, בענוצען זך מיט די הילפלאזיג־קייט פון אנדערע, — די אלע זאכען, וועלכע איהר רופט מיט'ן נאָמען קאָמערציע, — דערויף דאַרף מען קיין שכל ניט. יעדער

ישראל יעקב. א גוטער מענש: וויל בערויבען אבער ניט אומזיסט.

חצקאל. שרייבט מיר אונטער א פאפיער... דאס הייסט, אז דו וועסט ניט האבען קיין פרעטענזיעס.

בן־ציון. ווי דו זאגסט, בין איך אן איידעלער, אן עהרליכער מענש, פאר וואס ווילסטו זיך ניט פערלאזען אויף מיין יושר?

חצקאל. יושר?! געזעצען, זאקאנעם לאכען פון יושר... איך בין פון היינטיגע מענשען און איך וויים, אז אן אונטערגע־שריבענע פאפיער איז שטארקער פון יושר. עס ווייזט שווארץ אויף ווייס.

בן־ציון. אן אונטערגעשריעבענע פאפיער איז שטארקער פון יושר? הו! הער, קיין געלד דארף איך ניט. ווי קום איך מיט מיין שכל צו וועלען געלד? איא? שווייצאריע געפינט זיך ניט אין דייטשלאנד. שווייצאריע געפינט זיך אין שווייצאריע, און פאהרען אהין לערנען מעכאניקע וויל איך ניט... נאר א פא־פיער, אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אונטערשרייבען... דו האסט דאך, מסתמא, א פארטיג פאפיער מיט זיך? נו, וואס דען! (חצקאל נעהמט איילענדיג א פאפיער פון קעשענע). פאר וואס ציטע־רען אזוי ביי דיר די הענד? וואו איז אקערשט מיין טינט און פעדער?

ישראל יעקב. וואס הייסט? ביסט זיך ניט מישב, פרעגסט ניט, נעמסט און שרייבסט?

חוה. דו ווילסט שריפטליך בעווייזען חצקאל'ען, אז יעדער מאראוויכער קען טון מיט אונז, וואס ער וויל?

חצקאל. ניש'קשה!.. איך פערשטעה א מענשען און איך זאג, א סך מענשען האבען זיך געמעגט לערנען ביי איהם, ווי צו זיין עהרליך און פיין.

בן־ציון. איא? דו האסט ליעב, ווען דער אנדערער איז עהרליך און פיין? אט שרייב איך דיר, וואס דו דארפסט. (שרייבט).

און קיין גנב. איז ער א פרומער, בע׳גנב׳עט ער גאָט; איז ער א גוטער בע׳גנב׳עט ער זיינע מיטמענשען; איז ער א געלערענטער, ערנידריגט ער זיין וויסענשאפט. ווער פון זיי איז ניט קיין פיינ־לינג? ווער האָט מוט גענוג צו זאָגען דעם אמת? וואָס איז ווערט זייער ליעבע. עלטערען האָבען ליעב זייערע קינדער, ווען די קינדער האָבען ניט קיין אייגענעם ווילען און טוען אלץ, וואָס קען זיי, די עלטערען, ברענגען כבוד און פערגעניגען; אז ניט — צו׳ם שווארץ יאהר די קינדער! און די קינדער ליעבען דעם טאטען, קוקען אריין אין דער צוואה און צעהלען די ירושה. אז עס איז אבער ניטא וואָס צו צעהלען, איז ניטא קיין קינדער־ליעבע. און וואס איז זייער אלעמענס גליק, זייער שטרעבונגען? הבל! הבל הבלים! (טוט אָן זיין פארטוך און זעצט זיך ארבייטען ביי זיין מאַשינע).

י ש ר א ל י ע ק ב. (ארבייט). האָסט געגעבען א שפּיי אויף דער וועלט און מיינסט, אז דיין שפּיי איז אזוי גרויס, אז די גאנצע וועלט איז דערטרונקען געווארען. שוטה, עס איז גאר ניטא מענשען, וואס זיינען גליקליך, וואס האָבען באמת ליעב? אט בין איך מיט מיין אלטע, מיר זיינען טאקי קליינע מענשעלעך און קבצנים, מיר האָבען אבער אבגעלעבט 40 יאהר צוזאמען, מיר זיי־נען געווען גליקלעך, און מיר האָבען זיך שטענדיג געליעבט... ניין אפשר, חוה?

ח ו ה. אוי, הלואי וואלט מען נאר געקענט ווידער אנהויבען פון אנהויב.

י ש ר א ל י ע ק ב. און איך בין זיכער, מיר זאלען האָבען קינדער, וואלטען מיר זיי אמת געליעבט, און זיי וואָלטען אונז געליעבט. (ער ארבייט).

ב ן־צ י ו ן. אָט האָסטו די גערעכטיגקייט! אזעלכע ווי איהר האָבען ניט קיין קינדער און מלכיאל גארבער דארף זיין א טאטע.

ח ו ה. נאָך וואָס האָסטו געלאזט, דיין טאטע זאל דיר א טאטע זיין?

נאר, יעדער גראבער יונג, יעדער ליץ קען דאָס טון, און איך זאל װעלען, װאלט איך אפשר אויך געקענט זיין א חכם ביי פּאָדעש־װעס מיט פעל פונקט װי דו! זיין א געלדמאכער, א גנב איז זעהר לייכט. עס איז זעהר שװער אָבער צו זיין אן עהרליכער אויפריכטי־גער מענש!

ח צ ק א ל. (בעזינט זיך). האָסט א ביסעל צופיעל גערעדט, נאָר גאָר ניט... אין געשעפט דארף מען זיך ניט היצען. ניט איך בין דער מענש, װאס װעט איבער א חכמה אָדער א שפּיי אין פּנים געהן איבערפיהרען א געשעפט. איך האָף, װעסט זיך איבערלעגען און בערעכנען...

ב ן־ציון. ביסט גערעכט, איך האָב צו דיר צופיעל גערעדט און אומזיסט. אָבער העכער 2 יאהר האָב איך דיר א װאָרט ניט געזאגט, האָב איך דיר היינט געגעבען א גרויסע פּאָרציע. (עפענט די טיר). געה אהיים, חצקאל, און לאָז געריסען דעם טאטען!

ח צ ק א ל. פעטער, ערקלערט איהר איהם, ער זאל ניט זיין קיין יונגעל. װאס איז די פעולה, אז מען מאכט זיך נאריש? צייט, צייט נעמען זיך פאר'ן שכל... מען װעט דארפען מיין אינזשענער זאל זעהן זיין מאשינע. טאָמער ליעגט געלד אין דעם, קענען מיר דאָך דאָס מאכען. (לויט). האָט א גוטע נאכט. (אב).

ח ו ה. זעה, פערטשעפּע זיך ניט אין הויז פאר דער מולטער.

י ש ר א ל י ע ק ב. בן־ציון, דו װייסט, דער אלטער איז קראנק.

ב ן־צ י ו ן. טאקי? איך האָף, ער איז ניט געפעהרליך. ער האָט א שטארקע נאטור. הערסט? דער אלטער פיהלט ניט גוט, בעגראבט ער איהם שוין און טיילט זיך מיט דער ירושה. פע! א מיאוס'ע, פאלשע, געמיינע װעלט.

ח ו ה. די גאנצע װעלט איז ניט פאלש. דו ביסט ניט איין מארשאלעק אין שושן הבירה. עס איז דאָ מענשען א סך פיינערע פון דיר.

ב ן־צ י ו ן. װאו זיינען זיי, די פיינע? איך האָב ניט געזעהן קיין מענשען, װאָס זאָל יעדע מינוט ניט זיין קיין ליגנער־

רמב"ם, ישעיהו הנביא, הלל הצדיק, סאָקראטעס און אריסטאָטע־לעס ? זיינען זיי אויך ווערים ? האָבען זיי וועניג אויפגעטאן ? לעב, פרעג ניט קיין קשיות און זעה בעסער אויך עפּים אויפטון. שוטה, ווער ווייסט ? אפשר וועט דיין ערפינדונג גליקליך מאכען די וועלט. דאמפף איז א גרויסע זאך ; עלעקטריע איז גרוים, אבער א קליניגקייט אייביגע בעוועגונג ?

ח ו ה. לעג ניט קיין טערקעשען פעפער אין בארשט, וועט ניט זיין ביטער. נארעלע, דו ווייסט נאָך ניט, וועלכע גליקליכע צייטען עס קענען קומען.

ב ן־צ י ו ן. (זיינע אויגען קוקען ווייט). יא, עס קען זיין, אמאָל וועט קומען די צייט, פון וועלכער דער גרויסער ישעיהו הנביא האָט געטרוימט, ווען גערעכטיגקייט, ליעבע, אמת און שלום וועלען הערשען אויף דער וועלט. עס קען זיין, עס וועט אמאָל קומען די צייט, ווען די מענשען וועלען האָבען אזעלכע מאשינען, אז זיי וועלען דארפען ארבייטען נאָר צוויי שטונדען א טאָג... עס וועט ניט זיין קיין קנאה, קיין שנאה, קיין גזלה, קיין רציחה, קיין נויט, קיין ארמוט. מענשען וועלען זיצען אין פריינד־ליכע געזעלשאפטען, האָבען א ויכוח וועגען גרויסע פילאזאפישע פראגען און זיי וועלען זעטיגען דעם גייסטיגען דורשט מיט שעהנע פּאָעזיע און ערהאבענע מוזיק. (טרערען שטיקען איהם). פעטער, מיר וועלען דאָס ניט דערלעבען... מיר ניט ! (בייגט זיך צו'ם מישעל און ווישט אָב א טרעהר מיט'ן ארבעל).

י ש ר א ל י ע ק ב. (בעגייסטערט). אָט דאָס איז דאָך די גרויסקייט פונ'ם יודען. מיר לעבען מיט דער צוקונפט. די אומות העולם האָבען געטראכט נאָר פון דאָס, וואָס איז איצט און פון דעם, וואס עס איז ארום זיי. די יודען האָבען זיי אויסגעלערענט צו דענקען פון דעם, וואס עס איז ווייט, און פון די גליקליכע צייטען, וואס וועלען קומען שפּעטער. משה רבנו האָט געזעהן די ארץ זבת חלב ודבש פון א בארג, ווייט אויף יענעם זייט ירדן... ישעיהו הנביא און אנדערע נביאים האָבען געקוקט נאָך ווייטער... און נאָך ווייטער, קען זיין, האָבען געקוקט די יודען, פון וועלכע דו האָסט

ב ן־צ י ו ן. אָט דאָס איז דאך דאָס אונגליק! די בלינדע מאכט, וועלכע קאָמאנדעוועט איבער אונז, פרעגט אונז ניט. ווער האָט געדארפט, איך זאל געבוירען ווערען? צוליעב וועלכען צוועק האָט מען מיך געבראכט אהער קיין סאָראָקע?

י ש ר א ל י ע ק ב. מען האָט דיך געבראכט אהער, זאלסט זיין א מענש, זאלסט זיין נוצליך...

ב ן־צ י ו ן. נוצליך? איך האָב געזעהן היינט א גע׳פּגר׳־טען פערד, אויסגעטשירעט די ציין, די גרויסע גלעזערנע אויגען, ווי פערשטיינערט. דער פערד איז געוועזן נוצליך. ער האָט גע־שלעפּט משא, געקראגען שמיץ... און וואס איז פון איהם געווארען? דאָס זעלבע, וואס וועט ווערען פונ׳ם מענשען. דער מענש שלעפּט אויך משא זיין גאנץ לעבען, קריגט שמיץ, און זיין סוף איז דער־זעלבער... פונ׳ם פערד׳ס הויט, וועניגסטענס, מאכט דער טאטע ווירשטאַק פאר סאלדאטסקע שטיוועל, פון אונזער הויט וועט מען אפילו קיין פּאָדאָשוועס ניט מאכען... דעם פערד׳ס פלייש וועלען אויפעסען הונגעריגע הינד, וועלכע קענען לכל הפּחות בילען און בייסען, אונז וועלען עסען עקעלהאפטע, מיאוס׳ע, קריכענדע, שטי־מע ווערים... פע! ס איז ניט כדאי צו לעבען..

י ש ר א ל י ע ק ב. ברודער, ביי דיר איז זוייער אין מויל, איז אלץ, וואס דו נעמסט צו דיין צונג, זויער. איז דעריבער, מיינסטו טאקי, דער איינגעמאכץ ניט זיס?.. דו טראָגסט בלאָע ברילען אויף דיינע אויגען, איז דיר אלץ בלאָ און דונקעל. איז אין דעם די וועלט שולדיג? איז שולדיג די ליכטיגע זון?

ב ן־צ י ו ן. פעטער, געדענקסט, איך האָב דיר אמאָל גע־לעזען „האמלעט“. ער זאגט, אז דורך די שטראלען פון דער זון ווע־רען אין דעם קויט פון די בהמות בעשאפען ווערים... אונזער גאנ־צע וועלט איז א שטיק קויט, און פון די שטראהלען פון דער זון ווע־רען נאָר געמעהרט און געשאפען ווערים, ווערים און ווערים!

י ש ר א ל י ע ק ב. אזוי? נאָר ווערים? און וואו זיינען לעמפּערטען, בערען עלפאנטען? און וואו זיינען די קאנארעי־קעלעך מיט די סאָלאָוועיטשיקלעך? און וואו איז משה רבנו, דער

קאטעגאָריע מענשען האָבען א קאָנפעדעראַציע. (בן־ציון גיט א מאַך מיט דער האנד און זעצט זיך ארבייטען).

י ש ר א ל י ע ק ב. (אַ פּאַרט). ער איז אריינגעפאַלען אהער, ווי א סאָלדאט אין סוכה אריין...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. (טיעפזיניג). יאָ! מען זאָגט דער האָט צרות, יענער האָט צרות. עס מוז אזוי זיין, גאָט אליין האָט אזוי בעשאפען די וועלט: איינער זאָל זיין א נגיד, דער אנדערער זאָל זיין א קבצן... גאָט האָט זיי אזוי בעשאפען.

ב ן־צ י ו ן. פעטער, דארפסטו זאָרגען? אבי דו ווייסט, אז אפילו דיך האָט אויך גאָט אליין בעשאפען...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. נו, יאָ, אזוי איז דאָס מיט די מענשליכקייט. עס קען ניט אַלעמען זיין גוט און עס דארף ניט. ווי זאָגט מען אין פראנצויזיש: פיא דעזידעריא, פארלע וואו פראנסע.

ב ן־צ י ו ן. האָט קיין פּראַיבעל ניט. פיא דעזידעריא איז ניט פראנצויזיש, עס איז לעטיין. אז איהר קומט אהער, מאכט איהר אייך פאר א געלערענטען. נאָך וואָס דארפט איהר דאָס? עס איז דאָך א ליגען...

י ש ר א ל י ע ק ב. איהר האָט איהם געוואָלט נארען? ער לערענט דאָך פראנצויזיש און לעטיין. איהר רעדט בעסער פראסט יודיש, ווארום איהר וועט אייך נאָך א מאָל אריינבאפּען.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. און איהר, בן־ציון, איהר האָט שוין ווידער געשריבען אין דער פּרעסע אריין? איהר פערטשעפּעט זיך מיט קהל, און איצט קלייבען זיי חתימות, מען זאָל אייך ארויסשיקען פון שטאדט. אוי, די היינטיגע יונגע לייט, זיי זיינען אלע אזוי... נעמט מיין אינזשענער טעכנאָלאָג, א געבילדעטער מענש, הא? עס האָט מיך געגוג געלד געקאָסט...

י ש ר א ל י ע ק ב. (הערט אויף ארבייטען. אונצופריעדען). חוה, אפשר וואָלטען מיר זיך איצט דורכגעגאנגען מבקר חולה זיין מלכיאל'ן?.. (שטעהט אויף. שטיל). א סטראטעגישער פּלאַן.

ח ו ה. פאר וואָס ניט? בקור חולים איז א וואוילע מצוה, מען קריגט זי ביי יודען חצי חנם. נאָ! וועסט אנטון דיין פּאַל־

מיר דערצעהלט, (קוקט זיך אום, שטיל) קארל מארקס און לאסאל... דו אליין ביסט ניט צופריעדען מיט דער געגענווארט און לעבסט מיט אידעאלען מעהר פון אלץ דערפאר, ווייל דו ביזט א יוד... ניט אומזיסט רופט מען דיך בן־ציון. ביסט אן אמת'ער זוהן ציון'ס... נארעלע, די גבירים פאָהרען צעהן יאהר און בלייבען דאָך אויף איין אָרט, מיר ביידע אבער קענען אין איין הרף עין זיין 300 מייל פון סאראָקע. (פּלוצלונג א שרעקליכער געוויש, מען הערט, עפּעס פאלט מיט א גרויסען געפּילדער).

ח ו ה. שא! אימיצער האָט ניט געקוקט ווייט און האָט זיך פערטשעפּעט אין הויז פאר דער מולטער. אָט האָסטו די 300 מייל פון סאראָקע. (עפענט די טיר. ראָזענבערג ליעגט אויף א אי־בערגעקערטע גרויסע מולטער).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. ווארום איז ביי אייך אזוי פינסטער אין פאָדערצימער? אום גאָטעס ווילען...

ב ן־צ י ו ן. (העלפט איהם אויפשטעהן). אוי, וועה איז מיר. איהר האָט אייך א שטארקען זעץ געטון? (רייניגט פון איהם דעם שטויב).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. א זעץ? קאטעגאָריטשעסקי ניין! איך האָב זיך נאָר דערשראָקען. גוט'ן אבענד.

א ל ע. גוט'ן אבענד.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. פו! עס איז נאך גוט, וואָס קיינער האָט ניט געזעהן, — מען וואָלט געלאכט פון מיר. הערר ראזענ־בערג איז ארייננעפאלען אין א מולטער. איך בין געקומען צו אייך מיט א סטראטעגישען פלאן... (זעצט זיך און רויכערט).

ח ו ה. איז דער פלאן ניט געבליבען אין מולטער? (הויבט אויף די מולטער און מאכט צו די טיר).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. עס איז אומעטיג ביי נאכט, און א קער־טעל מאכען היינט איז ניטאָ מיט וועמען, בין איך געקומען צו אייך אביסעל פילאָזאָפירען... איהר האָט טאקי ניט קיין סיסטע־מאטישע בילדונג, אָבער אמאָל איז אינטערעסאנט אויך מיט אזא

פ ר ו מ ע. בן־ציון, ווייסט, וואָס איך בין געקומען? אפשר וואָלסטו, מיין קינד, געגאַנגען זעהן דעם טאַטען?

ב ן ־ צ י ו ן. איך האָב דעם טאַטען ניט ליעב. נאָך וואָס זאָל איך געהן זיין א ליגנער?

מ י ל ק ה. בן־ציון, זינד איהר זייט אוועק, האָט דער אלטער ניט מיט וועמען מלחמה צו האַלטען. ער וואַרפט זיך מאַנכעס מאָל אויף מיר, זאָג איך איהם: ני טוט טעבע, ר׳ אליקים!..

פ ר ו מ ע. יאָ! און וואָס טוסטו, בן־ציון, אויב טאָמער... חלילה, זאָל גאָט היטען...

ב ן ־ צ י ו ן. מיר וועט זעהר וועה טון דאָס האַרץ און פרע־דריסען... אבער איך מיין, דו שרעקסט זיך אומזיסט... ער איז א געזונטער מענש און איז נאָך ניט אַלט.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. ווי איך רעכען, האָט ער פערקילט דאָס בלוט. דערפון נעמט זיך נעווראַלגיא.

ח ו ה. בן־ציון, צוליעב א קראַנקען טאַטען לוינט זיך שוין אמאָל פערבויגען דעם יושר.

פ ר ו מ ע. איהר זייט אויך פיינע מענשען! איך האָב איין ברודער אויף דער וועלט... א שוועגערין!

י ש ר א ל י ע ק ב. מיר האָבען זיך געקליבען געהן צו אייך. בן־ציון, פאָלג מיך, קום מיר וועלען זיך אַלע דורכגעהן. זיי א מאָל א פשוט׳ער בשר ודם...

ב ן ־ צ י ו ן. מאַמע, זאָג דעם אמת, דער טאַטע האָט דיר געזאָגט, ער וויל מיך זעהן?

פ ר ו מ ע. ניין! איך וויל דיך ניט נאַרען, ער דערמאַנט ניט דיין נאָמען. אבער איך ווייס, אז דו וועסט קומען און וועסט איהם בעטען...

ב ן ־ צ י ו ן. איך זאָל איהם בעטען!.. פאַר וואס זאל איך איהם בעטען?

פ ר ו מ ע. ער איז דאָך א טאַטע.

ב ן ־ צ י ו ן. ער זאל מיר זיין א טאַטע, וואָלט איך איהם געוועזן א קינד.

מערסטאן? שא, איך הער, אימיצער טאפּט די קלאמקע. (געהט עפענען).

ישראל יעקב. זעה נאָר, אימיצער וועט ביי דיר וויר דער אריינפאלען אין מולטער אריין.

חוה. אוי, א גאסט! שקאָציל קומט (פרומע קומט מיט מילקא'ן). ברוך הבא! (צוקושען זיך).

בן־ציון. די מאמע ביינאכט? דאָס איז ניט אומזיסט...

פרומע. גוטען אבענד. דער מחותן איז אויך דאָ? גוטען אבענד. בן־ציון, איך בין געקומען אויף איין ווייליגקע. איך האָב ביי נאכט ניט געוואָלט געהן אליין, האָב איך מילקה'ן מיטגענומען. מיר האָבען זיך אבגע'גנב'עט... בן־ציון, דער טאטע איז זעהר קראנק...

חוה. גנב'סט, הא? (שטעלט א שטול). אז דו וועסט זיך צוזעצען וועט דאך די גנבה ניט ווערען גרעסער.

בן־ציון. די מאמע קען קומען צו מיר נאָר בגנבה. ני, יא, דער וואס קען ניט פאדערען, וואָס איהם קומט, מוז ביי זיך אליין ווערען א גנב. וואָס איז עפּיס דעם טאטען?

מילקה. אוי, בן־ציון, אייך פּאסט דאס בערדעל... איהר ווייזט אויס, ווי דער גוי'שער יוזעל... זעה נאָר, ער ארבייט ווי א פּראָסטער בעל מלאכה. פוי, אז מיר פלאמט דער פּנים פון בושה...

פרומע. איך האָב מורא פאר זיין חולאת. ער געהט אום, ער מישט זיך אין געשעפט, אבער מיט יעדען טאָג געהט ער אויס... ווי ער פלעגט אמאָל עסען! איצט מילך און מילך... ער געהט אויס פון הונגער.

מילקה. עסט שוין ניט קיין קאלטע פעטע פלייש פון מער־רען־צימעס, עסט ניט קיין קאָדרע שמאלץ און קיין האלושקעס...

ראזענבערג. היינטיגע צייטען איז מען דערגאנגען מיט דער וויסענשאפט, אז אלץ קומט פון באקטעריע.

מילקה. פון וואנען? עס מוז זיין ערגעץ ווייט אין דער ליטא.

איצט קומען, ניט נאר צוליעב איהם, טאקי צוליעב זיך אויך, ווארום טאמער, חלילה, ניט איצט, בלייבסטו אהן ירושה. ביסט זיין זוהן, ווי און אנדערער.

ב ן־צ י ו ן. דערפון געגוג צו רעדען. איך וועל ניט געהן! צוליעב ירושה געהן איז א געמיינהייט. געהן און זאגען, עס איז צוליעב מיטלייד, איז א ליגען... איך וועל ניט געהן! (זעצט זיך ארבייטען). וואס'ער ירושה? וואס דארף איך ירושה?

י ש ר א ל י ע ק ב. און עבירה דיין טרחה, פרומע, ער וועט שוין ניט געהן. מיר וועלען באלד קומען, ווארום אונז וועט ער ניט חושד זיין, אז מיר מיינען עפיס דערביי. איהם אבער וועט ער ניט גלויבען. נאך וואס זאל ער זיך טאקי ערנידעריגען?

פ ר ו מ ע. קום, מילקה. אוי, אין וועמען האט ער זיך איינ־געגעבען... גאר ניט, ווי אנדערע מענשען. איך מוז געהן. ליזא האט געזאגט, אויב איך וועל ניט פועל'ן ביי איהם, וועט זי געהן. א גוטע נאכט.

מ י ל ק ה. מיט וואס מיר זיינען געקומען, מיט דעם געהען מיר אוועק. א גוטע נאכט. (ביידע אב).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. דאס זיינען די היינטיגע קינדער... דא האט איהר די בעסטע אטעסטאציע... וואס מיינט איהר, מיין אינזשע־נער־טעכנאלאג איז בעסער? פרעגט מיך, וואס איז מיר ארוים פון דער גאנצער קאנסאלידאציע, פון דעם גרויסען סטראטעגישען פלאן? איך האב געקריגען עטליכע רוב' און מיין זוהן איז א די־רעקטאר ביי זיי אין געשעפט! מיין טאכטער ביי זיי, מיין נאר־בארניע ביי זיי און מיין זוהן ביי זיי. און איך אליין בין אין דרוי־סען. ער האט פערקויפט דעם טאטען און פערקויפט זיך פאר געלד. (מישא שטעקט אריין דעם קאפ אין טיר).

מ י ש א. איז מיין פאפא דא? (אריין). גוטען אבענד.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. זוכסט מיך, מישא? ביסט טאקי א וואוילער יונג... איהר זעהט א בחור, א גווארדיאן, הא? דאס איז מיין אינזשענער־טעכנאלאג. הלואי פערמאגט איהר דאס, וואס ער האט מיך געקאסט.

פ ר ו מ ע. וואס זשע? ער וועט, חלילה, שטארבען און איהר וועט ניט מאכען קיין שלום?

ב ן־צ י ו ן. מאמע, שלום האָט א ווערט ביי׳ם לעבען, ביי׳ם שטארבען איז שלום א קאָמעדיע.

מ י ל ק ה. זייער גאנצע משפחה איז אן איינגעשפּארטע. חצקאל אויך אזוי, אז ער שפּאַרט זיך אמאָל איין... איהר נארישע מענשען, וואס וועט ביי אייך ארויספאלען, אז איהר וועט קומען און איהר וועט זאגען: גוט מארגען, גוט יאהר, וואס מאכסטו, טאַטע? זיי געזונד, פאהר געזונטערהייד...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. אייער מאמע איז ניט קיין געבילדעטע דאמע, אָבער דאָך א מאמע איז זי... איין קאטעגאָריע.

פ ר ו מ ע. וואָס ארט איהם? ווען די מאמע זאָל שטארבען אפילו...

ב ן־צ י ו ן. דו, מאמע, ביסט אן אמת׳ע מאמע... און איך זאל דיך פערלירען, חלילה. אוי, וואס רעדסטו דאָס? (גלעט זי איבער׳ן קאָפּ גערירהרט). אמת, איך האָב אפט צו דיר טענות. נאָך וואָס האָסטו מיך געבארען, ערצויגען, נעכט ניט געשלאָפען און אבגעהיט מיין לעבען? נאָך וואָס דארף לעבען אזא אומגליקלי־כער!.. נאָר וואָס ביסטו שולדיג?

פ ר ו מ ע. (דריקט איהם צו זיך). זוהן מיינער, מיין אונ־גליקליכעס קינד, האָסט נעבאך קיין גליק ניט... (וויינט). האָסט ניט קיין מזל, אבער איך בין ניט שולדיג, איך בין ניט שולדיג.

ח ו ה. זעהסט? איך וויל דיר שווערען, די מאמע איז ביי איהם אלץ און די אנדערע זיינען גארנישט (גערירהרט). פרעמדעס איז דאָך ניט אייגענעס...

ב ן־צ י ו ן. מומע חוה; דיך פערדריסט? נאַרעלע! א מאמע איז א מאמע, און דו ביסט א גוטער ברודער, א ליעבער פריינד, א טייערער חבר.

מ י ל ק ה. דער סוף וועט זיין, אז מיר וועט אויך אנהויבען פערדריסען.

פ ר ו מ ע. בן־ציון, די שנור האָט אויך געזאגט, דו מוסט

(שטיל). איך האָב אַ וויכטיגען פּלאַן. (לויט). דאס איז ביי איך „פּערפּעטואום מאבילע“... איהר פערשטעהט? פאר וואס זאגט איהר מיר גארניט?

ב ן־צ י ו ן. איך האָב איך ניט ליעב... און איך וויל ניט רעדען מיט אַ מענשען, וואס געפעלט מיר ניט. איך האָב פיינט צו זיין פערשטעלט.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. קום... מיט וועמען ווערסטו זיך דא שטע־לען האָבען דיספּוטאציעס? דער אלטער איז קראנק, הא? אַ גוטע נאכט.

י ש ר א ל י ע ק ב. מיר געהען אויך... מיר קענען געהן צוזאמען...

מ י ש א. צוזאמען? ניין! מיר דארפען נאך ארייננגעהן אין אַן אנדער פּלאַץ...

ב ן־צ י ו ן. פעטער, האָסט ניט פערשטאנען, אז איהם וועט ניט אנשטעהן געהן מיט איך צוזאמען?

מ י ש א. (בעטראכט איהם איראניש). אלזא, פּערפּעטואום מאבילע, הא? כע! כע! אדיע, הערר פּילאָזאָף! (ביידע אב).

י ש ר א ל י ע ק ב. בן־ציון, דו הער איהם אין דער פּיאטע. ער האָט טאקי אַ סיסטעמאטישע, אקאדעמישע בילדונג, אבער מען דארף דאך האָבען שכל אויך דערצו, און מען דארף זיין אַ מענש אויך. דאס קריגען זיי דאָרט ניט, אין דער אקאדעמיע. קום, חוה.

ח ו ה. דו פאלג מיך, בן־ציון, און לעג זיך בעסער פאר פריה שלאָפען. רוצח, דו שלאָפסט ווינציג, דערפאר קען זיך דיין קאָפּ ניט אויסרוהען. (אַ פּאַרט). די מוחות וועלען זיך, חלילה, ביי איהם טאקי ווען עס איז צומישען. אַ גוטע נאכט. (ביידע אב).

ב ן־צ י ו ן. (וועלכער האָט זיך געמאכט רוהיג, איז זעהר אויפגערעגט). ווי האָט ער דאס אנגערופען? פּערפּעטואום מאבי־לע... „מאָבילע“, ווייס איך, הייסט בעוועגונג. פּערפּעטואום? וואו איז מיין לעטיינישער ווערטער־בוך? (כאַפּט אַ בוך און זוכט, מישט ראָש די בלעטער). פּערפּעטואום... פּערפּעטואום... דא איז דאס: אונאויפהערליך, שטענדיג. פּערפּעטואום מאבילע הייסט אונאויפ־

ב ן־צ י ו ן. איהר האָט דאָך ערשט געזאגט, דער אינזשע־נער־טעכנאָלאָג האט פערקויפט דעם טאטען און האָט זיך פער־קויפט פאר געלד.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. ווער, איך? אזא געמיינהייט...

מ י ש א. פאפא, קום, איך דארף דיך... זעהסט, איך האָב אבער דיך געפונען, הא? נו, הערר פילאָזאָף, ווי געהט עס? יא, וואָס האָב איך געהערט? מען זאָגט, איהר האָט געמאכט איין גרויסע ערפינדונג... איהר, קאָלומבוס פון סאָראָקע, וואָס פאר א נייע אמעריקא האָט איהר ענטדעקט? אינטערעסאנט צו וויסען. (מישא שווייגט). איך פרעג, אויב מען קען זעהן אייער ערפינדונג... איהר ווייסט דאך, איך בין א ספעציאליסט.

י ש ר א ל י ע ק ב. ווייז איהם, נאר, זאָל ער זעהן... עס איז א מאשינע, וואס וועט אייביג געהן... עס וועט זיך קיין מאָל ניט אבשטעלען... נאָך מיין שכל, איז עס וויכטיגער פון עלעקטריע. עס איז אייביגע בעוועגונג.

ח ו ה. וויפיעל מאנאטען, נעבאך, האָט ער זיך געמוטשעט, זויפיעל נעכט ניט געשלאפען.

מ י ש א. וואס? אייביג געהן? נו, דארף איך דאָס שוין ניט זעהן. ער איז דא! כא־כא־כא! איך האָב געמיינט, פיע־ליכט ווירקליך וואָס, און ער האָט געפונען די „פערפעטואום מא־בילע"! ווען איהר וואלט געקריגען א סיסטעמאטישע בילדונג, וואלט איהר דאך געוואוסט, וואס איז אייביגע בעוועגונג. טויזענ־דער אזעלכע ניט דערבאקענע ערפינדער, ווי איהר, זיינען פון זינען אראב און האָבען מיט זייער אייביגע בעוועגונג געענדיגט אין דולענהויז.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. אזוי? דאס איז „פערמעטואום לאבי־לע"? הייסט עס, איז דאך טאקי, ביי איהם דער אפאראטום ניט אויפ'ן ריכטיגען פלאץ. סיסטעמאטישע אקאדעמישע בילדונג, ברו־דער, איז א גרויסע זאך, עס קאָסט א סך געלד. מישא, דו דארפסט מיך?

מ י ש א. יא, פאפא, קום. מיר וועלען געהן צום מחותן...

דער גאנצער וועלט־סיסטעם. אייביגע בעוועגונג דאָרט, אייביגע בעוועגונג דאָ! (זעצט זיך צו דער מאשינע. מיט ליעבע). אלע רע־דער אליין געמאכט, די גאנצע מאָדעל אויסגעשניצט מיט מיינע אייגענע פינגער. יעדעס פיצעלע טויזענד מאָל בעטראכט און אויס־גערעכענט. אלץ אזוי איינפאך קלאָר און דייטליך. וואס קען זיין ניט ריכטיג. (מען קלאפט אין טיר). קומט אריין! (פערטיעפט). געווים, איך וועל דארפען פיעלע זאכען פערבעסערען. (מען קלאפט). געהט אריין, נו! די טיר איז ניט פערשפארט. (פערטיעפט). ווען איך זאל האָבען איצט דעם קוועק־זילבער. שלעכטע מענשען! (מען קלאפט. בייז, געהט צו דער טיר). געהט אריין! ווער איז דארט פאר א שווארץ יאהר? (די טיר עפענט זיך, ליזא קומט, נאך איהר מילקה. בן־ציון בלייבט ערשטוינט).

מ י ל ק ה. א שעהנעם ברוך הבא האָט איהר אונז אבגעגע־בען... איא, איהר האָט זיך אויף מיר ניט געריכט נאך א מאָל? זעהט איהר דאך, אז עס איז שוין בעשערט... (פּויזע).

ל י ז א. עס איז שוין העכער צוויי יאהר, ווען איך האָב מיט אייך גערעדט, אבער געזעהן האָב איך אייך עטליכע מאָל פון דער וויטען. (קוקט זיך אום). דאָ איז דאָס? ווי שטיל און רוהיג דאָ איז. דאָ זיצט איהר און ארבייט, פילאָזאָפירט מיט'ן אנקעל, די קלוגע טאנטע זאָגט וויצען. (זיפצט). איך וואָלט דא אויך געוואלט זיצען... מאנכעס מאָל.

ב ן־צ י ו ן. וואו א מענש וויל זיצען, דאָרט זיצט ער.

מ י ל ק ה. דערווייליע האָט איהר אונז נאך ניט געבעטען זיצען. אָט אזוי נעמט מען דאס אויף געסט, און נאָך וואָס'ערע געסט?!

ל י ז א. איהר זייט אליין, וואו זיינען אייערע?

מ י ל ק ה. איך וועל שווערען, דאס זיינען זיי געשטאנען לעבען משה בלינטשיק'ס קלייטעל און האָבען עפּיס גע'טענה'ט מיט ירוחם זלמן דעם מלמד און מיט יודען.

ל י ז א. די לעצטע ווערטער, וואס איך האָב געהערט פון

הערליכע שטענדיגע בעוועגונג וואס זשע האָט ער געלאכט ? איך האָב אין דער ערפינדונג ארייננעלעגט מיין גאנצעם לעבען, מיינע אלע געדאנקען, דעם גאנצען מארך פון מיין קאָפּ, אלע מיינע האָפנונגען, און דאס זאל זיין ניט מעהר, ווי א טעות, אן איינגע־רעדטע זאך, א חלום, א פאנטאזיע ? (ישראל יעקב געהט צו צו'ם פענסטער און קלאפּט. בן־ציון עפענט דאס פענסטער).

ישראל יעקב. איך האָב געזעהן פון דערוויטען ירוחם זלמן'ען, דעם אבער מלמד פון תלמוד תורה מיט נאך אי־מיצען... פערשפּאר בעסער די טיר...

בן־ציון. ווייס איך! ירוחם זלמן דער מלמד ליגט מיר שטארק אין זין...

ישראל יעקב. אבער דו ליגסט איהם שטארק אין זין... געה פערשפּאר די טיר. (אב).

בן־ציון. (בלייבט זיצען ביי'ם אָפענעם פענסטער. ער קוקט ארויס. וויזט הערט זיך געזאנג פון א שעהנעם מאַלאָראָסישען כאָר. ער הערט זיך צו). פון יענער זייט טייך אין דאָרף זינגט מען נאך אמאָל, און אין שטאדט הערט מען נאָר געוויין און פלוך. (הערט זיך צו). א שעהנע ליכטיגע נאכט... גרויסע וואונדערבארע וועלטען שיינען אין די בלויע הימלען און דערצעהלען אונז וואונדערבארע סודות... ווער האָט זיי בעשאפען ? נאך וואס האָט מען זיי בע־שאפען ? דאָס ווייסען מיר ניט... אבער ווי אזוי דאס אלעם איז בעשאפען געווארען, דאס דארפען מיר געפינען. עס איז די סודות הבריאה, מעשה המרכבה, און דער מענש, זאגען זיי, טאָר ניט טראכטען דערפון. הם, נארען! וועלכער גאָט קען אבשטעלען דעם געדאנק פון א מענשען ? וועלכע קראפט קען דעם מענ־שען'ס געדאנק פערהאלטען ? דאָרט אין די הימלען איז אייביגע בעוועגונג, אייביגע בעוועגונג דארף זיין אויך דאָ. (צייגט אויף זיין מאשינע). די אלע מאשינען, וועלכע דער מענש האָט געשאפען ביז איצט, איז דערווייל נאר א נאָכאהמונג דעם מענשען'ס גלידער פון ארבייט, דעם מענשען'ס העבל'ן פון קראפט און בעוועגונג. מען דארף געהן ווייטער, מען דארף נאכמאכען דער מעכאניק פון

נע'ם „רייזע־בילדער". האָב איך דאָס אפשר דרייסיג מאָל איבער־געלעזען... ליידער, די לעצטע עטליכע בלעטלעך אויסגעריסען. אנ־דערע האָבען ביכער און לייענען ניט, איך וואלט געלייענט, איז ניטא וואס. נו, זאל זיך דעם קבצן ניט געלוסטען. הערט, אז איהר זייט שוין דאָ, וועל איך אייך עפּיס ווייזען... איך האָב ערפונדען א מאשינע... איהר זעהט? (רופט זי צו צו'ם טישעל).

ל י ז א. וואס איז דאס פאר א מאשינע?

ב ן־צ י ו ן. עס זאל זיין אייביגע בעוועגונג. אייער ברודער לאכט דערפון. ער זאגט, ווי באלד עס איז פערפעטואום מאבילע, איז דאס שוין בלא ראיה א משוגעת. אייער ברודער פיהלט ניט, ווי אן אנדערען טוט וועה...

ל י ז א. פערפעטואום מאבילע? איך פערשטעה, וויפיעל צייט, ארבייט און ענערגיע איהר האָט פערלארען. אבער... איך האָב מורא... אויף וויפיעל איך ווייס, אייביגע בעוועגונג איז איבער דעם מענשען'ס קראפט.

ב ן־צ י ו ן. יא, אזוי מיינט מען איצט! האָט מען ניט געזאגט דאסזעלבע וועגען א סך זאכען, וועלכע ווייזען יעצט אויס יעדען גאנץ איינפאך און קלאָר? (טרויריג). איך האָב מיין הארץ, מיין זעעלע אריינגעלעגט אין דער ערפינדונג... זי איז מיין איינ־ציגע פערטרויטע, מיין איינציגע פרייד אויף דיעזער קאלטער, פינ־סטערער וועלט... עס איז שוין העכער צוויי יאהר, אז איך האָב ניט קיין אנדער גליק, קיין אנדער פרייד, קיין אנדער האפנונג, קיין אנדער געדאנק...

ל י ז א. איך ווייס זעהר ווייניג פיזיקע און מעכאניקע, און איך האָב קיין רעכט צו צונעמען איצט ביי אייך אייער לעצטע פרייד אינ'ם לעבען... איהר ווייסט ניט, ווי גליקליך איך בין, וואס איך האָב אייך געזעהן. און איצט... איך מוז געהן. (טוט אן איהר מאנטעל). בן־ציון, זאגט איהר מיר צו, אז איהר וועט קומען זעהן אייער פאטער?

ב ן־צ י ו ן. יא, איך זאָג צו... (פויזע). איך ווייס ניט, אויב

אייך, זיינען געוועזן, אז איך, אז מיר אלע געפעלען אייך ניט... און דאָך בין איך געקומען צו'ן אייך.

ב ן־צ י ו ן. איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט א זאַך, וואס איך האָב ניט געפיהלט.

מ י ל ק ה. איהר זאגט ניט קיין קדושה און איהר דוכענט ניט, איהר מעגט זיצען. (גיט ליזא'ן א בייגקעל. זי זעצט זיך, טהוט אוים איהר מאנטעל).

ב ן־צ י ו ן. אבער א געפיהל איז אזא זאַך, וואס קען אי־בערגעהן און פערענדערען זיך.

ל י ז א. אייער מוטער האָט יסורים דערפון, וואס איהר האָט אייך ענטזאגט קומען זעהן אייער קראנקען פאָטער. איך וויים ניט פאר וואס, נאר מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אויב איך וועל אייך בעטען, וועט איהר קומען. איך בין געקומען צוליעב דער מא־מע... הע! איך וויים, איהר האָט פיינט ליגען, און איך וועל אייך זאגען די וואהרהייט, איך בין געקומען צולעב זיך אויך... איך האָב אזוי געוואָלט אייך זעהן און מיט אייך רעדען... און מיך האָט גע־פרייט די געלעגענהייט אויסצונוצען.

מ י ל ק ה. (שטיל). איך מיין, איך בין דא איצט א געלע־גענהייט. (לויט). מאדאם. צוויי הייזער פון דאנען וואוינט די צעל־ניקערען, הינדע די קורנאָסע. איך דארף העקלעך.

ל י ז א. (שטעהט אויף). ניין! מיר געהען באלד אהיים.

מ י ל ק ה. אויף איין ווייל"ע. א שפרונג — בין איך דארטען, א שפרונג — בין איך דאָ. (ראש אָב. פויזע. בלייבעןביידע שטיל. עס הערט זיך וויעדער דער כאָר).

ל י ז א. (קומט צו זיך. צייגט אויף די ביכער). און דאס איז אייער ביבליאָטהעק?

ב ן־צ י ו ן. יא, איך האָב דאָ עטליכע דייטשע, עטליכע פראנצויזישע און פיעלע רוסישע ביכער... אלגעברא, גראמאטי־קען... איך האָב פינף רוסישע גראמאטיקען אויסגעלערענט אויס־וויינינג און שרייב איצט אזוי רוסיש, אז מען דרוקט וואָרט אין וואָרט, ווי איך שרייב. איך האָב איין דייטש איין טהייל פון היי־

שמוציג. ווי אזוי קען מען זיין גליקליך, אז מען האָט ניט קיין פרייד אין לעבען?

ל י ז א. בן־ציון, וואס איך לייד, אַרט מיך ניט... איך בעקום דאס, וואס איך האָב פערדיענט. אבער ווען איך דערמאָן זיך, וואס'ער גוט, איידעל הארץ איך האָב פערוואונדעט... בן־ציון, עס קען זיין, עס איז די גרעסטע זינד, דאָס גרעסטע פערברעכען, אבער איך האָב די גאנצע צייט געטרוימט נאר פון איין זאך — זאגען אייך די וואהרהייט... איין מאָל נאר דערצעהלען אייך די גאנצע וואהרהייט, און פאר אייביג ווידער בלייבען פרעמד און שטום. איין מאָל נאר זאגען אייך: איך בין בעשטראפט... איין מינוט איז ניט אוועק, איך זאָל ניט פיהלען קיין חרטה. אָבער איך האָב אייך דאמאלס אויך ליעב געהאט...איך האָב אייך נאָך שטארקער ליעב געקראגען, ווען איך האָב אייך פערלאָרען... איך ליעב אייך איצט... בן־ציון, און איך וועל דיך ליעבען ביז מיין טויט. (בייגט זיך צו צו זיין האנד און קושט לאנג).

ב ן־צ י ו ן. (פאלט צו צו'ן איהר מיט זיין קאָפּ און צוואוויינט זיך היסטעריש).

י ר ו ח ם ז ל מ ן. (ערשיינט ביי'ם פענסטער מיט נאך איוי־ניגע יודען און כאַפּט ארויס בן־ציון'ס מאָדעלען). ווי איהר זעהט מיך, ירוחם זלמן, אזוי איז הייליג, אז די מאשינע זיינע איז גע־מאכט מיט רוח הטומאה... צוברעכען דאס איז א גרויסע מצוה. (קיינער בעמערקט איהם ניט. פויזע. מילקה לויפט ארויין און בלייבט שטעהן ביי דער טיר מיט א כיטרער מינע).

ב ן־צ י ו ן. (כאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ טרויעריג און שטיל). אוי, ליזא, איך האָב מורא, איך וועל משוגע ווערען... וועה איז מיר, ביי ווערמען זאל איך איצט פרעגען, ביי גאָט דאָרטען? ביי די הימלען? ביי'ם שיקזאל? ביי דער גערעכטיגקייט? ביי ווערמען זאל איך פרעגען: ווארום אזוי שפעט? וואָרום קומט דאס גליק, ווען מען קען ניט מעהר גליקליך זיין? צו וואס איז די פרייד, ווען מען קען זיך מיט איהר ניט פרייען? (פלוצלונג ווי פער־ווירט). איך פרעג דיך, ווארום? ווארום ביסטו ניט געגאנגען, ווען

דאס איז עהרליך, נאָר מיר ווילט זיך אייך פרעגען: זייט איהר גליקליך, ליזא?

ל י ז א. גליקליך זיין הייסט: נ י ט וויסען, אז מען איז נ י ט גליקליך... ליידער איך בין נאך ביז אזא אונוויסענהייט ניט געקומען. אבער איך האָף, איך וועל גיך ווערען אזוי פערדרולט, אזוי אינדיפערענט, אזוי גלייכגילטיג צו אלעמען, אז איך וועל זיין צו־פרידען, ווי אלע ווייבער.

ב ן־צ י ו ן. הם! איך געדענק, איהר האָט אמאָל געזאגט, איך בין א יודישער קליינינקער האמלעט... איך האָב אייך דאָ־מאָלס פערגעסען צו זאגען, אז איהר זייט א יודישע אפעליע. אבער וואָס פאר א אונטערשיעד! די גוי'עשע אפעליע ווארפט זיך אריין אין טייך און דערטרינקט זיך, די יודישע האָט בעסער חתונה פאר חצקאל'ן.

ל י ז א. יענע אפעליע איז געווען קליגער. דערטרונקען זיך מיט איין מאָל און א סוף... און דערטרונקען זיך אין א ריינעם קלאָרען וואסער... אז מען דארף זיך אבער יעדען טאג, יעדען אויגענבליק טרינקען אין א שמוציגען זומפ, אין א בלאָטע, אין א גייסטיגער און פיזישער קלאָאקע... און... און.. (קען ניט רעדען) וואו איז מילקה? איך דארף געהן... זאגט איהר מיר צו צו קומען... בן־ציון?

ב ן־צ י ו ן. יא, איך זאָג אייך צו. איך וועל קומען.

ל י ז א. דאנקע. (נעמט זיין האנד און לאזט ניט אָב). מיט א קורצע צייט צוריק, שטעהענדיג אויף א פראקטישען באדען, האָב איך מיט מיין שכל געמאכט „גרויסע“ רעכנונגען, און איך האָב אויף אייך געקוקט פון אויבען אראָפּ... איצט שטעה איך פאר אייך אזא נידריגע, אזא קליינינקע, און איהר זייט אזוי גרויס, אזוי הויך מיט אייערע ריינע, עהרליכע אידעען. איהר זייט גליקליכער פון מיר.

ב ן־צ י ו ן. איהר האָט א טעות: מען קען ניט זיין הויך, ווען אלץ מאכט דיך נידריג; מען קען ניט זיין עהרליך, ווען אלץ איז פערדארבען; מען קען ניט זיין ריין, ווען דאס לעבען איז אזוי

פיערטער אקט.

דאסזעלבע צימער, ווי אין ערשטען אַקט ביי מלכיאל'ן אין הויז, נאר אנדערע מעבעל. א פיאנא, א סאָפע, בלומען. ל י ז אַ זיצט ביי דער פיאנא און שפּיעלט שטיל די מאנדשיין סאנאטא. חצקאל זיצט ביי א טישעל און צעהלט פעקלעך מיט געלד. לאָמפּען ברענען.

ח צ ק א ל. (צעהלט). 810, 815, 820... עי, דו! אפשר וואלסטו אויפגעהערט ברינקען דארטען!.. פערבאראבאנעוועט מיר דעם קאָפּ און איך קען נאך א טעות האָבען... א טעות קאָסט געלד. 825, 830... (ווישט דעם שוויס פון געזיכט).

ל י ז א. (מאכט צו די פיאנא און וויינט שטיל).

ח צ ק א ל. דו וויינסט? וואס איז, האָסט ווידער ציין־וועהטאג?

ל י ז א. יא, אזא ציין־וועהטאג, וואס צורייסט די זעעלע און ברעכט דאס הארץ.

ח צ ק א ל. הארץ, שמארץ! די ווייבער זיינען איידעל געפּאטשקעטע... פאר וואס טוען מיר די ציין ניט וועה? ווארום איך בין א מענש... 835, 840, 845, 850...

ל י ז א. יא, ביזט א מענש — 835... (נעמט א צייטונג און לעזט).

ח צ ק א ל. (צעהלט שטיל). פוי, עס איז הייס... דאס האָב איך געצעהלט — טויזענד. (לעגט א פעקעל גאר בעזונדער). אראָב־נעמען פון זיך דעם כאָמוט. (נעמט אראב פון זיך דעם קאָלנער, טוט אויס דעם ראָק, דעם זשילעט, די אויבערשטע העמד).

ל י ז א. (מיט פעראכטונג). מיינסט, עס איז אזוי אנגענעהם צו זעהן דיך אהן קליידער,

מטורף 79.

דו האָסט געמענט געהן, און וואָרום ביסטו געקומען, ווען דו האָסט ניט געטאָרט קומען? איך פרעג דיך, וואָרום? ווילסטו איצט מיך פערגיפטיגען מיט זינדיגע געדאנקען, אדער דו ווילסט מיך משוגע מאכען?! (ער ווארפט זי אום).

ל י ז א. (דערשראקען). בן־ציון! בן־ציון! בערוהיגט אייך...

ב ן־צ י ו ן. (רייסט אויף איהר די מאנטילקע). אונגליקליכע, איך פרעג דיך, וואָרום אזוי שפעט?! וואָרום איצט, ווען מען טאָר ניט? וואָרום איצט, ווען מען דאַרף ניט? וואָרום אזוי שפעט? וואָרום אזוי שפעט? (פאלט צו'ם טיש און וויינט פער־צווייפעלט). צו שפעט! צו שפעט!... (מען הערט, ווי ירוחם ברעכט אויף שטיקלאך זיין מאשינע ביי'ם פענסטער אין דרויסען).

פ אָ ר ה א נ ג.

ל י ז א. עטליכע אמאטאָרען געהען שפּיעלען א ספּעקטאקל... איך האָב דיר דאכט זיך געזאָגט שוין א מאָל.

ח צ ק א ל. אמאטאָרען? וואס איז דאָס אזעלכעס? דו מיינסט אקטיאָרען?

ל י ז א. אמאטאָרען זיינען מענשען, וועלכע האָבען ליעב שפּיעלען, אבער וועלכע זיינען ניט קיין פּראָפעסיאנעלע אקטיאָ־רען. איך האָב זיי צוגעזאָגט...

ח צ ק א ל. וואָס הייסט, דו האָסט צוגעזאגט? אפשר וויל איך ניט? זי האָט צוגעזאָגט! איך דארף פריהער וויסען, וואָס האָסטו זיי צוגעזאָגט?

ל י ז א. איך האָב צוגעזאָגט שפּיעלען.

ח צ ק א ל. שפּיעלען? מיט'ן מלאך המות וועלען זיי שפּיעלען.

ל י ז א. פּונקט היינט רופען זיי מיך אויף דער ערשטער רעפּעטיציע.

ח צ ק א ל. רעפּעטיציע, שמערטיציע! איך דארף עס נויטיג.

מ י ל ק ה. אוי, מאדאם, אז איהר וועט שפּיעלען טריאטער, וועל איך געהן זעהן. וויפיעל וועט קאָסטען א שטאָרט? איך וויים, אין טריאטער פערקויפען זיך שטערט אקוראט ווי אין בית־המדרש צו יומים נוראים. (אב).

ח צ ק א ל. נו זאג אליין, ביסט משוגע צו חסר דעה? וואס הייסט, דיר ליגט טעאטער אין זינען? וואָס ביסטו אן ארפיאנ־קע אדער א שלעפּערקע?

ל י ז א. איך מיין, טעאטער מעג א רעכטען מענשען אויף ליגען אין זינען. וואָס קען מען טון, מיר האָבען פערשיעדענע מיי־נונגען.

ח צ ק א ל. נו וועסט שוין אויף דער רעפּעטיציע ניט געהן!.. זי וועט געהן! נו, און דער מאן? וואָס וועל איך טון?

ל י ז א. איך בין היינט זא ווי זא ניט אויפגעלעגט צו געהן

ח צ ק א ל. עס איז ניט אנגענעהם? קוק ניט. (בייז). מילקה, דערלאנג מיר מיין כאלאט! מיר ליגט זעהר אין זינען, וואס דיר געפעלט אָדער געפעלט ניט. עי, מילקה! (מילקה קומט מיט׳ן כאלאט).

מ י ל ק ה. וואס שרייט איהר, ווי אויף א טאטען? נאָט אייך אייער באלאכאָן. איהר דאווענט מיט׳ן אלטען בה״ב׳ס נוסח? איהר וועט קיין מאָל ניט זיין אזא בעל תפילה, ווי ער.

ח צ ק א ל. תפילה־שמילע. (זעצט זיך אויף דער סאָפע). שלעפּ מיר אראפּ די שטיוועל!

מ י ל ק ה. (ציהט די שטיוועל). איהר האָט געמיעגט א ביי־סעל עפּטער וואשען די פיס און בייטען די שקארפעטקעס. עס וואלט אייך, חלילה, ניט געמאכט קלענער דעם יחוס פון אייער משפחה.

ח צ ק א ל. איך זאג דיר, מעהר ליגט מיר גאר ניט אין זין. (גיט זי א שטורך מיט׳ן פוס). דו, מויד!

מ י ל ק ה. ר׳ יוד, שטורכעט זיך ניט... איהר זייט ניט קיין בחור מעהר... (בייז אָב).

ח צ ק א ל. (טוט אן טופליעס און זעצט זיך צעהלען. שפּיוט אויפ׳ן האנד). 10, 20, 30, 40, 50. וואס האָסט זיך היינט אזוי אויסגעפּוצט? איך האָב דיך בעסער ליעב, ליזא, ווען דו ביסט אין א בלוזע... כע! כע! ביסט דאן ווענינער מאדאם און מעהר ווייב... 60, 70, 80.. ליזא, איך בין א מענש, וואס איך פערשטעה, און איך זאג דיר, עס קען זיין, איידער איך וועל קומען צוריק פון יריד, וועט זיך דער אלטער אָבפּעקלען... האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, דו זאלסט שכל האָבען און... (מילקה קומט מיט א צעטעלע). וואָס איז דאָרט?

מ י ל ק ה. עס איז ניט אייער באבע׳ס עסק... א בריוועלע צו דער מאדאם. (גיט ליזא׳ן). עס איז אזוי שעהן, ווען א יודענע קריגט בריעף, אקוראט אזוי ווי א מאנסביל...

ח צ ק א ל. וואָס איז דאס דאָרט פאר געשרייבאכצען?

איך מיט מיין קאָפּ. אז איך... וואס איז? וואָס קוקסטו אויף מיר אזוי זויער?

ל י ז א. אוי, מען זאגט, מען קען א מענשען דערקענען פון דעם, וואס ער רעדט. איך מיין אבער, אז מען קען א מענשען דער־קענען אויך פון דעם, ווי אזוי ער הערט, ווען אן אנדערער רעדט. די גרעסטע בעווייזע, ווי אונגעבילדעט, עגאָאיסטיש און ניט קלוג איז א מענש, איז דאָס, וואס אין זיין רעדען הערט מען נאָר: איך, איך און איך! איך בין א חכם, איך בין א גבור, איך בין א בריה — איז עס שוין גענוג, מען זאל וויסען, אז ער איז א נאר, א פייגלינג, א טויגעניכטס, — נון, אבער ווען אן אנדערער רעדט און ער דארף הערען, זעהט מען באלד, ווי ניט ערצויגען, גראָב און אונערטרעגליך ער איז. ער האָט קיין געדולד, קיין טאקט, קיין העפליכקייט, קיין פעהיגקייט, קיין אינטערעס צו הערען און פער־שטעהן, וואס דער אנדערער זאָגט.

ח צ ק א ל. איך פערשטעה ניט, וואס האָסטו געוואלט מיט דיין לאנגען פזמון? האָסט אפשר מיך געוואלט לערנען הלכות דרך ארץ? קענסט טאקי צימבלען אויפ'ן פּאָרטעפּיאַן און שפּרי־כאיען פּאָ רוסקי, אבער האָסט קיין שכל ניט, און קענסט ניט שע־צען, וויפיעל שכל און חכמה און ארבייט מיר לעגען ארייין אין קאָ־מערציע. מיין מאמע איז א פּראסטע יודענע און דאָך פארשטעהט זי און שעצט דעם טאטען און מיך א סך בעסער, ווארום זי איז ניט קיין נאר.

ל י ז א. יא! ווען איך זאל פערשטעהן ווי די מאמע, וואָלט איך געווען גליקליך ווי זי. ווען זי אָבער וואלט פערשטעהן ווי איך, האָב איך מורא, וואָלט זי געווען אונגליקליכער פון מיר, דען זי וואלט פערשטאנען ניט נאָר ווענען פּרוי זי איז, נאר אויך ווענעם מוטער זי איז...

ח צ ק א ל. אה! צו'ם שווארצען יאהר! פאר דעם נדן, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, איז דיר ווענינ אזא מאן ווי איך? וואס דען האָסטו געוואלט? 640, 650, 660... (צעהלט בייז. מילקה קומט). וואס דרעהסטו זיך אום יעדע מינוט אהין און אהער?

אויף רעפּעטיציעס... הער, וואס איך וועל דיר בעטען, נו׳מיר ערגעץ אוועקגעהן... איך וויל איצט ניט זיין אין דער היים..

ח צ ק א ל. איך זאג דיר, וועניג האָב איך זיך היינט אנגע־גאנגען.

ל י ז א. איך זיץ שטענדיג אין שטוב...

ח צ ק א ל. דער טאטע זאָגט, ווען גאָט האָט בעשאפען א קאץ און א יודענע, האָט ער זיי געזאגט: זיצט אין שטוב, קע־צעלט זיך און קינדעלט. כע, כע, כע! פאר וואס קינדעלסטו ניט, בהמה דו? האָסט געהאט א מיידעל און געגוג. נו, און יונגלעך? וויפיעל? 80, 90, 100, 110...

ל י ז א. קום, מיר וועלען זיך אזוי דורכגעהן אביסעל...

ח צ ק א ל. שפּאצירען איז נאר גוט פאר ניט סעריאזנע מענשען... מיר וועלען בעסער היינט זיך לייגען פאר פריה שלאָפען, איך דארף גאנץ פריה ארויספאהרען.

ל י ז א. איך פיהל זיך שלעכט...

ח צ ק א ל. פיהלט זיך שלעכט! וואס איז, ביסט הונגעריג, צו דיר פעהלט עפּיס? 120, 130, 140... (צעהלט שטיל. פּויזע).

ל י ז א. חצקאל, איך וויל דו זאלסט האָבען א ביסעל געדולד און מיך אויסהערען. עס איז נויטיג, דו זאלסט וויסען, וואס איך פיהל, ווארום מיט יעדען טאָג.

ח צ ק א ל. (געניצט לויט). ליזא, דו ווייסט, וואָס האָבען מיר היינט אויף וועטשערע? צוריבענע קארטאפליעס מיט גענ־זענע שמאלץ און מיט א ציבעלקע, וואָלט איך געגעסען מיט די אויגען.

ל י ז א. חצקאל, איך וויל דו זאלסט מיך אויסהערען.

ח צ ק א ל. דו הער בעסער, האָב איך היינט אבגעטון א שפּיצעל, ווי א חכם עתיק! איינער פון אונזערע בעלי חובות האָט געוואלט אויסנארען נאָך סחורה און באנקראָטירען. מיך אבער העצקעט מען ניט. וואו בין איך מיט מיין קאָפּ? איך האָב ביי איהם אויסגענארט דעם אלטען חוב, האָב איהם כלומרשט געהייסען פּאַקען נייע סחורה און האָב איהם געגעבען א פּייג אונטער׳ן נאָז...

פאר דיר איינגענומען א כפרה.זאג איהם, נאָך וואָס זאָל ער צונע־
מען ביי מיר, אז ער דארף עס ניט? געב איהם א גלעט איבער'ן
קאָפּ, א שמייכעלע, א ווינק... איך וועל אייך אונמיסטען לאָזען
אליין.

מ י ל ק ה. (אין טיר). קומט אריין, די יונגע ב"ב זיינען דאָ.
די אייגענע שטוב, וואו איהר פלעגט מיט'ן טאטען שפּיעלען אין
קאמער־הויז.

ח צ ק א ל. (צעהלט). וויפיעל? 670, 680, 690. (בן־ציון
קומט, זעהר בלאס, ברענגט עפּיס פערוויקעלט אין פּאפּיער. זעהט אויס
ווי א ביסעל „געריהרט"). א גאסט אין שטערטעל! 700, 710, 720.

ב ן־צ י ו ן. 700, 710, 720! דיזעלבע זאַך, ווי א מאָל.
זיצסט און צעהלסט און צעהלסט... וואס וועט זיין, אז דו וועסט
שוין איבערצעהלען? (זעצט זיך).

ח צ ק א ל. אז איך וועל איבערצעהלען? (צעהלט שטיל).
אז איך וועל איבערצעהלען, וועל איך דאס געלד נעמען אהער אין
גארטעל אריין, אָט אזוי, אָ. (לעגט דאס געלד אין א גארטעל), נאכ־
דעם וועל איך נעמען מיין סאק־וואַיאזש און וועל צוגרייטען אלץ,
וואָס איך דארף... איז מיין ביקסעל דאָ? (נעמט פון סאק א רעוואל־
ווער). אנגעלאדען. (בעהאלט צוריק). נאכדעם וועל איך עסען וועט־
שערע, נאכדעם וועל איך געהן א קוק טון צו די פערד, נאכדעם
וועל איך זיך לעגען שלאָפען מיט מיין יודענע.

ב ן־צ י ו ן. אוי! (ער גיט א ברום און נעמט זיך נערוועז
פערשפּילען אלע קנעפּלאך פון זיין ראָק. ליזא קערט זיך אב).

ח צ ק א ל. הא? איך זאג, נאכדעם וועל איך זיך לעגען
שלאפען מיט מיין יודענע...

מ י ל ק ה. ער חזר'ט איין, זאל, חלילה, ניט פערגעסען.

ח צ ק א ל. און גאנץ פריה, כאור הבוקר, ארויספאהרען
אויפ'ן יריד. איך בין א מענש, וואס איך ארבייט... מען דארף
געהן זעהן דעם טאטען. (שטיל). ליזא, האָב שכל. (אָב).

מ י ל ק ה. ווי צער־בעל־חים'דיג דער זעהט, נעבאָך, אויס...

מ י ל ק ה. פאר וואס דען קריג איך 42 רוב׳ א יאהר? מאַ־דאם, בן־ציון געהט.

ח צ ק א ל. בן־ציון? האָט ער זיך מישב געווען און געהט ענדיגען מיט מיר? אדער מען האָט איהם אנגעלערענט, ער זאָל געהן בעטען מחילה ביי׳ם טאטען? (לויט). בן־ציון געהט אהער, מערקווירדיג!..

ל י ז א. וואס איז דאָ אזוי מערקווירדיג? ער געהט זעהן דעם קראנקען טאטען.

ח צ ק א ל. דעם טאטען? פון וואנען ווייסטו, אפשר מיך?

מ י ל ק ה. פון וואנען מיר ווייסען? א שעהנע קלאָץ קשיא. כע! כע! אי, מאדאם, האָט ער מיך דערשראקען, איך האָב געמיינט, ער איז שוין אין גאנצען א פארטיגער... וואס האָט ער געוואלט פון אייך?

ל י ז א. די מאמא האָט איהם גערופען, האָט ער ניט גע־וואלט קומען, זיינען מיר איהם געגאנגען בעטען.

ח צ ק א ל. דו? נו! ווען דו זאלסט אבער מיט דיין בהמה׳שען קאָפּ קענען פערשטעהן, צוליעב וואס די מאמע רופט איהם, וואלט דאך דיך דער שווארץ יאהר אהין ניט געטראגען.

ל י ז א. געוויס, פערשטעה איך, און דער שווארצער יאהר ראָט מיך דאך געטראגען... ביי דער גאנצער וועלט, ביי מיר אפשר זייט איהר ניט גלייך, דער מוטער זייט איהר אבער ביידע גלייכע קינדער...

ח צ ק א ל. הייסט עס, מיין אייגענע ווייב איז געגאנגען העלפען מיך בערויבען און בע׳גזל׳ענען...

ל י ז א. דיין אייגענע ווייב איז ניט געגאנגען דיך בערויבען. עס האנדעלט זיך ניט וועגען דיין טייל.

ח צ ק א ל. טייל, מייל! וואס פאר א טייל האָט ער? ווער האָט געארבייט, געהאָרעוועט ווי אן עזל, געדרעהט מיט׳ן קאָפּ? פאר וואס קומט איהם און וואס פאר א תכלית קען דער מטורף מאכען פונ׳ם געלד? ער פערשטעהט עפּיס א קאמערציע? ליזא, דו קענסט דאך איהם ערקלערען. איך וויים, ער האָט אמאָל

מען פון אייך. איך וויל מיך מיט אייך בעראטהען, איידער איך וועל מיך בעשליסען צו קעמפפען פאר מיין פרייהייט. געוויס, ווען איך זאל ניט האבען דאס קינד, וואלט געוועזן לייכטער, אבער דאך...

ב ן־צ י ו ן. יא, איהר דארפט קעמפפען פאר אייער פריי־הייט, פאר אייער גליק. איך אבער... פאר מיר איז צו שפעט. איך וואלט געדארפט מיין גליק אבנעמען מיט געוואלד ביי אן אנדערען.. איך קען ניט בויען מיין גליק אויפ'ן אנדערענ'ס אונגליק. און אי־בערהויפט, איך בין, הפנים, פון די שלימ'מזל'דיגע מענשען, וואס קענען גאר ניט זיין גליקליך... כע! איך בין דאך פון די, וועלכע מען דארף בעדויערען; און איהר האט א מאל זעהר קלוג געזאגט: וועה איז צו דעם מאן, וואס דארף פון א פרוי בעדויערט ווערען (פער־טראכט זיך). זעהט איהר, אייער קינד וואלט איך יא געוואלט זעהן. איך האב אויך געהאט א קינד, עס איז טויט יעצט... זיי האבען עס ערמארדעט... איצט אויב איך וועל אוועק פון דער וועלט, וועט פון מיר ניט בלייבען קיין זכר. (ציינט די טיילען פון זיין צובראכענעם מאדעל). דאס וואס איז צובראכען, קען ניעמאלס גאנץ ווערען...

ל י ז א. (פערברעכט איהרע הענד). זיי האבען צובראכען אייערע מאדעלען? אוי, ווי אונזיניג זייער גרויזאמקייט איז!

ב ן־צ י ו ן. (רוהיג). יעדע גרויזאמקייט איז אונזיניג און יעדער אונזין איז גרויזאם.

ל י ז א. אבער דאך, דאס דארף איך ניט טרייבען צו פער־צווייפלונג... די ערפינדונג האט ניט געקענט זיין אזוי וויכטיג.

ב ן־צ י ו ן. יא וויכטיג, ניט וויכטיג — פאר מיר איז איצט אלץ איינס. ניט צו'ם ערשטען מאל זיינען מיינע האפנונגען צושמעטערט געווארען, ניט צו'ם ערשטען מאל איז דאס, וואס מיר איז הייליג, געטראטען געווארען מיט די פיס. (גלעט זיין שטע־רען). וואס האב איך געוואלט זאגען? (ציינט אויף דער פיאנא). די טענער פון דער פיאנא פלעגען אמאל ארויסרופען פאר מיינע אויגען ליכטיגע זילבער־ווייסע לבנה־שטראהלען זאגאר אין פינס־טערע נעכט. ביז א מאל... אין א שעהנע ליכטיגע נאכט, די טענער

מען דאַרף געהן זאָגן דער ב״ב׳טע — זי וואָלט דאָך פאַר איהם קיין זיעבען זעק באָרשץ ניט גענומען... (אב).

ל י ז א. בן־ציון, איהר ווייסט ניט, ווי די מאַמע וועט זיך פרייען, וואָס ענדליך זייט איהר דאָך געקומען צוריק אהיים.

ב ן־צ י ו ן. (טרויריג). יאָ, וויפיעל מען זאָל ניט וואַנדלען, צוריק אהיים, פון וואַנען מען איז געקומען, מוז מען זיך אומקערען. וואָס גיכער מען קערט זיך אום, אַלץ וועניגער וואַנדלט מען.

ל י ז א. בן־ציון, איהר זייט נאָך צו יונג אַזוי צו דענקען פונ׳ם לעבען.

ב ן־צ י ו ן. וואָס איז דאָס לעבען? ביי איינעם רייסט מען אַרויס דאָס גליק פון האַרצען, דעם אַנדערען וואַרפט מען דאָס אונטער די פיס. די הערשענדע אונגערעכטיגקייט קרענקט און פּלאָגט איינעם, רויבט ביי איהם די רוה, דער צווייטער מאַכט זיך א ווייכע קישען פון פרעמדע צרות און שלאָפט רוהיג... — עס איז א גרויס אונגליק וואָס די נאַטור האָט ניט קיין געפיהלען פון גערעכטיגקייט, און דער מענש האָט יאָ אַזאַ געפיהל... דערפון קומט אַרויס דער שרעקליכער צוזאַמענשטויס, דער ווידערשפּרוך אינ׳ם געדאַנק פון לעבען, די טראַגעדיע פון דאָס „דאַזיין“. דער מענש האָט געדאַרפט זיין בלינד, אינדיפערענט, גלייכגילטיג ווי די 4 יסודות פון דער וועלט; ווי דאָס וואַסער פונ׳ם ים, וואָס בלייבט רוהיג און קאַלט, ווען אָרעמע עהרליכע פישער טרינקען זיך, יאָמערען און רופען צו הילפע; ווי דאָס פייער, וואָס פערצעהרט און פערברענט די וואוינונגען פון אָרעמע לייט, ניט אַכטענדיג אויף זייער קלאָגען און ביטערע טרערען, ווי די ערד, וועלכע שאַפט אונז און נעמט אונז צוריק אין קבר אהן זאָרג און אהן פרייד. (גלעט זיך דעם שטערען). איך ווייס ניט, וואָס בין איך אהער געקומען?

ל י ז א. בן־ציון, וואָרום זייט איהר אַזוי פערצווייפעלט? דער מענש האָט א ווילען, געדאַנקען און געפיהלען אום ער זאָל קענען קעמפּפען מיט דער אונגערעכטיגקייט און זאָל קענען בויען זיין גליק. בן־ציון, איך האָב פיעל געטראַכט, זינד איך בין געקו־

ח ו ה. זעה נאר בעסער, מיר ווייזט זיך אויס פערקעהרט, ער איז גאר אין גאנצען אויס מענש געווארען. בן־ציון, מיט דיר האָט זיך שוין ווידער וואס געטראפען? (בן־ציון פערטראכט).

ר א ז ע נ ב ע ר ג. (שטיל). יא, עס איז א גוטער סטראטע־גישער פּלאן, אבער ווי אזוי מאכט מען, אז אויב ער וועט מיך ניט וועלען מאכען פאר דעם אפּטרופּוס, זאל ער כאטש די צואה שריי־בען אויף ליזא'ס נאמען, הא? מען דארף עס מאכען קאטעגאָ־ריטשעסקי! (רעדען שטיל).

ח ו ה. שלימ'מזל'ניק מיינער, פארוואס זאגסטו ניט, וואס האָט דיר געטראפען?

ב ן־צ י ו ן. זעהר פיעל, א סך! מומע, איך האָב מיט איין מאָל בערעכענט א גרויסען חשבון. איך האָב בערעכענט ווי גרויס מיין גליק וואלט געקענט זיין און ווי שרעקליך גרויס איז מיין אונגליק, און דערצו נאָך... פעטער, דו זעהסט, וואס עס איז גע־בליבען פון מיין „גרויסער ערפינדונג“, פון וועלכער מיר ביידע האָבען אזוי פיעל געטרוימט? כע! כע! (איראניש). עלעקטריע איז גאר ניט! דאמפּף איז א נארישקייט! (טרויריג ציינט אויף די צובראכענע מאָדעלען). דאס בלייבט פון דעם מענשען'ס גרויסע פלאמען און זיסע האָפנונגען.

י ש ר א ל י ע ק ב. צובראכען? דאס איז ירוחם זלמן'ס ארבייט. ער האָט מיר ערשט היינט געזאגט, אז אויסער דיין חטא, וואס דו שרייבסט אין די גאזעטען, מאכסטו נאך א מאשינע מיט רוח הטומאה. אקוראט, זאגט ער, ווי די פליגלען, מיט וועלכע דער תלוי איז געפלויגען. ער מיינט, עס איז א גרויסע מצוה אזא זינדי־גע זאך צוברעכען... זיי זיינען בלינד, ווי ביינאכט די הינער...

ח ו ה. (וועלכע האָט בעטראכט די צובראכענע מאדעלען). וועה איז מיר! וועסט ניט קענען צונויפשטעלען ווידער?

ב ן־צ י ו ן. מען דארף ניט און מען קען ניט צונויפשטעלען, וואס עס איז צובראכען.

ח ו ה. נו, נארעלע, וואס דארפסטו זיך אזוי נעמען צום הארצען? צובראכען, צושטאכען מלא עולם...

האָבען געקלונגען אונטער אייערע הענד ווי אלע מאָל, די קאלטע לבנה האָט געשיינט דארט ווי שטענדיג... איך האָב ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און האָב די שטראהלען מעהר ניט געזעהן. פינ־סטער... דונקעל... די שטראהלען וועלען ניט מעהר שיינען.

ל י ז א. בן־ציון, אלץ וועגדעט זיך נאר אינ'ם מענשענ'ס שטארקען ווילען.

ב ן ־ צ י ו ן. (הערט ניט). יענע שטראהלען וועלען ניט מעהר שיינען. (בלייבט זיצען פערטראכט).

ל י ז א. (וויל וואס זאגען, גיט א מאך מיט'ן האנד, זעצט זיך צו דער פיאנא און שפיעלט דיעזעלבע סאנאטא, ביז זי קען ניט שפיע־לען פון געוויין. ער גיט א קוק אויף איהר און הויבט אויך אן וויי־נען. פרומע קומט).

פ ר ו מ ע. בן־ציון, וואו בינסטו? זוהן מיינער ביסט אזא גוטער, וואס דו ביסט געקומען. אפשר וועט דאך גאט העלפען און איהר וועט מאכען שלום. זעה נאָר, זיי וויינען גאָר! קינדער, גאָט איז מיט איך, וואס איז פאר א געוויין?

ב ן ־ צ י ו ן. מאמע, איך בעוויין דאס, וואס איז געשטארבען און וועט קיינמאָל ניט מעהר לעבעדיג ווערען... טויט פאר אימער און אויביג.

ל י ז א. (פערבאָרגט איהרע טרערען). איך וועל איך ברענגען דאס קינד. (ראש אב).

פ ר ו מ ע. איך פערשטעה ניט וואָס דו מיינסט. דער טאטע, חלילה, האלט נאך ניט ביי'ם שטארבען. דאָרט זיצען ביי איהם מענשען: דער פעטער מיט דער מומע, דער מחותן מיט מישא. הערסט, חצקאל האָט געזאגט דעם טאטען אין א וויץ, אז דו ביסט געקומען יאקאָבי מאָנען ירושה. שא, מיר דאכט זיך, זיי געהען אהער. (ישראל יעקב מיט חוה'ן, נאך זיי ראזענבערג מיט מישא'ן).

י ש ר א ל י ע ק ב. בן־ציון, ביסט א גוטער מענש... מיט דיין קומען אהער האָסטו בעוויזען, אז דו ביסט א מענש. דאָס איז א סך! ווארום דער מענש, וואס וויל זיין מעהר פון א מענש, קען קיין מענש ניט זיין.

זערע אידעאלען, אלע בעוועגונגען פון אונזער זעעלע, ניט נאר א פערפעטואום מאבילע, אן אייביגע בעוועגונג, וועלכע לעבט און עקזיסטירט, נאר זאָלאנג מען גלויבט אין דעם? איהר, געבילדע־טער מענש צוטרעט איהר דען ניט אלע מיינע געדאנקען מיט די שמוציגע פיס, גראדע ווי די ווילדע פאנאטיקער? זיי ברעכען א טויטע מאשין, וועלכע איז געמאכט, ווי זיי גלויבען, מיט רוח הטומאה, און איהר ברעכט די אייביגע בעוועגונג פון א לעבעדי־גער זעעלע, וועלכע איז געשאפען, ווי איהר ווייסט, מיט'ן רוח הקודש... זיי מיינען, אז דער, וואס פליהט אביסעל העכער פון זייי־ערע קעפּ, טוט דאס מיט אן אומריינע קראפט. נו, און איהר? זאגט איהר דען ניט דאסזעלבע וועגען מענשען, וועלכע איהר רופט מיט פעראכטונג אידעאליסטען, ווייל זיי האָבען פליגלען און פלי־הען העכער פון אייערע פערשטאפּטע קעפּ?! איהר האָט גרויסע סטראטעגישע פּלאנען אין אייערע קליינינקע קעפּעלעך: די קאָנ־סאלידאציע האָט איהר פעראייניגט מיט דער אסיגנאציע, דעם קאפּיטאל מיט וויסענשאפט, ליעבע מיט קאָנטע־בוך... אלץ גוט אויסגערעכענט. נו, און וואו איז געבליבען ביי דעם חשבון דער מענש, די מענשליכע געפיהלען, די זעעלע פונ'ם מענשען? אט זייט איהר איצט דאָ, דער מחותן און דער אינזשענער טעכנאָלאָג. (א ביסעל ווי פערווירט). איך קוק אריין צו'ן אייך אינעווע־ניג אריין, איך זעה אייך דורך און דורך יעצט! איך זעה, אז איהר זייט דאָ אלס קברות־לייט. יא, קברות־לייט! איהר זייט געקומען עמי־צען בעגראבען און וועמעס עס איז ירושה בע'ירשנ'ען!..

ראזענבערג. ווער? איך! מישא, ווי געפעלט דיר אזא געמיינהייט?

מ י ש א. ווייס איך! א פּרעדיגער פון מאָראל...

ב ן־ צ י ו ן. (כאפּט זיך אָן ביי'ם קאָפּ). פעטער, איך האָב מורא פאר זיך! עס איז הפּנים אמת... איך בין א מטורף! איך בין א מטורף! (ליזא קומט מיט א יאהריגעס קינד. נאך איהר מילקה).

ח ו ה. זיין קאָפּ, וועה איז מיר! אז ער שלאָפט זיך קיין מאָל ניט אויס.

פ ר ו מ ע. א שלאג האָט מיך געטראָפען. וואס איז דאס פאר א נייער אונגליק?

מ י ש א. אז מען פערלירט אן אוצר, וואס מען זעהט אין חלום, איז א גרויסער אונגילק? אזא אונגליק איז דאס. פערפעטואום מאבילע...

פ ר ו מ ע. הא, וואס איז דאס, ישראל יעקב?

י ש ר א ל י ע ק ב. ווילסט קריגען אן אקאדעמישע בילדונג אומזיסט? עס קאָסט טייער...

מ י ש א. (מיט פעראכטונג). פערפעטואום מאבילע איז א פאנטאסטישע שפיעליכעל פאר ניט געבילדעטע פאנטאזיארען. ע! די פאנטאזיארען און די פערשיעדענע אידעאליסטען זיינען פונקט אזוי שעדליך פאר דער געזעלשאפט, ווי אנשטעקיגע קראנקע און פערברעכער. זיי פערפעסטען די מענשען מיט שוואכהייט. הא! זעהסט זיין פערצווייפלונג! זיי האָבען איהם צובראכען זיין פערפעטואום מאבילע...

ב ן־צ י ו ן. זיי האָבען ניט צובראכען דאס, וואס איהר רופט אן איראָניש פערפעטואום מאבילע, — די אייביגע בעוועגונג קען ניט צובראכען ווערען. דאָס איז גאָר ניט, ניין! — זיי האָבען גאנץ גלייכגילטיג גענומען און האָבען מיט שמוציגע הענד צובראכען דאס, וואס איז מיר געוועזען טייער, דאס וואס האָט מיר געגעבען האָפנונגען, דאָס, וואס האָט מיר געקאסט אזוי פיעל מיה, אזוי פיעל ארבייט. זאל זיין, עס איז א פאנטאזיע! איך האָב אין דעם ארייגעלעגט וואס עס איז מיר איבערגעבליבען פון מיין זעעלע און פון מיין הארץ, — זיי האָבען אין גאנצען מיין הארץ צובראכען, מיין זעעלע געטויט.

מ י ש א. נו, דערויף זיינען זיי נארישע ווילדע פאנאטיקער. זיי זיינען דאך אייערע מיטמענשען, פאר וועלכע איהר זייט בערייט צו אפּפערען דאס לעבען!

ב ן־צ י ו ן. זיי זיינען ווילדע פאנאטיקער, און וואס זייט איהר? ווייסט איהר דען פון פערפעטואום מאבילע מעהר פון זיי? איז דען אונזער נשמה, אלע אונזערע שטרעבונגען, אלע אונ־

מ י ל ק ה. (צו חצקאל'ן). א פולע שטוב מיט מענשען און איהר שפאצירט אין אייער באלדאכאן. א ציהרונג.

ח צ ק א ל. ציהרונג, שמירונג! לערענט מיך אויף דרך ארץ! ביסט שוין אויך א שטודירטע געווארען...

מ ל כ י א ל. נו, וואס זשע, ביסט נאך אלץ אזא מטורף, ווי געוועזן?

ב ן־צ י ו ן. יא, מיין איינציג פרייד איז, וואס איך וועל שוין בלייבען אזא מטורף, ווי געוועזן. איך וועל שוין ניט האבען קיין צייט צו ווערען אן אנדערער.

מ ל כ י א ל. אזוי? אזא גרויסער טשין איז א מטורף! נו, וואס זשע ביסטו געקומען? מאנען ירושה, הא?

ח צ ק א ל. א צדיק, א צדיק, און ווי עס קומט צו ירושה, ווערט ער פלוצלונג א בשר ודם.

מ י ל ק ה. אומעטיג... מען קען גאר היינט פון איהם ניט לאכען!

ר א ז ע נ ב ע ר ג. מחותן, אז עס איז שוין יא ביי אונז א קאנווערזאציע וועגען ירושה, וויל איך בעמערקען: א יוד האט מורא צו דערמאנען דאס ווארט צואה.

מ י ש א. קריסטען זיינען אין דעם פאך פראקטישער. א מענש דארף שטענדיג זיין פארטיג מיט אלע זיינע בילאנצען.

מ ל כ י א ל. (סארקאסטיש). בילאנצען, פינאנצען, הא!

ח ו ה. אי, וואס דולען זיי מיר היינט דא די פאה?

ר א ז ע נ ב ע ר ג. גאנץ איינפאך, מען דארף מאכען א צואה און מען קלייבט אויס פערטרויטע אפוטרופוס'ן, וועלכע זא־לען אכט געבען אויפ'ן געלד און דעם גאנצען פערמעגען.

ח צ ק א ל. (בייז). איהר האט א טעות, שוואגער. אזעלכע פערטרויטע דארף מען נאר, ווען די קינדער זיינען ניט פאליעהרי־גע. איך בין א מענש, וואס מען דארף מיר ניט לעגען א פינגער אין מויל.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. יא, אבער אין דעם פאל, ווען איין זוהן איז ניט ביי'ם פולען זין?

מ י ל ק ה. אי, ער איז עפּיס זעהר שטאַרק לאַ־עליכם׳דיג.

ל י ז אַ. ער האָט געוואָלט זעהן דאָס קינד. אפשר וועט דאָס איהם בערוהיגען. בן־ציון, איהר האָט געוואָלט זעהן מיין מיידע־לע. מען רופט זי איטאַ, נאָך מיין מאַמאַ.

פ ר ו מ ע. יאַ, בן־ציון, האָסט נאָך ניט געזעהן חצקאַל׳ס קינד.

ב ן ־ צ י ו ן. איך וויל זעהן ליזאַ׳ס קינד! (נעמט דאָס קינד). איטאַ? נאָך אייער מוטער? ליזאַ, ווען איהר וועט האָבען אַ יונגעלע, גיט איהם אַ נאָמען בן־ציון, נאָך מיר.

פ ר ו מ ע. גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו דאָס? דו לעבסט און דו וועסט נאָך איה״ש פּיעלע פון אונז איבערלעבען.

ב ן ־ צ י ו ן. יאָ, איך לעב נאָך, אָבער איך וועל קיינעם פון אייך ניט איבערלעבען. איך וויל ניט לעבען, — איך וועל ניט לע־בען. (צו׳ם קינד). אויב מען וועט דיך ניט פערדאַרבען, איטאַ, וועט פון דיר אויסוואַקסען אַ גוטער עהרליכער מענש. (צו ליזאַ׳ן). מען קען גיט און מען טאָר ניט האַלטען זיך אין גאַנצען אונגליקליך, ווען מען האָט אַזאַ גרויסע נחמה, אַזאַ טייערען, זיסען טרויסט. ליזאַ, איהר האָט אַ קינד, איך האָב גאָר נישט... איך האָב גאָר נישט... (בייגט זיך צו צו׳ם קינד און וויינט. ליזאַ וויינט שטאַרק).

פ ר ו מ ע. (ווישט אָב אַ טרער בגנבה). שאַ, מיר דאַכט זיך, איך הער דער אַלטער געהט.

ח ו ה. נאַר, אַ גרויסע זאַך קינדער? די מאַשינע, ווי רופט ער זי, די פּערעפּוטעטע אָהאַלאָבלע איז שווער... מען דאַרף שכל דערצו..., אָבער קינדער... (מלכיאל קומט מיט חצקאַל׳ן. ער איז זעהר בלאַס און מאַגער, אנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען, אָבער האַלט זיך שטאַרק).

מ ל כ י א ל. און טאָמער וועט קאָניוכין ניט זיין אויפ׳ן יריד, טעלעגראַפיר איהם תכף ומיד קיין מיקאָלאַיעוו, אַז מיר ווע־לען פּראָטעסטירען די וועקסלען. הם! איך האָב געמיינט, זיי מי־כען שפּאַס, און ער איז טאַקי דאָ. (בעטראַכט בן־ציון׳ען).

פארגען, שפארען, קלייבען, בענעמען די וועלט, אבזאגען זיך פון אלץ! צוליעב וואס און צוליעב וועמען?

ח צ ק א ל. אט, למשל, ביסטו געשטארבען, קען קומען איך זיים ווער, א מטורף, וואס ווייס ניט, וואס איז געלד און נאך וואס איז געלד, און קען פארדערען העלפט. קען דאס איבערקערען דעם גאנצען געשעפט מיט די לאקשען אראפ. איך מיט מיין קאפ פער־שטעה דאס און בערעכען דאס.

מ ל כ י א ל. חברה, איהר האט דא אלע א מיאוס׳ען טעות. די צואה איז דא. (צושפּילעט זיין זשילעט און נעמט א פאפיער פון בוזים־קעשענע). קיין לאקשען אראפ און קיין לאקשען ארויף! קיי־נער וועט ניט נעמען דאס, וואס איך לאז איהם ניט איבער. קיי־נער ניט! בן־ציון, דו ביסט געקומען צו שפעט: אין דער צואה, ברודער, איז שוין אלץ אויפגעשריעבען. (בייז). אלץ!

ב ן־צ י ו ן. יא, איך קום שטענדיג צו שפעט; דערפאר אבער וועל איך אוועקגעהן צו פריה... הם! און וועגען דער ירושה זאל זיך חצקאל זארגען... וואס איז מיר דער חילוק, יא אויפ־געשריבען, ניט אויפגעשריבען?

מ ל כ י א ל. אנדערע, ווי איך זעה, טיילען זיך מיט דער ירושה ביי מיין לעבען, און דו? די ירושה שמעקט דיר ניט, וואס ביסטו געקומען? אפשר בעגראבען מיך שוין בעצייטענס, הא?

ב ן־צ י ו ן. דיך בעגראבען? א מענשען בעגראבען שטענדיג נאר אייגענע קרובים און גוטע פריינד. פרעמדע בעגרא־בען ניט. איך בין דיר א פרעמדער, ניט קיין קרוב און ניט קיין אייגענער, איך וועל דיך געוויס ניט בעגראבען. זיי דא, זיי וועלען דיך שוין בעגראבען.

ר א ז ע נ ב ע ר ג. זעהסט, מישא, וואס פאר א קאטעגאריע מענשען...

מ י ש א. פאפא, מיש זיך בעסער ניט, איין משפחה׳טע!

מ ל כ י א ל. וואס זשע ביסטו געקומען אהער צו מיר? האסט זיך אפשר גענומען פאר׳ן שכל און ביסט געקומען דעם טא־טען איבערבעטען?

בן־ציון. וועלכער פון די צוויי בנים מיינט איהר דאס, מיך צו חצקאל'ן? (צו'ם קינד). אה, קינד, ווי גליקליך דו ביסט, וואס דו קענסט ניט פערשטעהן, וואס מען רעדט דא, אבער, לייי־דער עס וועט זיין א צייט, ווען דו וועסט הערען און פערשטעהן, און דאס אלץ וועט פערגיפטען דיין ערלע זעעלע און פערדארבען דיין ריין הארץ... נעמט זי בעסער צו פון דאנען... (קושט זי). נו, איטא, זיי געזונד. קענסט מיך ניט? איך בין דיין אנקעל, וועל־כען אלע רופען מטורף. קוק מיך אן, קינד, ווארום ס קען זיין, וועסט מיך שוין מעהר ניט זעהן... דו וועסט מיך אודאי באלד פערגעסען, נאר דיין מאמע וועט אפשר מיך אמאל דערמאנען און וועט דיר דערצעהלען פון מיר... זעהר שלעכטעס וועט זי דיר ניט דערצעהלען פון מיר. זיי געזונד און גליקליך. (גיט דאס קינד ליזא'ן, וועלכע געהט אב מיט'ן קינד). טאטע, איך בין ניט געקומען מאנען ירושה. הע! איך בין געקומען פרעגען, וויפיעל זאל איך נעמען ביי חצקאל'ן פאר מיין טייל. ער איז געוועזן ביי מיר, האט זיך גע־דונגען, און איך האב איהם שוין אויפגעשריבען אויף פאפיער. ער איז אבער ניט געבליבען צופריעדען, עס איז איהם ווייניג.

חוה. (שטיל). איהם איז שטענדיג ווייניג — דעם טאטענ'ס קישקע...

מלכיאל. אזוי? וויפיעל האסטו דען געשריבען אין דיין פאפיער?

בן־ציון. וויפיעל? ניט זעהר פיעל. איך האב איהם געשריבען: חצקאל, ביסט איין עזעל.

ישראל יעקב. ניט ריכטיג! האסט געשריבען: חצקאל, זיי ניט קיין פערד.

חוה. נו, זאל זיין פערד. איבער אזא קליינעם חילוק איז ניט כדאי צו קריגען זיך מיט א לייבליכען ברודער.

חצקאל. אמת, טאטע, איך בין געוועזן ביי איהם, איך רעד אהן חכמות; איך בין א מענש, וואס פערשטעהט. קיינער ווייסט ניט, אויב דו האסט א צואה. טאמער, חלילה, שטארבסטו...

בן־ציון. נו, כדאי, געוועזן א גאנצען לעבען זאמלען,

נערען, אויב דו האָסט געליטען יסורים דורך מיר, אדער בזיונות, — בעט איך דיך, זיי מיר מוחל, טאטעניו, און זיי ניט בייז אויף מיר. (נעמט זיין האנד. מלכיאל בויגט איין זיין קאָפּ און טראכט. די ווייבער וויינען).

ישראל יעקב. אוי, איידעלער, גאָלדענער מענש! (ווישט אב א טרער).

חצקאל. אזוי? שלום, הא? טאטע, מיין ניט, אז אויב דו וועסט איבערבייטען די צואה, קריגט ער שוין עפּיס... מיר וועלען נאָך זעהן, וואס מען וועט זאגען אין געריכט. פאר וואס זאָל דעם שווארץ יאהר אנקומען גרינג, ווערהענד איך האָב געהאָרעוועט און האָב מיט מיין קאָפּ געדארפט אלץ פערזארגען?

מלכיאל. פערזארגען, גוט מארגען, גוט מארגען! האָסט געהארעוועט, הא? נו, און דאס, וואס דו האָסט אנגע׳גנב׳עט? דו האָסט דאך א פערמעגען בעזונדער, וואס איך מאך זיך נאר, אז איך ווייס ניט, אז איך ווייס...

חצקאל. יא, פערמעגען! פערגינסט מיר ניט... האלסט ביי׳ם שטארבען און ציטערסט, טאמער האָב איך ביי דיר גענומען דריי גראָשען...

בן־ציון. איבער וואס קריגט איהר אייך? פערמעגען, געלד, גראשען! פע, ווי מיאוס! וואס פאר א מיאוס׳ע וועלט, און וואסערע מיאוס׳ע מענשען. (ירוחם זלמן קומט מיט א פּאפּיר, מיט איהם עטליכע יודען, איינער א געלער).

חצקאל. איך האָב א ווייב און קינד. און פאר מיין ווייב און קינד וועל איך געהן ביז׳ן האלז אין בלוט!

בן־ציון. (שטיל). פאר זיין ווייב און קינד ביז׳ן האלז אין בלוט! וואס וואלט איך אומגליקליכער אומשטאנדע געוועזן צו טון פאר זיי?

מילקה. (שטיל צו חצקאל׳ן). אוי, די מאדאם וויינט אזוי, אז עס איז א שרעק. איך האָב מורא, זי זאָל ניט קראנק ווערען.

חצקאל. דול מיר ניט דעם קאָפּ מיט אזעלכע שמאכטעס איצט!

בן־ציון. איבערבעטען? מען ווייסט ניט, ווער דארף ווענען איבערבעטען.

פרומע. איבערבעטען א טאטען איז ניט קיין אומ׳כבוד, חלילה.

חוה. ניט אלע מאָל אבער איז דאס א גרויסער כבוד.

מלכיאל. די צוואה איז טאקי אויפגעשריבען, אבער אויב דו וועסט מיר צוזאגען צו ווערען א שטיקעל מענש און ניט זיין מעהר קיין מטורף; אויב דו וועסט מיך בעטען, גוט בעטען, אזוי ווי מען דארף א טאטען בעטען.

חצקאל. נו, יא, ער איז טאקי דער מענש, וואס וועט בעטען! וואס איז ביי איהם א טאטע, אדער אן עלטערער מענש? ער גלויבט דאך ניט אפילו אין גאָט.

ישראל יעקב. נו, יא, דו האָסט דרך ארץ פאר אן עלטערען, גיבסט אב כבוד דעם טאטען און גלויבסט אין גאָט, ווייל דו ביסט א מענש, וואס פערשטעהט, וואס איז געלד... אבער ער! וואָס פאר א קאָמערציע ווייס ער?

בן־ציון. טאטע, איך קען דיר ניט צוזאגען צו ווערען אוים מטורף. איך גלויב, מען קען ניט זיין, פיהלען און פערשטעהן ווי א מענש און ניט א מטורף ווערען. וואס אנבעלאנגט דער ירושה? איך האָב זיך קיין מאָל ניט אינטערעסירט מיט׳ן געלד. וואס וואלט איך געטון מיט געלד, וואס איז אנגעזאמעלט געווארען ניט מיט יושר? ווער רעדט איצט? איצט וויל איך זאגאר ניט רעדען דערפון... הם! (פערטראכט זיך). אָבער וועגען איבערבעטען זיך מיט דיר, זעהסטו, וועגען איבערבעטען, קען זיין, אז איך בין ניט גערעכט. איך וויל, מיר זאלען זיך היינט שיידען אין פריע־דען. יא, איך וועל דיך איבערבעטען. (א קליינע פויזע). טאטע, אויב איך האָב דיר געטון שלעכטעס... (פרומע וויינט שטיל).

מלכיאל. שוטה, וואס פאר א שלעכטס האָסטו מיר גע־קענט טון?

בן־ציון. אויב דו מיינסט, אז איך בין שולדיג געגען דיר, אז איך האָב וואס געטון געגען דיין ווילען, נאר דיך צו ער־

האָט געמאכט פון מיינע מאדעלען? (ווארפט אלע צו ירוחם׳ס פיס). איהר זעהט? דאָס האָט איהר געטון.

ירוחם זלמן. איך האָב דאס געטון בדעת הקהל און בדעת המקום. אלע האָבען צוגערעדט... אייער חצקאל אליין האָט אויך ערשט היינט געזאגט: צוברעכט עס אויף פיצעלעך.

בן־ציון. אזוי? חצקאל אליין אויך?

חצקאל. וואס דען? א גרויסען ווערט האָסטו ביי מיר מיט אלע דיינע משוגעת׳ן! אויך א מענש! א קאָפּ! אוי, נאך וואס לעבט עס אויף דער וועלט?

בן־ציון. איא, עס איז א פראגע? נו, נאָ! (צו ירוחם׳ן). אלזא, מען האָט אייך געהייסען צוברעכען מיינע מאדעלען, און איהר האָט עס געטון. איצט וועל איך אייך ווייזען וואס איך וועל טון. איהר האָט צובראכען די מאָדעל, וואס איך האָב געמאכט, איך וועל צוברעכען איינעם פון די מאָדעלען, וואס אליין די גרויסע נאטור האָט בעשאפען! (גיט א שפרונג ווי א משוגענער צו׳ם סאק־וואָיאַזש, כאפט ארויס דעם רעוואלווער און אין איין אויגענבליק שיסט ער זיך אריין א קויל אין ברוסט אריין און פאלט. עס ווערט א גרוי־סער געפילדער).

פרומע. מיין קינד, וואס האָסטו געטון? אוי, א שלאָג האָט מיך געטראָפען. (ליזא לויפט אריין).

מלכיאל. א דאקטאר באלד! לויפט נאך א דאקטאר!

מילקה. (לויפט). וועה איז מיר, בלוט פון א מענשען אין א יודישער שטוב... (אב ראש).

ליזא. (פערצווייפעלט). בן־ציון, וואס האָסטו דאס געטון? וואס האָסטו געטון?

ישראל יעקב און חוה. אוי, בן־ציון! בן־ציון! (זיי לעגען איהם אוועק אויף דער קושעטקע. חצקאל איז זעהר דער־שראָקען).

פרומע. (מילד). זעהט מיין אונגליק! זעהט מיין אונ־גליק!

מלכיאל. בן־ציון, אוי, דאָס האָב איך פון דיר ניט ערוואר־

מ י ל ק ה. (צו ירוחם זלמן). אויף וואס קלייבט איהר איצט, אויף א כלה צו אויף א פרוכת? געטראפען די צייט. (צו מלכיאל'ן). בעל־הבית, יודען!

מ ל כ י א ל. (בייז). יודען, שמידען! וואס איז? וואס דארפט איהר איצט דאָ?

י ר ו ח ם ז ל מ ן. ר' מלכיאל, אלע חתימות זיינען שוין דאָ. איהר האָט געזאגט, איהר וועט זיך אויך אונטערשרייבען, קהל זאל זעהן, אז איהר ווילט זיך מיט'ן עולם ניט פערקריגען. אייער מחותן האָט אונטערגעשריבען, אייער חצקאל אויך. איהר פערשטעהט, אז אייגענע שרייבען אונטער, וועט געוויס זיין גרינג דעם לא יוצלח ארויסצו'פטר'ן פון דאנען. (דערזעהט בן־ציון'ען). אָט איז ער דאָ, דער תכשיט! מיר דארפען איהם ניט האָבען אין סאָראָקע, מיר ווילען ניט!

ב ן־צ י ו ן. אלע אייגענע האָבען זיך שוין אונטערגעשריבען... הם! האָט דער אינזשענער טעכנאָלאָג אויך געגעבען זיין חתימה?

מ י ש א. איך בין אין פרינציפ געגען אזעלכע מיטלען, ווי ארויסשיקען... אבער ווען די גאנצע געמיינדע, ווען אלע...

ר א ז ע נ ב ע ר ג. איך בין טאקי אן אויפגעקלערטער, אבער יוד איז יוד, און איך שטעה ניט אב פון כלל...

מ י ש א. יא, מען דארף געהן מיט אלע. מען טאר זיך ניט אבטיילען...

ב ן־צ י ו ן. מען דארף געהן מיט אלע? ווען אבער אלע געהען ניט, ווען זיי שטעהען אין א שטאל ווי פערד צוגעבונדען צו א קאָריטע? דארף מען שטעהן מיט זיי און הירזשען? ניין! איך טייל זיך אב! ר' ירוחם זלמן, איהר זאגט, מען דארף מיך ניט האָבען אין סאָראָקע? און וואו אין דער גרויסער וועלט דארף מען מיך יא? כא! כא! כא! מיר איז איצט איינגעפאלען א ס ט ר א ט ע ג י ש ע ר פ ל א ן — איך וועל זיך אליין ארויסשי־קען פון דאנען אהן אייערע חתימות און אהן אייערע הסכמות. (נעמט זיין צובראכענע מאשין). נאט! איהר זעהט, וואס איהר

מעהר... איך קען ניט. ליזא! איך זעה זי ניט... איז עס, ווייל מיר ווערט דונקעל אין די אויגען? אדער זי איז דא ניטא?

ל י ז א. דאָ בין איך דאָך לעבען דיר, בן־ציון... (וויינט).

ב ן־צ י ו ן. ליזא, ווען איך זאל לעבען, וואלטען מיך זינדיגע געדאנקען ניט געלאזען רוהען. בעסער אזוי... ניט בעשערט געווען לעבען דיר צו לעבען, וויל... איך... לעבען... דיר... שטארבען... (שטארבט אויף איהרע הענד).

י ש ר א ל י ע ק ב. אוי, בן־ציון, מיט וועמען וועל איך איצט בלייבען אין דער פינסטערער וועלט? אזוי ווי א נר תמיד האָט געברענט ביי אונז אין שטוב, ווען דו ביסט געווען, און איצט וועט זיין פינסטער און פוסט. (וויינט).

ח ו ה. מיין קינד, וואס איז אונז דאר'ט געבליבען?

ח צ ק א ל. (שטיל). גאָט, שטראָף מיך ניט, איך האָב דאס ניט געמיינט... עס איז ניט איבער מיר, ניט איבער מיר! (ציטערט פון שרעק).

י ר ו ח ם. אונז בעשערט צו זיין עדות, ווי ער האָט זיך דער'הרג'עט.

ל י ז א. ער האָט זיך דער'הרג'עט... ניין! איהר, מיר אלע האָבען איהם ערמארדעט. ער האָט געקענט זיך ענטוויקלען און זיין גרויס און נוצליך פאר דער גאנצער וועלט, און מיר האָבען איהם ערמארדעט! ער האָט געהאט א נאבעלע זעעלע, וועלכע האָט געפיהלט פאר אלע מענשען, און מיר האָבען די צארטע זעעלע צו־טראטען מיט די פיס!.. ער האָט געהאט אן איידעלם הארץ, וואס איז געווען פול מיט ליעבע פאר דער גאנצער מענשהייט, און מיר האָבען דאס גוט הארץ צוריסען! אה! וויפיעל נאָבעלע מענשען טויטען מיר, וויפיעל טאלענטען פערניכטען מיר, וויפיעל גרויסע פעהיגקייטען ערמארדען מיר מיט אונזער האס מיט אונזער מורא האָבען פאר'ן אמת, מיט דעם, וואס מיר פערפאלגען יעדען גע־דאנק, וואס איז זעלבסטשטענדיג און אָריגינעל! וועה איז מיר! מיר האָבען איהם ערמארדעט! בן־ציון, דיין בלוט האָבען מיר פערגאָסען... מיר זיינען די מערדער, מיר! (וויינט. א דאקטאר

טעט. איך האָב דיך נאָר געוואלט אויספּרובען. ווילסטו געהן מיט אן אייגענעם וועג, טראכט איך — גער, לאָמיר זעהן, אפשר וועס־טו אונז אלע אריבעריאגען... אבער ווייטער? זעה, קענסט לייע־נען? (כאפּט ארויס די צואה, זיינע הענד ציטערען). ניט חצקאל'ן אין גאנצען, חלילה! דיר מיט דער מאמען. אי, וואס האָסטו דאָס געטון, בן־ציון? ביסט דאך א גוטער... ניט זיך, האָסט דאך מיך דער'הרג'ט! און... זי... די אלטע מאמע...

ל י ז א. (פאלט פרומען אויפ'ן האלז). אוי, מאמעניו! מא־מעניו!

ב ן ־ צ י ו ן. (מיט א שמייכעל). איך בין געוועזן א איברי־גער אין סאָראָקע, האָב איך זיך אליין ארויסגעשיקט... איך האָב ניט געוואלט געהן מיט דער גאנצער טשערעדע, האָב איך זיך אבגעטיילט. הערר אינזשענער, איהר וועט באלד זעהן, אז אָהן אקאדעמישע סיסטעמאטישע בילדונג קען מען אויך שטארבען... אוי! טאטע, די צואה... הער, די יודען זיינען בייז, וואס איך האָב בעשריבען די תלמוד תורה... אויב דו ווילסט מיר איצט טון א טובה, געב זיי צעהן טויזענד אין מיין נאָמען... זאלען זיי זיך אויפבויען א נייע ת"ת, אן אמת'ע שולע... זאגסט מיר צו, טאטע?

מ ל כ י א ל. יא, בן־ציון, אבער איך וויל ניט דו זאלסט שטארבען.

ב ן ־ צ י ו ן. אוי, דאָס מאכט ניט אויס... איין קליינינקע מאָדעל צובראכען, אבער דאָס פּערפּעטואום מאבילע, די גרויסע אייביגע בעוועגונג, דאָס מעכטיגע לעבען וועט ניט אבגעשטעלט ווערען... איינער געהט אוועק פון דער וועלט, דער אנדערער קומט. די מוטער־ערד בלייבט. וויין ניט, מאמעניו... איך בין מיעד און געה רוהען. וואָלט דען בעסער געוועזן, ווען איך זאל זיך פּלאָגען און מאטערען נאָך צוואנציג, דרייסיג יאהר? פעטער און מומע, איהר בלייבט ווידער אליין. זייט געזונד, מיינע איינציגע טייערע פריינד! ווען ניט איהר, וואלט איך נאך צו חצקאל'ס חתונה געטון דיזעלבע זאך... מיר איז דאן געקומען דער געדאנק. נו, נאָך, נאָך געמוטשעט זיך צוויי און א האלב יאהר, איך האָב ניט קיין כח

קומט מיט מילקה'ן. אלע איגענע ווערען אנשוויגען און ווארטען אויפ'ן דאקטאר'ס נגאָרט. ער אונטערזוכט איהם).

דער געלער יוד! פון דעסטוועגען, וויפיעל טובות ער האָט דיר געטון!

ערשטער יוד, דיר האָט ער ניט געשריבען קיין פּראָשעניעס?

צווייטער יוד. ער איז געזעסען ביי מיר דריי נעכט, ווען מיין ברודער איז געווען קראנק.

ירוחם זלמן. איך קען ניט לייקענען, מיט מיין אינגעל האָט ער אומזיסט געלערענט רוסיש. (דאקטאר צייגט, עס איז ניטא קיין האָפנונג. ווידער א געוויין).

דאקטאר. טויט!..

מלכיאל. (פערברעכט די הענד). אומזיסט זיך אזויפיעל געפּלאָגט און געמוטשעט, אוי וועה איז מיר!

ישראל יעקב. (וויינענדיג). אומזיסט? ניין, ניט אומזיסט. ער האָט ווענינ געלעבט אבער ניט אומזיסט... אזוי ווי א ליכטיגער שטראהל האָט ער בעלויכטען אונזער פינסטער לעבען... און דער שטראהל וועט אונז אייביג שיינען, וועט אייביג ווארעמען אונזער'ע צואוועהטאגטע הערצער... אה, בן־ציון, מיין תלמיד, מיין פריינד, מיין חבר, מיין רבי! (אלע וויינען).

חוה. (אומאַרעמט פרומען, וועלכע איז ווי פערשטיינערט). פרומע, אונזער קינד! אונזער קינד, אונזער קינד!

פאָרהאנג.

קרייצער סאנאטא

א דראמע אין 4 אקטען.

— פון —

יעקב גארדין

(Copyright by Jacob Gordin, 1907.)

ארויסגעגעבען פון

מ. מייזעל, 422 גרענד סט. נויארק.

1907.

פערזאנען:

ראפאיל פרידלענדער, א רייכער פאדריאטשיק — 50 יאהר.

חוה, זיין פרוי, 45 יאהר.

עטי, זיין עלטערע טאכטער, 20 יאהר אלט.

ציליע, זיין צווייטע טאכטער, 18 יאהר אלט.

סאמואיל, זיין זון, 22 יאהר אלט.

אפרים פידלער, א כלי זמר, 50 יאהר אלט.

ביילע, זיין פרוי, 50 יאהר אלט.

גרעגואר, זייער זוהן, 25 יאהר אלט.

נאטאשא, אן אלטע רוסישע פרוי ביי פרידלענדער אין הויז — 55 יאהר אלט.

אלבערט, עטיס זוהן, 7—8 יאהר אלט.

דיענסטען, געסט, מוזיקער.

ערשטער אקט אין קרעמענטשוג, רוסלאנד.

דריי אקטען אין אמעריקא.

צווישען ערשטען און צווייטען אקט 7 יאהר.

ערשטער אקט.

(א רייכער זאל ביי פרידלענדערן, א פיאנאָ, בלומען. נאטאשאַ, גע־
קליידעט רוסיש, רוימט, רעדט מיט זיך אליין. ציליע ביי דער
פיאנאָ, שפּיעלט פלייסיג א שווערען עטיוד.)

נ אַ ט אַ ש אַ: באַרישניא, האָ באַרישניא! (ציליע הערט אויף
שפּיעלען) וויא לאַנג נאָך וועט איהר אייך ברעכען דיא פינגער
און מאַראַטשען דעם קאָפּ?

צ י ל י ע: ביזט אַ נאַר, אז מען וויל זיין א גוטע פּיאַניסטין דאַרף
מען פיעל לערנען.

נ אַ ט אַ ש אַ: באַרישניא, פערגעסט ניט, איהר צימבעלט שוין
נייען יאָהר.

צ י ל י ע: נו, נייען?! דאָס, ניאַניע, איז אַ גרויסער ליגען.

נ אַ ט אַ ש אַ: אַ הונד, באַרישניא, לייגט, אַ מענש רעדט... אייך
איז געוואָרען נייען יאָהר ווען דער גראָבער דייטש האָט אייך
אָנגעהויבען לערנען... איהר געדענקט? מיט דער רויטע נאָז... מען
פלעגט איהם רופען פּאָמפּע...

צ י ל י ע: חאַ! חאַ! זיא געדענקט... קאַרל לודוויג פּאָמפּאַ...

נ אַ ט אַ ש אַ: און איצט זייט איהר, דאַנקען גאָט, שוין אכצעהן
געוואָרען.

צ י ל י ע: ניט וואָהר... דער זיבעצעהנטער געהט מיר ערשט.

נ אַ ט אַ ש אַ: אכצעהן געוואָרען נאָך פּאָקראָווע... אי! איך
געדענק גוט. ווען איהר זייט געבוירען געוואָרען איז נאָך עטי
געוועז אָט אַזאַ ציפּליאַניקעל... האָט נעבאָך אַלץ געוויינט צו דער
מאַמע. וועה איז מיר, נאָך גאָר אַ פּיצעלע פויגעלע געוועזן... געוועהנ־
ליך, אַ קינד וויל צו דער מאַמען, און דיא מאַמע האָט שוין איין
אַנדערס... גאַנצע נעכט פלעג איך איהר זינגען און וויעגען... אי!
וויא איין ענגעל פלעגט זיא לעבען מיר שלאָפען אין איהר בעטעלע...

ווער מוזיקאלנע שקאלע... א שעהנער יונג... זאלסט זעהען אויגען.. יעדעס אויג וויא א קולאק...

נאטאשא: שיינע מענער זיינען שוואך, נארריש און צובא-לעוועט... ווער רעדט נאך, אז ער איז א מוזיקאנט... אז ער שפיעלט האלטען איהם אלע פאר אן אבגאט... און נאך דעם ווען ער שפיעלט שוין ניט, מיינט ער נאך אלץ, אז מען דארף זיך צו איהם בוקען... אי! ער שפיעלט א שטונדע, און לעבען דארף מען מיט איהם א גאנצען טאג... ארעמע עטי, זיא קען זיך ניט העלפען, זיא מוז נעבאך. (א גלעקיל)

ציליע: אי, דאס געהט ער, דאס געהען זיי שוין (שפיעלט) איך וואלט געטאנצט און זיא, דער נארר, וויינט..

(נאטאשא לויפט עפענען, ראפאילס שטרענגע שטימע פון זיין צימער).

ראפאיל: ווער איז דארט? עי! (קומט) ווער האט געקלונ-גען? איז מען געגאנגען עפענען?

ציליע: (שטייט אויף, מיט רעספעקט) יא, פאפאשא, דיא ניאניע איז געלאפען עפענען...

ראפאיל: דיא ניאניע איז געלאפען! ביזט דאך אביסעל יונגער, האסט ניט געקענט לויפען?

חוה (הינטער דער טיער): ווער האט געקלונגען? (ערשיינט, אלס וואזשנע דאמע) זיי? זיי גייען שוין? (קיינער ענטפערט ניט ראפאיל, זיא וויל זיך ניט אנטהון... ליעגט און וויינט... (נאטאשא קומט.)

נאטאשא: גאר נישט, בארין, קיינער ניט... עס איז נאר אונזער סאמואיל, מעהר גאר נישט. (סאמואיל קומט, דערזעהט דעם פאטער און בלייבט אין א פערלעגענהייט).

ראפאיל: אפילו נאטאשא האלט דיך פאר א גארנישט....
(מיט פעראכטונג) עס איז נאר אונזער סאמואיל.. נו, האסט גע-מאכט א שפאציער? אונזער סאמואיל!

חוה: אט אזוי פערטיוקעט ער איהם פון קינדווייז אן... א מענש!

ראפאיל: מאכסט עפעס געשעפטען, הא?

אַ שטילענקע, אַ גוטינקע... איך האָב אייך אַלע אויסגעהאָדעוועט, באַרישניאַ, און געדענק גוט, אכצעהן איז אייך נעוואָרען. אכצעהן!

צ י ל י ע : (בייז) זיא געדענקט! קענסט דען איבערציילען אַכצעהן? ציילסט דאָך אין גאַנצען ביז עלף. (שפּיעלט.)

נ אַ ט אַ ש אַ : מענשען וואַקסען וויא בוימער, אין איין וואַלד... איין בוים וואַקסט שעהן און גלייך, דער אַנדערער קרום... דריי קינדער אין איין הויז און נאָר עטיניו איז צו גאָט און צו לייטען... אָרעמעס קינד, וועלכע שמערץ זיא האָט איצט נעבאַך.

צ י ל י ע : נאַטאַשאַ, דער פּאַפּאַ איז אין דער היים?

נ אַ ט אַ ש אַ : יאָ, ציליע, זיצט אין „קאַמינעט“.

צ י ל י ע : און וואו איז עטי?

נ א ט א ש א : עטי איז ביי זיך אין צימער, ליעגט אויפ'ן קושעטקע און וויינט. אַמאָל פּלעגט זיא זינגען וויא אַ קאַנעריקעלע, איצט שווייגט זיא וויא דיא שטומע נאַכט... אמאָל פּלעגט זיא זיך אויספּוצען וויא א קוקלע, איצט ליעגט איהר גאָר נישט אין זינען (ווישט א טרעהר) קינד מיינס, טייערס...

צ י ל י ע : איך זאָל זיין אויף איהר פּלאַץ, וואָלט איך ניט געוויינט... איז שוין געשעהן — פערפאַלען. זעה וואָס גיבער פערגלעטען, ארויסדרייען זיך און שטיף ווייטער.

נ א ט א ש א : ניין! עטי איז ניט פון אזא סאָרט... זיא האָט מיין כאַראַקטער... איך האָב אויך נאָר איין מאָל געליעבט אין מיין לעבען... וויא געליעבט! כאָטש שטאַרבען, כאָטש אין סיביר, כאָטש אין פייער אריין!... וויא דיא ליעבע האָט זיך געענדיגט, האָט זיך פאַר מיר אין לעבען אללעס געענדיגט... איך האָב שוין גאָר ניט געדאַרפט — איך האָב נאָר געזאָרגט פיר אנדערע... געלעבט ביי פרעמדע און פיר פרעמדע.

צ י ל י ע : אַה, דוא ווערסט זיך נאָך אמאָל פערליעבען.. חא! חא!

נ אַ ט א ש א : ניט ווילענדיג, מוזען נעהמען גאָטט ווייס וועמען, ארעמע עטי! זאג מיר, ציליע, וואָס איז ער, א מוזיקאַנט, וואָס?

צ י ל י ע : אַן ארטיסט... שפּיעלט פידעל, האָט געענדיגט קיע־

ר א פ א י ל: געהט אַלע ארויס פון דאנען און שיקט מיר אריין עטין אהער! (אללע אָב, אויסער חוה'ן) מאַדאם, איהר מעגט זיך אויך מטריח זיין... זייט זשע מוחל...

ח ו ה: אי, ראפאיל... איצט... בין דאך א מאמע... דו וועסט בייז ווערען.... פארגעס ניט, זיא איז דאך א דערוואקסענע מאמ־זעל... ווער קען נאך אזוי מיטפיהלען וויא א מאמע?

ר א פ א י ל: נו, יא וועסט מיטפיהלען דארטען... און וויא צו האלטען זיך מיט איהר און וואס צו זאגען, וועל איך זיך ביי דיר ניט לערנען, זיי אזוי גוט! (צייגט אויף'ן טיהר) זיי זשע מוחל!

ח ו ה: א ברירה האָב איך גוט צו זיין. (געהט, א פארט) ביי א געבילדעטען קריסט, איז אפילו אַן אייגענע פרוי א דאמע און ביי אידען איז מען נאר א זיי זשע מוחל (אָב).

ר א פ א י ל: (שרייט איהר נאָך) וועסט מיר אריינשיקען עטין באַלד! (געהט אום, זיפצט) מיט מיין עטין זאָל זא וואס קע־נען פאסירען? דאס האָב איך זיך ניט געקענט פארשטעלען... ניין! דאס האָב איך זיך ניט געקענט פאַרשטעלען.. געווים, עס ווענדעט זיך אַן דער מוטער, אַן אנדער מוטער וואלט... ע! בעסער שווייגען. (זיפצט. עטי קומט, טרויעריג, ניט אָנגעטאָהן וויא עס געהער צו זיין, האלט א בוך אין האנד).

ע ט י: (שטיל און גאנץ רוהיג) האסט מיך גערופען, פאפא?

ר א פ א י ל: יא! (פויזע) זיי ווען באַלד אהער קומען, מען מוז היינט ענדיגען.

ע ט י: דו ווייסט דאך, פאפא, איך וועל טהאָן, וואס דו וועסט מיר הייסען.

ר א פ א י ל: איך וועל דיר הייסען חתונה האבען וואס גיכער און באַלד נאָך דער חתונה פאהרסט דו מיט איהם קיין אמע־ריקא!

ע ט י: באַלד? פאפא, איך קען איהם אזוי וועניג, מיט א פרעמ־דען מענשען... אזוי ווייט.

ר א פ א י ל: דאס קען שוין אנדערש ניט זיין, דוא מוזט!

ע ט י: וויא דוא וועסט הייסען, פאפא... (בויגט זיך אָן און ווישט

ס א מ ו א י ל: אי, מאמא, הער בעסער, איך זאָל וועלעז, וואָלט איך איצט מיט אמאָל געקענט האָפּען א גרויסע סומע געלד... איך זיץ אזוי אין ליבערטס קאנדיטערסקי, לויפט אריין א אונבעקאנטער מאן און פרעגט מיך גאנץ שטיל: איהר זייט ראפאיל פרידלענדערס זון? נעמט, זאָגט ער, אָט דעם בומאזשניק און בע־האַלט ביז איך וועל קומען... דאָ איז 17 טויזענד אכט הונדערט פיער און זיבעציג רובעל... וויא איך בין א איד. אָט אזאַ בומאזש־ניק אַנגעשטאָפּט... איך אבער...

ר א פ א י ל: דו אָבער... נו, יא, דו אָבער ביזט א באַלוואַן! (אָב).

ח ו ה: ציליע, זעהסט, דיא קיראָסע איז ווידער ענג אויף מיר (קוקט אין שפּיעגעל).

ס אַ מ ו א י ל: מאַמאשע, אַלע אָפּיצירן פון פּאָלק זיינען מיט מיר יעצט דיא בעסטע גוטע ברידער... אַליין דער פּאָלקאָווניק באַראָן אָסטען סאקען פרעגט מיך שטענדיג: נו, וויא געהט עס ביי אייך? וויא איך בין א איד, טויזענד מאָל געפרעגט.

צ י ל י ע: דורך עטין זיינען מיר געוואָרען מחותנים מיט׳ן גאנ־צען פּאָלק אָפּיצירען.

נ א ט א ש א: אז סאַמואיל זאָגט איז וויא דער ווינד בלאָזט, און עטין טשעפּעט ניט, זיא האָט נעבאַך געגוג אָהן אייך.

ח ו ה: (גאנץ גלייכגילטיג) אך, איך האָב פון עטין אזעלכע יסורים, איך געה אוים.

צ י ל י ע: יא, מען זעהט עס.

ס אַ מ ו א י ל: אַלע האבען רעספּעקט צו מיר, נאָר דער פּאַפּאַ איז ניט פויל אַלע טאָג פרעגען מיך 77 טויזענד מאָל: וואָס איז מיין געשעפט? וויא איך בין א איד, דאָס פערדריסט, מען איז דאָך א מענש...

ח ו ה: וואָס הארט דיך, נארר? דו וועסט נאָך צייט האבען מיט׳ן געשעפט.. דערווייל קאָפּעט ביי דיר ניט איבער׳ן קאָפּ... נישקשה ביזט איינער ביי אונז און דער טאַטע האָט געגוג... (ר א פ א י ל קומט) אָבער דער פּאַפּאַ איז דאָך דיר קיין שונא ניט... ער וויל דו זאָלסט זיין א מענש.

זענר, וויא איך האָב פריער גערעכענט צו געבען. וואָס קוקסט מיך
אָן ?

ע ט י : פּאפּא, זיי ניט בייז, איך מיין, ער וועט אפשר זיין בע־
סער צו מיר, אז דוא וועסט ניט אָבשפּאָרען...

ר א פ א י ל : (בייז) אבשפּאָרען ! איך וויים, וויעפיעל נדן
דוא פּערדיענסט. 5 טויזענד ! איך זאָג דיר !...

ע ט י : וויא דו פערשטייסט, פּאפּאָ, (זיא דריקט דעם בוך צו'ן איהר
הארצען.)

ר א פ א י ל : (פריינדליך) נו, וואָס שטעהסט דוא ? זעטץ דיך
(זיא זעצט זיך) וואָס איז דאָס פאר א בוך ביי דיר ?

ע ט י : דאס איז דער עלפטער באנד פון טאָלסטאָי'ס ווערק... דאָ
אין בוך, איז דאָ... איך וועל דיר זאָגען דיא ווארהייט, פּאפּאָ...
(ערשראָקען.)

ר א פ א י ל : (פריינדליך) זעה נאָר, וועגען א בוך מעגסט דאָך
רעדען רוהיגער... וואס איז דאָ?

ע ט י : דאָ ? דאָ איז זיין...דאָ איז „קרייצער'ס סאנאטע"... איך האָב
ערשט עטליכע קאפּיטלאָך געלעזען... אי, דאס מאָכט אזוי מיאוס
דאס לעבען, נאָך מיאוס'ער וויא איך האָב פריהער געפיהלט.

ר א פ א י ל : א בוך קען דאס לעבען ניט מיאוס מאכען. דער
מענש מאכט מיאוס דאס לעבען. אָט האסט דוא גענומען און
האָסט זיך דאס גאנצע לעבען מיאוס געמאכט... אהער גיב דעם
בוך ! (זיא גיט איהם דאָס בוך) עי, ציליע, אָהער גיי ! (ציליע
קומט, קוקט נייגיעריג), נעהם צו דעם בוך און בעהאַלט ! ! זיא
דארף ניט לעזען אזעלכע ביכער ! וואָס איז דאס „קרייצער סאנא־
טע", א ראָמאן ? איך האב געמיינט א סאנאטע שפּיעלט מען.

צ י ל י ע : פּאפּאָ, דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר בעטהאָווען האָט
אָנגעשריעבען א סאנאטע פיר פידעל און פּיאנאָ און האָט זיא
געווידמעט דעם מוזיקער קרייצער.

ר א פ א י ל : אזוי ? פארוואס זשע רופט זיך דיא געשיכטע
קרייצער סאנאטע ?

צ י ל י ע : גראף טאָלסטאָי דערציילט, וויא א פערהייראטע פרוי

א טרער, דער פאטער זאָל ניט זעהען, נאטאשע לויפט ארײַן.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (זוכט) וואו האָב איך אהינגעטאָהן? (כאַפּט ראַפאיל׳ס האנד, קושט עטי זאָל ניט בעמערקען און זאָגט גאנץ שטילל) באַרין, גוטער מענש, זייט ניט שלעכט צו׳ן איהר יעצט. גאָטט פערגיבט אונז אַללע זינד, מיר דאַרפען אויך פערגעבען.. זיא איז דאָך א קינד און פערגעסט ניט איהר לאַגע... (טרערען שטיקען זיא). וואו האָב איך אהינגעטאָן? (וואַרפט אויף עטין א בליק פול מיט ליעבע, אָב.)

ר אַ פ אַ י ל : יא! נאַר באַלד אין אַמעריקאַ... אַזוי דאַרף מען. דיא וועלט ווייסט נאַר, אז דוא האסט צוליעב אַן אָפיציער גע־וואָלט זיך שמד׳ן, האָבען מיר שוין אזוי פיעל צרות און בזיונות, היינט וואָס וועט זיין, ווען דער גאנצער אמת וועט ארויס! שוין איצט זאָגט מיר מלך חאמכע, ער וועט מיר ניט בעצאהלען טויזנד רובעל, ווייל מיין טאָכטער האט זיך געוואָלט שמד׳ן... פערשטייסט א טענה? וואָס וועלען זיי אַלע זאָגען שפּעטער? איך בין פערבונ־דען מיט גרויסע פּאַדריאַדען... מיין נאָמען... מיין קרעדיט און... ע... פאַר דיר אַליין איז אויך בעסער... דאָ וועט מען דיר עוויג ניט פערגעסען, אין אמעריקא אָבער ווייסט מען ניט וואָס איז געווען דאָ. מען וועט דיך דאָרט ניט פרעגען, ווען האסט דו חתונה געהאט און קיינער וועט ניט צעהלען, וויפיעל מאָנאט נאָך דער חתונה. (לויפט צו איהר, א טאָפּ מיט׳ן פוס, אויסער זיך) אָה, דוא סקאַטינע! א שטילענקע, האַ!... א מפלה האָב איך זיך אויף דיר געקענט ריכ־טען! דוא! (הויבט אויף דיא האנד.)

ע ט י : טאַטעניו, איך ווייס, דיר איז זעהר שווער... אויב דוא ווילסט, דער׳הרג׳ע מיך. מיר איז אַלעס איינס...

ר אַ פ אַ י ל : (רוהיג) ער ווייסט, אז ניט פון תענוג געהט פּריד־לענדער אַ שידוך טהון מיט דעם כליזמר׳ס משפחה... ער האט מסתמא געהערט און פערשטעהט אלעס... ער וועט ניט קענען זאָ־גען: מען האָט איהם גענאַררט... דוא דאַרפסט מיט איהם ניט רעדען, עס וועט זיין גענוג וויפיעל איך וועל איהם געבען אָנצוהע־רען... נדן פערשפּרעך איך איהם נאַר 2½ טויזענד, ניט פינף טוי־

איך אזוי פון ווייטען (פערררויכערט א פאפּיראָס אין א לאנגען פאפּיראָסניק.)

אפרים: ווער קען דאָס ניט אין קרעמענטשוג אָדער אין קריוו־קאָוו אפרים'ען דעם כּליזמר ? איך האָב שטענדיג געהאלטען א קאפּעליע...

ביילע: אי, דיא קאפּעליע האָט דיך געהאלטען.

אפרים: אויף דיא רייכסטע חתונות אין קרעמענטשוג, אין קריוקאָוו, ווערחנעדנעפּראָווסק, אין קאבּיליאַק זאָגאר אין פּאָל־טאָווע — אפרים מיט זיין קאפּעליע, זאָגאר אין רוסישען טעאַטער צווישען דיא „קאָנטראַקטען“ — מיין קאפּעליע (ווישט דיא נאָז מיט'ן האנד).

ביילע: זיי דארפען עס נויטיג וויסען (שטיל) האָסט דאך א פּאָטשיילקע (לויט) אונזער זון וועט באלד קומען, ער וועט צו־פאָהרען אויף א דראָשקע, ער ווייסט שוין וויא מען דארף.

אפרים: ער האָט זיך מסתמא פשוט געשעהמט מיט אונז צו־זאָמען קומען, האָט ער אויסגעטראַכט, ער דארף ערגיץ צו פאָה־רען. איצט שעהמט מען זיך מיט אונז... ביי אונז אין דיא אַלטע צייטען איז געווען פּראָסט, און ביי זיי איז היינט מיט סטיקאַטא, פּיטשיקאַטא, פּלאַזשעלעטא. אַה, דיא מאַדאָם (טהוט אויס זיין היטעל. חוה קומט).

חוה: אַה, געסט... עס פרייט מיך זעהר... ראפאיל, דוא וועסט היינט דארפען דיא קאַרעטע ? איך האָב געוואָלט היינט ארויספאָהרען. (ער שווייגט.)

אפרים: (נייגט זיך) אפרים קאפּעלמייסטער. פּאָ פאמיליע פידלער. מיין טאַטענס, מיין זיידענס, מיין עלטער זיידענס פאמיליע — פידלער. א פּנים ווייל מיר זיינען מוזיקאַנטען ז'פּופּקא...

ראפאיל: (רויכערט) וויא אזוי ? ז'פּופּקא ? דאָס איז גוט.

(נאטאשא קומט, נאָך איהר א יונגע דיענסט טראָגט אויף א פאדנאס פערשיעדענע גראפינען, פערבייסען, גלעזלאך.)

נאטאשא: וואוהין קריכסט דוא ? דאָ שטעל אנידער... אזוי...

פערליעבט זיך אין א מוזיקער וועז זיי שפּיעלעןביידע דיא סאנאטע און איהר מאן שטעכט זיא.

ע ט י: (שטיל) אין דעם בוך ליעגט זיין לעצטער בריעף און זיין בילד... איך וועל דאס ציליען ניט זאגען...

ר א פ א י ל: ער האט זי גאר געשטאכען? איך וואלט איהם בעסער געשטאָכען.

צ י ל י ע: איך וואלט זיי ביידען צושניטען אויף שטיקער. איך וואָלט געוועזען זעהר אייפערזיכטיג.

ר א פ א י ל: (שמייכעלט) אזוי: שרעקליך... נו, און דוא, עטי?

ע ט י: איך? איך וויים ניט, פּאפּא, (זיא זיפצט.)

צ י ל י ע: איך וויים, זיא וואלט גאר ניט געטהון. וויא קומט זיא צו זיין אייפערזיכטיג? זיא איז דאך א מענש אהן א גאלל.

(א גלעקיל) אי, זיי געהן שוין! (לויפט צום פענכטער.)

ר א פ א י ל: (צו עטי'ן) נעה, טהו זיך אָן באלד!

ע ט י: (געהט לאנגזאם ביז'ן טהיר) פּאפּאַ, דוא וועסט שוין זיין בייז אויף מיר אייביג, ביז איך וועל שטאַרבען? (פערברעכט דיא הענד.)

ר א פ א י ל: געה, טהו זיך אָן! (עטי זיפצט, לאנגזאם אב) ציליע, איך וועל שיקען נאָך דיר, אז איך וועל דיך דארפען (ציליע אָב, פערגעסט דעם בוך) וועז זיא, דיא... דיא דאָזיגע זאָל עם טהון, וואָלט איך פערשטאנען. אבער עטי? נו, געה זיי א חכם... (נאטאשא עפענט דיא טהיר.)

נ אַ ט אַ ש א: יא, יא, דער הערר פריעדלענדער איז דאָ... פּאַ־זשאלויטע! (אפרים און ביילע קומען יום־טוב'דיג געקליידעט ער טראָגט א פּליסענעם קארטוז.)

ר א פ א י ל: אוהו! קומט אריין! קומט אריין! נאטאשא, רוף אריין דיא מאדאם און זאג, מען זאָל דערלאנגען בראנפען און פערבייסען.

נ אַ ט אַ ש אָ: באלד (א פּארט) צו זיי דארף עס אָנקומען אונ־זער עטי? א שעהנע פּאאר געננז (אָב.)

ר א פ א י ל: זיצט... איהר זייט דאס דער פאטער? איך קען

נאטאשא: (פארשעהמט) וואס רעדט איהר? גאָטט איז מיט אייך! (וויל ניט נעהמען, ראפאיל צווינגט זיא.)

חוה: טרינק, ניאניע, דוא האסט דאך ליעב אביסעלע... דאס איז אונזער ניאניע... שוין 25 יאהר ביי אונז אין שטוב... אללע קינדער ביי איהר אויף דיא הענד אויסגעוואקסען, און עטי'ן האט זיא ליעב... כמעט אזוי וויא איך... נעם א שטיקעל לעקאך, נאטאשא.

בײלע: עס מאכט זיך א גויה און האט אויך.. ע... אזוי וויא א מענש, להבדיל.

נאטאשא: (נייגט זיך טיעף צו ראפאיל'ן) אייער געזונדהייט און אויף אונזער עטים גליק! (טרינקט מיט אמאָל, ווישט מיט'ן ארבעל דיא ליפען, נעמט א שטיקעל לעקאך, אב.)

אפרים: איהר וועט גלויבען? ביי מיר אין קאפעליע האט געשפיעלט אויפ'ן קלארנעט א גוי, פלערעפענקא, פון אסטאוו־נאיע סאלדאטסקי מוזיקאנטען... א שכור... דיא נאָז ביי איהם שטענדיג געמאזעלט... האט גערעדט אידיש בעסער פון'ם קעלמער מגיד.. פלעגט וויסען דעם חילוק פון א כשרה ביז א טרפה כלה...

בײלע: (שטיל) אוי! פער'שרפ'עט זאָלסט דוא ווערען!

אפרים: הא? און ער פלעגט אמאל אזא ברום טהון אויפ'ן קלארנעט, אז ביי אנדערע פלעגען אזש דיא ציין הייליג ווערען (א גלעקיל) דאס איז אונזערער... לחיים (טרינקט שנעל, ראפאיל און חוה גייען אין קארידאר.)

בײלע: אי, א פגירה זאל אויף דיר קומען, וואס טהוסט דוא דאס?

אפרים: (גנב'עט לעקאך) פאר דיא קינדער, נארר. (ראפאיל, חוה און גרעגואר קומען. גרעגואר אויסגעפוצט.)

גרעגואר: ענטשולדיגט, אביסעל פערשפעטיגט.

ראפאיל: (נעהמט זיין זייגער) איין האלבע שטונדע, ניט געפעהרליך.

גרעגואר: אך, וואס פאר א גרויסארטיגער זייגער. פס! (בעטראכט דעם זייגער.)

נו, וואָס שטייסט דוא? (דיענסט אָב) מאַדאַם, סאַמואיל פרעגט, אויב ער מעג אריינגעהען?

ח ו ה: ווארום דען ניט? ער איז ניט קיין פרעמדער... זאג איהם, איך הייס, ער זאל אריינגעהען.

ר אַ פ א י ל: ווער? סאמואיל? וואס דארף ער דא? ! ניין! (גיסט אָן גלעזלאך) נו, א כליזמר האָט מסתמא ליעב א קנאַק.

א פ ר י ם: ליעב? איך האב ניט פיינט.

ב י י ל ע: א שיינע פאהאדע היינט, וויא ל"ג בעומר...

ח ו ה: דער יונגער הערר פידלער, וויא איך זעה, איז נאָך ניטאַ... וואָס וועט דאָ טהון סאמואיל מיט אַלטע לייט? נאַטאַשאַ, מע דאַרף סאמואיל'ן ניט רופען...

א פ ר י ם: נו, לחיים, זאל גאָטט העלפען (טרינקט) ביי מיר איז געווען אן אמת'ע ריכטיגע קאפעליע צווייטע פידלען צוויי, ערשטע אליין געשפיעלט... א טראמבאן, א פלייטע, א קלארנעט, א קאנטראבאס, א קעסיל פויק...

ב י י ל ע: מע האָט דאָך דיך געבעטען זאלסט דאָ ניט פייקלען אויפ'ן קעסעל פויק (לויט) אך, וואס פאר איין אנגעמאַכע ביי אייך...

ח ו ה: יא, אייך געפעלט? ביי מיר שטייט 19 באַנקעס פון דעם זעלבען סאָרט... און מאַלינע, סמאראדינע.

א פ ר ים: מיינע האָט אלץ מורא אין אזא הויז, איך זאל זיך ניט אויסרעדען עפּיס א כליזמרשע זאך... ניש קשה, מיר וועלען דאָך זיין אי"ה אייגענע מענשען... און וואָס איז דאָס דיא רויטע? אויך אזא מין משקה? (ראפאיל גיסט איהם אָן, ער טרינקט) אהא! עס גיט א חאַפּ ביים פּופּיק...

ח ו ה: נאַטאַשאַ, וואָס דארפסט דוא דאָ? (נאטאשא האָט דיא גאנצע צייט געקוקט אויף ראפאיל'ן און דיא געסט... זיא וויל פאַרטגעהן.)

ר א פ א י ל: ניין, ניאניע, דיר איז דאָך עטי אזוי טהייער וויא יעדען פון אונז... האר אוים... דוא נעם אויך אביסעלע (גיסט אָן.)

ב י י ל ע : אפרים, קום נאר אהער. (שטיל) פערלעגעז זאל דיר דיין כליזמרשע הלאטקע מיט א באליאטשקע, רבש"ע!

ר א פ א י ל : (פערקנייטשט דעם שטערן) אלזא גאנץ איינפאך מכח'ן שידך... איך פערשטעה, אז איהר ווייסט אליין — איך וואלט מיט אייך ניט געטהאן קיין שידוך, איך זאל ניט מוזען... נו, איהר האט דאך געהערט, מיין טאכטער האט זיך געוואלט שמד'ען...

ח ו ה : אי, ראפאיל, זיי ווייסען דען ניט, ווער מיר זיינען? וואס דארפסט זיך אלליין שפייען אין פנים?

א פ ר י ם : מאלע וואס זיא האט געוואלט... יעדער בשר ודם וויל...

ר א פ א י ל : (בייז) חוה, זיי אזוי גוט, רוף אריין אין עסס־צימער דעם . . . וויא איז אייער נאמען?

א פ ר י ם : (שטעהט אויף) מיין נאמען — אפרים פידלער... האט קיין פעראיבעל ניט... טאמער...

ר א פ א י ל : ר' אפרים'ן און דיא מאדאם. איך וועל זיך דא מיט'ן יונגען מאן אליין דורכשמועסען... זייט אזוי גוט...

ח ו ה : טאקי קומט בעסער אהין... איך האב ווישניעווקע זיסע און ניט זיסע.

א פ ר י ם : (שטיל צום זוהן). הערשיל, איך האב זיך דען ניט געהאלטען וויא א מענש? (ביילע פיהרט איהם ארויס. אלע דריי אב)

ר א פ א י ל: איך האב געהערט, איהר ווילט פאהרען קיין אמע־ריקא?

ג ר ע ג ו א ר: יא! מיינער א בעקאנטער, וועלכער האט ניט מיין טאן, ניט מיין טעכניק, ניט מיין מוזיקאלישע בילדונג, שפיעלט דארט ערשטע פידעל אין מעטראפאליטאן אפערא... אזא ארטיסט וויא איך קען דארטען מאכען א קאריערע... איך וויל פאהרען, אויב דאס איז ניט געגען אייער פלאן . . .

ר א פ א י ל : אהא, ניין! פערקעהרט, אויב עס וועט זיין שידוך, נעהם איך באלד נאך דער חתונה אויף מיין חשבון צוויי בילע־טען פאר אייך ביידען פון קרעמענטשוג ביז נאיארק... צווייטע קלא־סע, און געזונדערהייט. איך געפעלט דיא פארטיע?

ר א פ א י ל : (רוהיג) א חראנאמעטער... טויזענד פראנק אויף דער פאריזער אויסשטעלונג.. ביטע.

ג ר ע ג ו א ר : אַה, אונזערע שוין דאָ!... איהר זעהט, מוסיו פרידלענדער, איך שטאם ניט פון זעהר גרויסע אריסטאקראַטען... זאָ וואהר איך לעב, ניט מיין שולד...

ר א פ א י ל : וואָס פאר א'ן אריסטאקראַטיע ביי יודען? ביי וועמען דיא נאָז מעהר הארבאטע, ביי וועמען וויינינגער האָרבאטע — יודען און גאָר... זיצט... איהר רויכערט?

ג ר ע ג ו א ר : דאנקע, רויכער ניט און טרינק ניט.

ב י י ל ע : ער רויכערט ניט און טרינקט ניט? גנב!

א פ ר י ם : מיין כלל: קענסט דוא געבען א גוטען זופּ, ביזט דוא א גוטער בעל מלאכה. (ציליע קומט אויפגערעגט.)

צ י ל י ע : ענטשולדיג, פּאפּא, איך האָב דאָ פערגעסען....

ג ר ע ג ו א ר : (נייגט זיך) פרייליין ציליע, האבע דיא עהרע. (צום פאטער) איך האָב געהערט זיא איז ביי אייך איינע טיכטיגע פּיאניסטין.

ר א פ א י ל : וואָס דארפסט דוא דאָ?

צ י ל י ע : אך, פּאפּא, איך האָב פערגעסען דאָ דיא „קרייצער סאנאטע.“

ג ר ע ג ו א ר : אה, איהר שפּיעלט „קרייצער'ס סאנאטע“?

צ י ל י ע : ניין, דאָס איז טאָלסטאָי'ס ערצעהלונג.... דיא סאנאטע מוז זיין זעהר שווער צו שפּיעלען..

ג ר ע ג ו א ר : לערענט אוים דיא ערשטע טהייל, וועלען מיר ווען עס איז שפּיעלען צוזאמען

ר א פ א י ל : נעהם דעם בוך און געה!

צ י ל י ע : ענטשולדיגט (א פארט) א שעהנער יונג ווי גאָלד (אָב).

א פ ר י ם : נו, יאָ! חען! חען! איך זאָל האָבען מיין פידעל, וואָלט איך אָנגעשלאָגען דעם טאַנז. (גרעגואר אוןביילע קוקען זיך איבער) ע! מע מעג נעהמען נאָך א קאפּעטשקע? דיא רויטע דאָ איז אַז אנטיק... איך לאָז זיא אראָפּ מיט אַז אקטאַווע אראָפּ און זיא שלאָגט מיט א גאַנצע אָקטאַווע ארויף (טרינקט).

א יונג קינד... עלטערע און קליגערע פון איהר מאַכען פעהלערען...
איהר מעגט מעגט מיר גלויבען, זיא האט געליטען גענוג... איך האָב פיינט
צו מאַכען א מענשען גערעכט אין דיא אויגען, אבער, יונגער מאַן,
קיינער ווייסט ניט, וויא ליעב דאָס קינד איז מיר. . . (טרעהרען) זיא,
מיין עטי... (קערט זיך אָב, פּויזע, בעהערשט זיך) עד, טשארט וואזמי!
אַז איך וועל נאָר זיין מיט אייך צופריעדען. ניט נאָר 2½ טויזענד,
נעהם מיין פערמעגען, מיין גאַנצעס לעבען, מיין אַלעס! זיא וועט
לאַנג אליין דאַרטען ניט זיין. וויא איך וועל נאָר קענען ליקווידירען
מיינע געשעפטען, באַלד אהין צו אייך. (ווידער טרעהרען) וואָס דען,
איך וועל קענען לעבען אהן איהר? נאָר שש... איהר דאַרפט איהר
גאָר נישט ניט זאָגען . . . איך וועל אייך גליקליך מאַכען, אויב
זיא וועט זיין גליקלעך . . . איך שווער עס אייך. (פּלוצלונג הוסט
ער שטרענג און שרייט) עי, עטי, אהער געה!

ג ר ע ג ו א ר : הערר פרידלענדער, איך ראַטה אייך יעצט גוט זיין
צו איהר . . .

ר א פ א י ל : יונגער מאַן, איהר ווילט מיך פאָלגען? גיט מיר
קיין מאָל קיין עצות ניט! (עטי קומט, נאָך בלאַסער, שעהן געקליי־
דעט, גרעגואר בייגט זיך העפליך), קום אַהער צו מיר (פיהרט זיא אָן א
זייט), ביי אונז איז אַלעס אבגעמאכט. דאַרפסט איהם קיינע גע־
שיכטען ערצעהלען... איך בין אַ אַלטער סוחר און האַנדעל
מעשה סוחר. . . יעדער קונה דאַרף אַליין וויסען וואָס ער קויפט. . .
הם! וועסט חתונה האבען און באַלד קיין אמעריקאַ, ווייטער פון
מיינע אויגען . . . נו, נו! וואָס איז אַמעריקאַ? וועסט זעהן עס איז
שלעכט, באַלד אַ טעלעגראַממע און מען גט זיך אַב . . . א טאַכטער
א גרושה איז קיין אונגליק ניט, (בייז) אַן אונגליק איז אַ טאַכטער...
אזאַ . . . וועלכע פּאַסט ניט זייז ביי פרידלענדער'ן אין הויז . . .
נו! נאָר ניט געוויינט... איך לאָז אייך אַליין, דו הערסט? ניט
געוויינט! (אָב, פּויזע).

ג ר ע ג ו א ר : פרייליין, איך ווייס, מיר זיינען נאָך יעצט וויא
פרעמדע... עס איז גאַנץ נאַטירליך, איהר קענט מיך נאָך זעהר
ווייניג . . . מען קען זאָגען, איהר קענט מיך נאָך גאָר ניט, ווארום

גרעגואר: זא וואהר איך לעב, וואס איז דאס פאר א פראגע? אזא פאמיליע! שעהן, געבילדעט... וואס ארט מיך דארטען וואס? זאל איך נאר געפעלען איהר.

ראפאיל: וואס עס נעפעלט מיר, געפעלט אויך מיין טאכ־טער! נאך דער חופה גיב איך 2½ טויזענד.

גרעגואר: איך ווייס... דיא ווארהייט, 25 הונדערטער איז גאר ניט שלעכט, זא וואהר איך לעב.

ראפאיל: איך וויל ניט לייקענען. איהר איז געווען פער־שפראכען שוין לאנג 5 טויזענד.

גרעגואר: ע! ווילט איהר ביי מיר אבברייסען 2½ טויזענד, ווייל איצט זייט איהר מיט איהר אונצופריעדען?

ראפאיל: אזוי מיינט זיא. אייך מעג איך זאגען: איך וויל גאר ניט אבברייסען... הרייי יאהר נאך דער חתונה קריגט איהר דיא איבריגע 25 הונדערטער מיט פראצענט. איהר הערט? פריד־לענדערס ווארט איז אזוי גוט וויא א קייזערליכער קרעדיטנער בי־לעט... יא! מיט פראצענט... געווים אויב איהר וועט נאר לעבען ווי מענשען... און זיא וועט ניט האבען קיינע אורזאכען צו בע־קלאגען זיך...

גרעגואר: בעקלאגען זיך?.. וואס הייסט, מע נארט מיך... איך ווייס דען ניט אלעס?

ראפאיל: פיעלייכט ווייסט איהר נאך ניט אלעס...

גרעגואר: עס מעג זיין טויזענד מאהל ערגער וויא עס איז, וויל איך ניט וויסען דערפון, זא וואהר איך לעב...

ראפאיל: איהר זאגט עס און איהר מיינט עס ערנסט? איהר גיט מיר אייער עהרענווארט?

גרעגואר: מיין עהרענווארט, אלס מענש און ארטיסט. (גיט איהם זיין האנד).

ראפאיל: (ווארם) הערט, יונגער מאן, איהר קענט מיך ניט... איהר ווייסט ניט, וואס פרידלענדער איז אימשטאנדע צו טהון... אי, אויב זיא וועט זיין גליקלעך, אויב זיא וועט ביי אייך פערגעס־סען, וואס זי דארף נעביך איצט אויסשטעהן!... מיין פריינד, זי איז

נ אַ ט אַ ש אַ: עטי, דאַרפסט פיעלייכט עטוואַס ? האַסט מיך גערופען? דיטיאַטקאַ, קינד, איך שטעה ביי דער טהיר און הער זיך צו. ווייזט זיך מיר אוים, דו וויינסט... (טרעהרען שטיקען זי).

ע ט י: (בעהערשט זיך) ניין, ניאַנע, איך וויין ניט.

ג ר ע ג ו אַ ר: איך וויל, איהר זאָלט אונז לאָזען אַליין.

נ אַ ט אַ ש אַ: שוין, מיין הערר, באַלד (ווישט מיט'ן פאַרטוך די אויגען. אָב).

ג ר ע ג ו אַ ר: איך פערשטעה ניט, ווארום דאַרפט איהר דאַס אַלעס מיר ערציילען? איהר מיינט, איך האָב ניט געהערט, אַז דער שטאַבס קאַפּיטאַן בעלאוסאוו האָט זיך דערשאָסען?

ע ט י: יאָ, ער האָט זיך דערשאָסען, ער איז טויט, אָבער אונטער מיין צוואַוואונדעט הערץ לעבט זיין קינד.

ג ר ע ג ו אַ ר: קינד? הו! קינד! זאָ וואָהר איך לעב, דאָס האָב איך ניט געוואוסט . . . אָבער ערלויבען זיא, היינטיגע צייטען, איבערהויפט ווען מען איז רייך . . . עס גיבט מיטלען . . . עס איז דאָ דאָקטוירים וועלכע קענען בעפרייען . . .

ע ט י: דיא שאַנדע און שמערץ, וואָס מיין פאַטער ליידעט, מאַכען מיר אַזוי וועה, דאָס ווען ער זאָל מיר הייסען נעהמען גיפט, וואָלט איך גענומען . . . ער זאָל מיר הייסען דאָס טהאָן וואָס איהר מיינט, וואָלט איך אפשר געשווינגען און געפאָלגט . . . אָבער ער וויל ניט. ער און נאַטאַשאַ ווייסען אַלעס . . . קיינער אויסער זיי, זאָגאר מיין מוטער ווייסט ניט, זיי ביידע זיינען מיינע בעסטע פריינד אין'ם לעבען . . . אי! מיין פּאַפּאַ ווייסט ניט וויא איך האָב איהם ליעב . . . זיין אייז גוט ווארט מאַכט מיך גליקלעך און זיינע יסורים דורך מיר צוברעכען מיר דאָס האַרץ . . . און דיא ניאַנע ? . . זיי ביידע ווילען ד אָ ס ניט דערלאָזען. . . און דאָס וואָס איך דערצייל אייך איצט דעם גאַנצען אמת, ווייסט נאָר דיא ניאַנע, נאָר זיא . . . (שטעהט אויף) יעצט הייסט מיר דער פּאַפּאַ, איך זאָל הייראַטהען און מיט אייך פאַהרען איבערן אַקעאַן . . . איך טהו עס נאָר, ווייל ער הייסט מיר דאָס טהון . . . יאָ, דאָס איז וואָהר . . . אָבער, אויב איהר, ווייסענדיג אַלעס, וועט

אהן מיין פידעלע, זאַ וואהר איך לעב, ביז איך אַ האַלבער מענש . . . ווען מיין פידעלע וועט רעדען שפּעטער צו אייך, וועט אייער הערץ ניט קענען בלייבען געשלאָסען, איך וויים עס. דיא וואהרע שפּראַך פון איין אַרטיסט איז זיין קונסט . . . פרייליין, איהר הערט גאַר ניט וואָס איך זאָג ?

ע ט י : (שטיל און טרויעריג) אלזא איהר האָט אייך טאַקי בעשלאָסען מיך צו נעהמען ?

ג ר ע ג ו א ר : יא, פּרייליין, איך וויל האַבען דיא עהרע און דאָס גליק . . .

ע ט י : עהרע און גליק ? ניין! איך וויל אייך ניט נאַרען. בעפאָר איהר וועט אייך בעשליסען מיך צו נעהמען, וויל איך, איהר זאָלט אלעס וויסען . . . איך האָב מיך געוואָלט שמד'ן . . .

ג ר ע ג ו א ר : אַ גרויסע זאַך! איך האָב מיך אויך געוואָלט שמד'ן, מען זאָל מיך נאָר צונעהמען אין דער קייזערליכער אָפּעראַ אין פּעטערסבורג.

ע טי : איך האָב געליעבט...

ג ר ע ג ו א ר : אהן ווער פון אונז האָט ניט געהאַט קיינע ראָמאַנען ? און נאָך וויפיעל ראָמאַנען! איך קען גאַר ניט איבערציילען, וויפיעל מאָל איך האָב געליעבט, זאַ וואהר איך לעב.

ע ט י : אי! איך האָב נאָר איין מאָל אין מיין לעבען געליעבט. (פּויזע), איך האָב געליעבט אַ קריסט, אַן אָפיציער . . . איך וויל אייך ניט בעטריגען, מייז הארץ און מיין זעעלע האָב איך איהם אבגעגעבען . . . זיינע עלטערן האָבען איהם ניט ערלויבט נעהמען אַ אידישע טאָכטער זאָגאָר ווען זיא וועט זיך טויפען . . . ער האָט זעהר געאַכטעט זיינע עלטערן און אָהן זייער זעגען האָט ער ניט געוואָלט חתונה האָבען... אַבער מיך פערלאָזען איז אַזאַ לאַגע וויא איך ביז שוין געוועזן האָט ער ניט געקענט. ער איז געוועזן איין עהרליכער מאַן און האָט עהרליך געליעבט . . . ער האָט זיך ערשאָסען... (פערדעקט איהר געזיכט און וויינט, נאַטאַשא עפענט שטיל דיא טהיר).

קום נאָך אהערן (ציליע לויפט אריין) געה, ווינש גליק דיין שוועס־טער (ציליע קושט זיך מיט עטי'ן, דריקט שטארק גרעגואר'ס האנד, סאמואיל קומט).

סאמואיל: האבע דיא עהרע צו גראטולירען . . . איך האָב פיעל מאָהל געהערט, וויא איהר האט געשפיעלט קאָנצערט אין וואיענע קלוב.

גרעגואר: איך? אין וואיעננע קלוב?

סאמואיל: איך מיין, אין אבשצעסטווענע קלוב . . . אוים־געצייכענט. . . איהר האט ניט געבראכט אייער פידעל? שאדע, געוויס איין אלטער איטאליענישער אינסטרומענט . . . איך האָב א בעקאנטען פאמעשציק, טרעמפוחאוויטש, האט ער א וויאָלאָנטשעל, וועלכע קאָסט 17 טויזענד רובעל, וויא איך בין א איד 17 טויזענד . . . זיא איז 2400 יאָהר אַלט . . . (גרעגואר רעדט מיט ציליען).

ראפאיל: סאמואיל, קום אהער (זאָגט איהם עפּעס) נאָ, רויבער א פּאפּיראָס. (חוה,ביילע, אפרים און נאטאשא קומען).

אפרים: הייסט עס, קומט מיר שוין יאָ א מזל טוב? אי, א שנורן הלואי וואָלט איך בעסער געוועזן זיין טאטענס זוהן, וויא זאָגט מען, דעם הונד קומט אַז דער בעסטער ביסען.

ביילע: (שטיל) וועסט שוין איז דער היים קריגען פון מיר א ביסען, וועסט זיך דערוואַרגען!

חוה: (פאלט אויף עטי'ס שולטערן) זעהט זיך אַן א שטילער, א העפליכער . . . אי, דו וועסט זיין גליקליכער וויא דיא מאַ־מע דיינע! . . .

עטי: אה, מאמא, ווען ער וואָלט כאָטש וויפיעל עס איז געוועזן עהנליך צום פאפּא . . . איך וואָלט מיין גאנץ לעבען פאר איהם אויף דיא קניע געשטאנען און וויא א גאָט אנגעבעטען . . . מאמא, איהר לעבט מיט פאפא 30 יאָהר און איהר זייט נאָך ניט בעקאַנט . . .

ביילע: (פיהרט גרעגוארן אַן א זייט) נו? . . .

גרעגואר: נו, נו. 2½ טויזענד באַלד, 2½ טויזענד שפּעטער,

מיך ניט אָבשטויסען פון זיך, אויב איהר, פערזאַכטענדיג מיך וויא אַזאַ פרוי פערדיענט, וועט דאָך האָבען צו מיר כאָטש אַביסעל מיטלייד . . . איך שווער אייך, איך וועל אייך זיין אַ שטילע אי־בערגעבענע דיענסט, איין אונטערוואַרפענע שקלאַפין, איך וועל אָפּפערן מיין געזונד, מיין לעבען, איך וועל אַלעס דולדען און ער־טראַגען, אום אייער גליק זאָל ניט זיין דורך מיר געשטערט, אום איך זאָל ווען עס איז קענען פערדיענען אייער פערצייהונג און איהר זאָלט פערגעסען אמאָל, וואָס איך האָב געזינדיגט געגען אייך, ווען איך האָב אייך נאָך ניט געקענט... איהר ווייסט אַלעס..... טהוט וויא איהר פערשטעהט . . . (וויינט ווידער, ער בלייבט זיצען פערטראַכט).

נ א ט א ש א : (הינטערן טהיער) עטי, דער פּאַפּאַשאַ וויל ניט דו זאָלסט וויינען. דו הערסט, עטי ?

ע ט י : קום אַריין, ניאַנע, מעגסט שוין אַריינגעהן. (נאַטאַשאַ קוממט). אַלעס איז שוין פאַראיבער . . .

נ אַ ט א ש אַ : אי, מיין קינד, ווען ווערסטו שוין אויפהערען צו וויינען (גלעט איהר דעם קאָפּ. שטיל). ער ווייס שוין אַלעס? בעסער אַזוי . . . מען טאָר ניט פערלייקענען . . . טס. (אַ גע־רויש). ער אַליין געהט. (מאַכט אַ פרעהליכען געזיכט, ראַפאַיל קוממט און בעטראַכט זיי).

ר א פ א י ל : נו, מען האָט דאָ גע'טענה'ט און געוויינט . . . איך זעה שוין . . .

ג ר ע ג ו א ר : (ערוואַכט וויא פון שלאָף), אָבער אַלעס איבערגע־טענה'ט און איהר קענט אונז גראַטולירען . . .

ר א פ א י ל : אַזוי? זיא געפעלט אייך דאָך? הם! הערט, איך האָב אייך פריהער פערגעסען זאָגען, אַז . . . ע . . . אויסער בילעטען ביז אַמעריקאַ קריגט איהר 5 הונדערט רובעל אויף וועג הוצאות, און . . . ע . . . איהר גיב איך קיינע פּרעזענטען! זיא האָט ניט פערדיענט ביי מיר! אָבער אייך, איך האָב בעמערקט, אייך געפעלט מיין זייגער, איהר קענט איהם האָבען (גיט איהם זיין זייגער) נאַטאַשאַ, רוף זיי אַלע אַהער (נאַטאַשאַ — אָב) עי, ציליע,

צווייטער אקט.

(א שעהנער פּארלאָר רום, פּיעל טשערס, א פּיאנאָ אויף וועלכער עס שטעהט בעטהאָווענס סטאטוע און עס ליגט א וויאָלין אין א שאכ־טעל. אפרים אוןביילע בעטראכטען אלע זאכען אין צימער, אל־בערט, א אינגעל פון א יאָהר זיעבען, בלאס און קריינקליך, גיט זיי ערקלעהרונגען. אין צווייטען צימער לערנט זיך אימיצער שפּיעלען פּיעדעל, גרעגואר מאכט אָפּט בעזע בעמערקונגען. אלע רעדען מיט א האלבע שטימע, פאָרזיכטיג).

אפרים: נו, ראָבערט, אלבערט מיין איך, און וואָס איז דאָס?

אלבערט: דאָס איז בריק־א־בראק, גרענד פּא . . .

אפרים: דו הערסט, ביילע? דאס איז בריק־בראק־גרענפּא . . .

ביילע: (זיפצט) נו, יא, אמעריקא איז בריק און בראק.

אפרים: און גרענפּא אויך . . . דו הערסט דאָך וואָס ראָבערט, אלבערט מיין איך, זאגט . . .

אלבערט: ניין, זיידע איז גרענפּאַ . . .

אפרים: נו, יא, וואָס זשע איז דאָס גרענפּא?

ביילע: הערסט דאָך: גרענפּא איז זיידע (קוקט זיך אום) זעה נאָר, וואו איז עטי?

אלבערט: מען דארף איצט דעם פּאפּא דערלאנגען זיין „קאָפּ" טשאָקאָלאד . . .

אפרים: דו הערסט? דיין יורש דערלאַנגט מען טשאקאָלאד.

ביילע: א גדולה אויף זייז טאטעז. נו, און טאָנטע ציליע וואו איז? זיא איז שטענדיג דא ביי אייך?

אלבערט: ניין, זיא וואָהנט מיט'ן אנדערן גרענפּא אין דער קאָנטרי . . . נאָר איז שטאָדט געפעלט איהר בעסער . . . זיא קומט זעהר אָפּט און שטעהט ביי אונז א וואָך, צוויי. זיא איז איצט געפאָהרען דאון־טאון זעהן אָנקעל סעמואיל . . . ער איז

צוויי בילעטען צווייטע קלאסע ביז אמעריקא, 5 הונדערט רו־בעל אויף הוצאות, א זייגער שויז, זא וואהר איך לעב, קאסט טוי־זענד פראנק און . . .

ב י י ל ע: אי, מחותנת׳טע, מזל טוב אייך! (פאלט תוה׳ן אויפ׳ן האלז).

צ י ל י ע: מוסיו פידלער, מיר וועלעןביידע עפּעס שפּיעלען אין פיער הענד (זעצען זיך ביידע צו דער פּיאנאָ).

ג ר ע ג ו א ר: יא, מיינע ליעבע . . . ניט אומזיסט איז אייער שעהנער נאמען ציליע . . . צעציליע איז דיא הייליגע בעשיצערין דער מוזיק.

א פ ר י ם: (צו ראפאיל׳ן) מחותן, וואס אנבעלאנגט צו חכמת המוזיק, טהעאָריע, הארמאניע, גענעראל־באס, קאָנטרא־פּינקט — א קענער, פּס... און צו ביסלעך וועלען מיר דאָך נעהמען מסתמא, הא?

(אלע ביים טיש טרינקען און פערבייסען. ציליע און גרעגואר שפּיעלען אין פיער הענד).

ע ט י: (זעצט זיך, שלעפּט צו זיך נאטאשא זיא זאָל זיא פאַרשטעלען מיט איהר קערפּער) ניאניע, איך וויל וויינען, אבער שטיל, שטיל, דע־ פאפא זאָל ניט זעהן . . . איך קען זיך ניט בעהערשען . . . איך האָב מורא וועל באלד אנהויבען יאמערן אויפן גאנצען קול.

נ אָ ט א ש א: ששו! . . . שטארק זיך, קינד מיינס . . . מיין ארעמע שעפעלע.

ע ט י: (פאלט איהר אויפן ברוסט און וויינט שטיל) אי, ניאניע, ניאניע, ניאניע!

פ א ר ה א נ ג.

א פ ר י ם : האבען און טראגען — דאס איז דיא גאנצע ווייבערשע מוזיקע . . .

ע ט י : איך מיין, יא! איך רעכען שטענדיג אזוי ביינאהע . . . איהר זייט גערעכט.

א ל ב ע ר ט : גרענד פא, איהר ווייסט, דער פאפא האט מיך ניט ליעב.

ע ט י : אלבערט! שוויגער, איהר האט מיר וויניג נייעס ערציילט פון קרעמענטשוג.

ב י י ל ע : זעהסט, א קינד און פערשטייט שוין וואס פאר א מענש זיין טאטע איז.

א ל ב ע ר ט : איך שטעה און ציטער . . . איך ווייס, דאס איז דער לעצטער שילער און באלד וועט ער מיך רופען שפיעלען.

ע ט י : קען דיין לעסאן, וועסט דו ניט דארפען מורא האבען. גענוג רעדען!

א ל ב ע ר ט : איך דערשרעק זיך פאר איהם און פערגעס אלעס. גרענפא, אין רוסלאנד אז מע שעלט זיך, רופט מען אפיציר? נאך עפעס זאגט דער פאפא . . . (אפרים און ביילע קוקען זיך איבער)

ע ט י : אלבערט, איך זאג דאך דיר, דו זאלסט שווייגען! ע, שוויגער, האט איהר עפעס א רעכטע וואהנונג? איך האב געוואלט אראפפאהרען.

ב י י ל ע : לאזט דיך ניט דער פראפעסאר . . . איך ווייס! אי, א דירה, דריי איינגע שפיי־קעסטלעך

א פ ר י ם : אז ביילע וויל זיך שעלטען, האט זיא אפילו ניט, וואו צו עפענען דאס מויל און אז איך האב זיך אויסגעקליבען אמאל דורכשמועסען זיך מיט מיין פידעלע, וועלכע איז נעביך געלעגען, וויא איין עגונה פון קרעמענטשוג אז, האט מען באלד אנגעהויבען קלאפען פון אויבען און שטורכען פון הינטען... אי, און וואס מאכט פארט דער מחותן ר' רפאל? איך האב איהם אזוי געוואלט זעהען און בעדאנקען פאר דיא שיפס־קארטען. א אייגענער זוהן האט ניט געוואלט שיקען נאך אזא ליעבען טאטע און אזא טהייערע מאמע און דער מחותן האט געשיקט. דאס איז מסתמא דיינע

זעהר א גוטער צו מיר . . . און אט געהט דיא מאמא (עטי קומט מיט א טאסע שעקאלאד).

ע ט י : (געהט אויף דיא שפיץ פינגער) טס! רעדט ניט אזוי הויך (קלאפט אין טהיר) פראפעסאר, שעקאלאד.

א פ ר י ם : פראפעסאר! דו הערסט? ניט וויא דו רופסט דעם מאן כליזמר'שע קישקע.

א ל ב ע ר ט : אלע רופען דעם פאפא פראפעסאר. (עטי האט דער־לאנגט אין טהיער דעם שעקאלאד).

ע ט י : (שטיל) זיצט . . . שש! געוואינט איהר אייך צו מיט אמעריקא? קום אהער, אלבערט, וואס איז דיר? פיהלסט זיך ניט גוט? (נעהמט איהם צו זיך אויף דיא קניע).

ב י י ל ע : שעהנע אמעריקאנער! וועז מיר פאהרען אהער בלאנזען מיר . . . די סטאנציע איז 76 און מיר דארפען 72, זאג איך איהם אבער אז מיר דארפען ביז 72 געהן אראפ און ער קריכט ארויף . . . נו, זיינען מיר פערקראכען . . .

א פ ר י ם : וויא אזוי ווייס איך, וואו איז אין אמעריקא ארויף און וואו אראפ? עס זאל זיין א בארג, נו ? . . . אבער אז דא איז ארויף און אראפ גלייך . . . איך האב געפרעגט, איך האב זיך ניט געשעהמט . . . סעווענטי טוא ? זאג איך, לאכט ער, סעווענטי טוא? זאגט ער, סעווענטי סעקאנד . . . איך האב צוקייעט נאכ־דעם, סעקונד איז וויא ביי אונז כלי־זמר סעקונדע . . . וואס זשע דארף מען זאגען פרימע סטריט, סעקונדע סטריט, טערצע סטריט ? אין לעטיין, הא? (זינגט נאך דעם עטיוד וואס מען שפיעלט, טע דע) אי! פאלש! דער פראפעסאר הערט ניט . . . דו הערסט וויא פאלש ? ראבערט, אלבערט מיין איך.

ב י י ל ע : קיין בייזע אויג. אלבערט איז אזא וואוקסיקער. פאר וואס איז ער ביי דיר אזוי בלייך ? מחשבת'ן וויפיעל איז ער אלט ?

ע ט י : זיעבען יאהר געווארען, דאס אכטע.

ב י י ל ע : דאס אכטע? האסט א טעות. . . וואס זשע האסט איהם גאר ניט געטראנען ?

זיי ניט נעהמען אין דיינינג רום? טאָמער קומט אימיצער, זעהר שעהן, דיא רוסישע גרינהאָרנס, שנאָרערס.

בײלע: איך וואָלט שוין געוואָלט זעהן וואָס מען קען ביי דיר אויסשנאָרען.

עטי: נעהם דיין פידעלע און געה שפּיעלען (אלבערט אָב) קומט, איך וועל מאַכען טיי, מיר האָבען אמת׳ע רוסישע טיי, פּאָ־פּאָווס... גרעגואַר, איך בין שולדיג, וואָס אַלבערט וועט היינט ניט קענען גוט זיין לעסאָן. ער האָט גע־פיהלט שלעכט, האָב איך איהם ניט געלאָזט לערנען... (צווינגט זיך צו לאַכען) נו, קרעמענטשוג, לאָזט זיך ניט בעטען. (אפרים, ביילע און עטי אָב).

גרעגואַר: (קעמט דיא שנורבאָרדע מיט א קליין בערשטעלע ביים שפּיגעל), אַז ציליע איז ניטאָ אין שטוב, איז ניטאָ קיין אינטערעס אין דער היים... אַז זיא איז דאָ, ווילט זיך רעדען, לאַכען, שפּיעלען... דער טייפעל זאָל זיא נעהמען, זיא קריכט מיר פון קאָפּ ניט אַרויס... שפּיעל איך — מוז איך דענקען פון איהר. בין איך ערגיץ — אייל איך זיך א היים צוליעב איהר... זאָ וואָהר איך לעב... דאַכט זיך שוין אַז אַלטע מויד און ברעקילט זיך נאָך... זיא רייצט זיך נאָר מיט מיר... אָבער סוף כל סוף, וועל איך זיך מיט איהר אַברעכענען... חע! חע! חע! נו, מען דאַרף געהן לערנען מיט מייז ווייבס זוהן... (אָב. אין צווייטען צימער ביין) אַנפאַנגען! (אלבערט שפּיעלט).

עטי: (שליסט אויף דיא פראָנט טהיער און קומט אריין שטיל) איך האָב זיי געזאָגט, איך געה אין דעליקאַטעסען סטאָר און אַליין האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אהער (הערט זיך צו) מיין האַרץ ווערט צוריסען ווען ער לערנט מיט איהם און ניט לאָזען איז נאָך ערגער. (הערט זיך צו) אַי, ער שפּיעלט ריכטיג.. ער שפּיעלט ריכטיג (הערט זיך צו און דיריגירט מיט׳ן פינגער, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ).

גרעגואַר: (אין צווייטען צימער) עי! עי! טעמפּאָ! טעמפּאָ! חאַם! באַלוואַן! (דאָס פידעל שפּיעלט ניט, עטי זיפצט) נו, ווייטער!

שתדלנות. עטי, ביזט א גוטע, עס איז ווייט פון דאנען? וואס איז דאס, אזוי וויא מען רופט ביי אונז א אימעניע, א מאיאנטיק ?

ע ט י : א גרויסע פארמע, לעבען דער שטאדט הארטפארד. דער פאפא האט בעצאהלט 35 טויזענד דאלער. צוויי טויזענד אקער ערד, זעכציג בהמות, שאף, פערד, מולען, מאשינען, וועגען, קארע־טען... זעהר א גרויסע פארמע. מאנכעס מאל פאהרען מיר אהין אויף קריסטמעס. עס איז ניט ווייט . . .

ב י י ל ע : מחשבתן, זיי זיינען שוין דא א קימא לן פון א יאהר פיער.

ע ט י : יא, זיי זיינען געקומען דריי יאהר נאך אונז.

א פ ר י ם : איך געדענק, וויא דער מחותן האט זיך געאיילט . . . איך מוז זיי, זאגט ער, פונקט דריי יאהר נאך דער חתונה ברייג־גען 2½ טויזענד רוסישע קערבלעך, וויא איך האב צוגעזאגט. אי, הלואי האב איך אזא שווער

ע ט י : דער פאפא איז נעביך זעהר אלט געווארען. אויף דער פארם געהט שלעכט, ער איז אליין . . . סעמיואיל איז דא אין ניו יארק און ציליע... נו, וואס קען ציליע העלפען? נאר דיא ניאניע נאטאשא איז דיא איינציגע הילפע . . . גוטע זעעלע!

א פ ר י ם : א פראוואסלאוונע גויה זאל זיין אזוי טריי! ניט אנ־דערש, זיא האט אין זיך א גלגול פון א אידען.

ב י י ל ע : אויף דער עלטער, מיט אידען, אין א פרעמדע מדינה. טאקי א דימענטענע גויה, להבדיל א כפרה. (עטי הערט זיך צו, לאזט שנעל אראפ דאס קינד פון שוים).

ע ט י : דער שילער געהט אוועק, גרעגואר וועט באלד אריינגעהן.

ג ר ע ג ו א ר : (ביים טהיער) יעס, גוד ביי (אריין, רויכערט א סי־גארע, טראגט א שעהנעם סמוקער) אה, איך הער, ווער ברומט דא מיר אונטער'ן אויער ? (צו אלבערט) העריין!

א פ ר י ם : הער, מילא, עס מוז דאך זיין אן עק מיט דער יוניאן. עס קאסט צעהן סענט פאהרען ארויף און צעהן סענט אראפ!

ג ר ע ג ו א ר : שפעטער! ציליע, נאך ניט געקומען? עטי, קענסט

איך שלאָג איהם, ווייל איך רעכנו עפּעס? מיט אַנדערע האָב איך געדולד, מיט איהם ניט. פערקעהרט, איך האַלט זיך נאָך איין, ווייל איך ווייס, מע וועט מיינען איך שלאָג איהם דערפאַר... ווען אָבער איך זאָל האָבען מעהר רעכטע אויף איהם, ווען ער זאָל טאַקי זיין מיינער, וואָלט איך איהם דער'הרג'עט אויף טויט... זאָ וואָהר איך לעב... פּשוט, מע טאָר מיט אַז איינעם ניט לערנען. גענוג, איך לערען מעהר ניט מיט איהם... איך וועל בעסער צאָהלען פאַר איהם פּראָפעסאָר ווילדערמייערן. עס וועט זיין געזונטער פאַר מיר, פאַר איהם, און פאַר דיר אויך... עטי, דו הערסט?

עטי: איך הער און דערפאַר דאַנק איך דיר זעהר.

גרעגואר: יאָ? נו, ביזט דו שוין ניט בייז אויף מיר?

עטי: ווער גיט מיר רעכט בייז צו זיין?...

גרעגואר: קיין פרוי האָט ניט קיין רעכט בייז צו זיין... אַ פרוי האָט נאָר רעכט צו ליעבען און צו זיין גוט (נעהמט זיא צו זיך אויף דיא קניע) נו, אַז דו ביזט ניט בייז, גיב מיך אַ קוש אַהער אין דיא ליפּען אַריין... אַנדערע פרויען האָבען אַזוי ליעב מיינע ליפּען, זיי בייסען מיך, ווען זיי קושען, נו! (זיא קושט קאַלט) פון דעסטוועגען האָב איך אַ היבשע ווייבעל, זאָ וואָהר איך לעב. איך ווייס, אַנדערע זיינען מיר מקנא... און אַז איך זעה, אַז מען איז מיר מקנא, געפעלסט דוא מיר בעסער (אומאַרמט זיא) ווייסט וואָס, עטי, קום צו מיר אָביסעל (שטעהט אויף).

עטי: דיינע עלטערן וואַרטען דאָרטען אויף אונז...

גרעגואר: אַ גרויסע זאַך! זיי קענען וואַרטען... נו!...

עטי: מיר טהוט איצט אַזוי וועה דאָס האַרץ.

גרעגואר: וויעדער דיין אַלטע שטיק. נאָך ניט אויסגעלערענט? איך וויל וויסען: געהסט, צו ניין?

עטי: יאָ! איך געה, (זיפצט ער זאָל ניט בעמערקען און געהט).

גרעגואר: האַ! האַ! ניין! איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויספּרובען. בין איך ניט דייז מאַן? דאַרפסטו ניט טהון אַלעס, וואָס איך פערלאַנג? קום אַהער! זעץ זיך דאָ לעבען מיר (זעצען זיך ביידע אויף אַ סאָפע) ע! וואָס האָב איך דיך געוואָלט פרעגען? פריהער

(שפּיעלט) איינס, צוויי, דריי, פיער! איינס, צוויי דריי, פיער! קענסט נים צעהלען קיין פיער פערטעל? פערשטאָפּטער קאָפּ! אפּיציער! (דאָס פידעלע ווערט אנשוויגען) נו, (פויזע) נו? שפּיעלט אָב צוויי טאַקטען און שטעלט זיך אָב . . . נו, זאָג איך! נו! נו! (מען הערט, ער שלאָגט דאָס קינד, וועלכעס שרייט ערשראָקען „פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!")

ע ט י: ער שלאָגט איהם ווידער, וועה איז מיר! (קעמפּפט מיט זיך אליין ביי דער טהיער) ניין! ניין! איך וועל זיך ניט אריינ־מישען . . . עס איז נאָך ערגער . . . ער ווערט וואהנזיניג און שלאָגט איהם נאָך גרויזאַמער . . . אי, אונגליקליכעס קינד!

ג ר ע ג ו א ר: פאָרט פון דאַנען, באַלוואַן! פאָרט! (ווארפט ארויס אלבערט'ן און בלייבט אליין אין צווייטען צימּמער).

ע ט י: (דריקט דאָס קינד צו זיך און קושט) שש! וויין ניט... וויין ניט...

א ל ב ע ר ט: (וויינענדיג, מיט א פערשטיקטע שטימע) מאַמאַ, וועז דער פּאַפּאַ שלאָגט מיך איבער'ן קאָפּ, הויבט מיר אָן שווינדלען אין דיא אויגען... (גרעגואר קומט).

ע ט י: שש!... (לאָזט איהם אראָפּ פון דיא קניע).

ג ר ע ג ו א ר: נו, ווארום האסטו איהם אויפגעהערט טרויסטען? דיין גאַנצע ליעבע קומט דאָך איהם אָן... קענסט שענקען ליעבע נאָר וויא א גנב, הא?

ע ט י: איך וויים, דיך קרענקט, וועז איך צייג ליעבע צו איהם אָן איך וויל דיך ניט קרענקען... ווייסט דו דאָס נאָך ניט? אלבערט, געה, וואש דיך אָב און זיץ דאַרטען מיט'ן זיידען און מיט דיא באָבע. (אלבערט אב).

ג ר ע ג ו אַ ר: מיט זיין זיידען און מיט זיין באָבען, חע! חע! חע!

ע ט י: (מאכט זיך ניט הערענדיג) גרעגואר, איך בעט דיך, איך בעט דיך, שלאָג ניט דאָס קינד איבערן קאָפּ. עס איז זעהר שעדליך.

ג ר ע ג ו א ר: אזוי? שעדליך? ווער האָט עס דיר געזאָגט? דער אפּיציער דיינער אָדער דער גלח וועז ער האָט דיך פּאַר'ן שמד'ן געלערנט האספּאָדי פּאָמילוי? (זיא פערברעכט דיא הענט און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. ער געהט אום אויפגערעגט) שלאַגען איהם! עס הייסט,

פלעטען דעם קאָפּ, ער דערשרעקט זיך און בייגט זיך צונויף. גיט אַ קוק אויף איהם מיט פעראכטונג). ניין, איך דאַרף ניט... (לאָזט ארויס דיא סטאטוע פון איהרע הענד).

גרעגואר: חי! חי! חי! האסט מיך אַזוי ערשראָקען, אַז מיר ווילט זיך לאַכען, זאָ וואָהר איך לעב, איך וויל בייז זיין און עס לאַכט זיך. חאַ! חאַ! חאַ! ביזט פּלוצלונג געוואָרען וויא דער אַלטע־פרידלענדער... חע! חע: ווייל איך האב ניט ערוואַרטעט, האָב איך זיך דערשראָקען... געשלאָגען גאָר? עס איז ניט וואָהר... איך האב אפילו ניט געמיינט... אַזוי... עס האָט זיך ארויסגעריסען... עס האָט דען דיר וועה געטהאָן? ווייס איך, אַ גלעט געטהון איבער'ן בעקיל.. זאָ וואָהר איך לעב, איך האב ניט געמיינט. נו, נעהם, און גיעב מיר צוריק צעהן פּעטש (חאַפּט איהרעביידע הענד און פּאַטשט זיך איבער דיא באַקען). אַט אַזוי! אַט אַזוי! דוא זאָלסט מיר ניט זייען טהייער, וואָלט מיך ניט פערדראָסען. אָבער איך האָב ניט געמיינט, זאָ וואָהר איך לעב (קושט זיא לײַדענשאַפטליך אין דיא הענד, אין דיא באַקען. אפרים און ביילע שטעלען ארויס דיא קעפּ דורך דיא פּאַרטיערען און קוקען...)

ביילע: עטי, דאָס ביזט דו אַזוי אין „דעלמיקאַטעסען" סטאָר? אי! נאָך ניט אָנגעקושט זיך.

אפרים: דער פּראָפעסאָר שפּיעלט אַן אובערטיורע מיט דער פּראָפעסאָרשע... חע! חע!

גרעגואר: (בייז) אין אַמעריקאַ דאַרף מען פריהער אנקלאַפּען איידער מען געהט אריין...

אפרים: נו'ם איך אַקאַרשט פריהער זיין אין אַמעריקאַ... דיינע יוניאַנס לאַזען דאָך מיך ניט אין אַמעריקאַ אריין! אפרים כלי־זמר קען דאָ גאָר קיין כלי־זמר ניט זיין, וואָס איז דאָס אַ געזעץ פון פּאָליציי צו פון קהל? (מע הערט אַ שטאַרקע גלעקעל, שפּעטער אַ גערויש).

גרעגואר: פּאָליציע! קהל! איך ווייס ניט, וואו וואַקסען אויס אַזעלכע מענשען (אלבערט לויפט אריין מיט אַ גרויסען אינפּעט).

אלבערט: אי, מאַמאַ! (אַ קוק אויף גרעגואר'ן און ווערט אנ־שוויגען).

אז דו האָסט מיך אַ קוש געטהאָן, זיינען דיינע ליפּען געווען קאַלט וויא אייז... זאָג מיר, איך וועל ניט בייז ווערען, זאָ וואהר איך לעב. גלאַט אזוי, מיר ווילט זיך וויסען... אז דוא פלעגסט איהם קושען...

ע ט י: אה, גרעגואַר, האסט זיך ווידער דערמאָנט...

ג ר ע ג ו א ר: איך ויעל ניט בייז ווערען. אַ יאָ דיינע ליפּען האָבען דאַמאָלס געברענט. האַ?

ע ט י: איך ווייס ניט.

ג ר ע ג ו א ר: פלעגט ער דיר דען ניט זאָגען? (שווייגט) ווייסט דען ניט? (אויפגערעגט). איך בין רוהיג. זאָ וואהר איך לעב. גלאַט אינטערעסאַנט צו וויסען... ער האָט דיר געזאָגט, האַ?

ע ט י: (גאַנץ שטיל) יאָ!

ג ר ע ג ו א ר: זעהסט! דוא! (בעהעררשט זיך) זאָג דעם אמת, דוא פערגלייכסט איהם אמאָל מיט מיר? ער איז געווען אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, אַ הויבער?

ע ט י: ניין, ער איז געווען ניעדריגער פון דיר...

ג ר ע ג ו א ר: ניט דאָס מיין איך... זאָג, דוא ווייסט וואָס איך מיין...

ע ט י: זאָל מיך גאָט שטראָפען אויב איך ווייס וואָס דוא מיינסט. אה, גרעגואַר, דער מאַן איז שוין לאַנג טויט...

ג ר ע ג ו אַ ר: אָבער דוא האסט איהם ניט פערגעסען?

ע ט י: איך וויל ניט זאגען קיין ליגען; איך האָב איהם ניט פערגעסען...

ג ר ע ג ו א ר: איך פערשטיי שוין גוט, פאַר וואָס דו קענסט איהם ניט פערגעסען... מיך וועסט דו ניט נאַרען! דו האָסט געהאַט איין ליעבהאָבער, איך האָב געהאַט פּראַקטיקע מיט צוואַנציג אַזעלכע ווי דו... איך ווייס שוין פאַר וואָס דו האָסט איהם ניט פערגעסען...

ע ט י: איך האָב איהם ניט פערגעסען, ווייל איך האָב איהם ליעב געהאַט.

ג ר ע ג ו א ר: ליעב געהאט! אויסגעלאָסענע פרוי! בוהלעריין! (גיט זיא אַ פּאַטש, איין אויגענבליק בלייבט זיא איבערראַשט).

ע ט י: (חאַפּט בעטהאָוועָנס סטאַטוע) ווידער שלאָגען? (וויל איהם

גרעגואר: פאפא, וויא נעהמט דאס אויף דער פארמע? ווארום איז דיא שוויגער ניט געסומטען?

ראפאיל: אויף דער פארמע? יא! עס געהט אלל־רייט. אלע זיינען זיך צולאפען, האט די שוויגער געמוזט בלייבען אין דער היים. איך האב געבראכט נאטאשען... דו ווייסט, עטי, זיא איז דיא לעצטע צייט אונמוטהיג אנז ביינקט נאך רוסלאנד, האב איך זיא גע־בראכט אין נויארק. אז ביי נאטאשא'ן וועלען זיך אבלאזען דיא הענד, געהט דיא גאנצע פארמע פראכאם! נו, אז זיא וועט זעהן איהר עטי, ווערט זיא דאך שוין לעבעדיגער. און דערצו מיר האבען געהערט, עס איז דא אין נויארק א רוסישע פראוואסלאוונע קירכע, זאל זיא אב־דאוונען א פאר מאל, וויא איהר גלויבען פאדערט, וועט זיא ניט ביינקען... נו, און אונזער מאמזעל ציליע ניטא דא? (בייז) זיי שפאציערען דא אום אין אמעריקא!... שפיעלט איהר שוין מחותן?

ביילע: וואס הייסט ער שפיעלט? נו, און דיא יוניאן?

אפרים: איהר פערשטעהט? איך, אפרים כלי־זמר, וואס איך בין כלי־זמר נאך ז'פופקא, איך דארף פריהער דערלאנגען א פראשעניע, מע זאל מיר ערלויבען זיין א כלי־זמר, און אז מע וועט מיר ערלויבען זיין א כלי־זמר דארף איך, אלטער כלי־זמר, האלטען עקזאמען אויב איך קען זיין א כלי־זמר, און אז איך קען זיין א כלי־זמר, דארף איך ארייגטראגען 25 דאללאר אז איך מעג זיין א כליזמר און אז איך מעג שוין זיין א כלי־זמר דארף איך שטעהן אויף דער אטשערעד ביז וואנען מע וועט מיר הייסען כלי־זמר זיין... אי, איך בין שוין 40 יאהר א כלי־זמר, אי, איך וויל עסען, אי, איך האב ניט קיין 25 דאלאר? ענטפערען זיי מיר: א יוניאן! אפרים קאפעל־מייסטער דארף בעטען א ראזרעשעניע! געוואלד, אין דער פינסטע־רער רוסלאנד ווער עס וויל פידלען פידעלט און דא אין דער פרייער אמעריקא דארף מען א ראזרעשעניע!... אי! זיי האבען דאך דאר־טען אין דער יוניאן אזעלכע פארטאטשעס, כלי־זמר מיט קלאטשע איז דיא אויערען... שפיעלט מיט א האלבען טאן ניעדריגער און הערט ניט... פייוועל ווארעניק האט ביי מיר אין קאפעליע געקלאפט מיט טאצען, דא שפיעלט ער אלט... און גאר־ניט! א יוניאן!

גרעגואר: וואס איז דארט? באלוואן!

אלבערט: (צייגט מיט׳ן האנד) געקומען!... (מע הערט ראפאילס שטימע).

ראפאיל: וואס איז דאס, שזמורקעס? וואו האבען זיי זיך בעהאלטען דארטען? (קומט מיט א סעטשיל, נאך איהם נאטאשא מיט א באנקע ווארעניע).

עטי: (אויסער זיך פון פרייד) פאפא! (פאלט איהם אויף׳ן האלז) באבושקא! ניאניע! (קושט נאטאשא׳ן, בלייבען ביידע צוזאמען).

ראפאיל: נו, וואס מאכט איהר דא? (דריקט דיא האנד גרע־גואר׳ן) אהא, דער מזונתן דא.. שלום עליכם... נו, מחותנת׳טע, וויא שמעקט אייך אמעריקא?... מיינער געפעלט ניט, איהר שמעקט ניט...

אפרים: מחותן, איך האב ערשט דערמאנט, פאר דיא שיפס־קארטען קומט אייך...

ראפאיל: אה! פוסטיאקי! נו, עטי, זעהסט אויס גאנץ היבש, דיא אויגלאך גלאנצען, דיא בעקלאך ברענען.

עטי: רויט מיינע באקען? נו, יא, אזוי איז דאס אין פאמיליען־לעבען: אמאל זיינען דיא באקען בלאס, אמאל רויט.

ביילע: אזא באנקע מאלינע ווארעניע ביי אונז אין קרעמענ־טשוג... אי, מחותן, מיר האבען זיי ערשט געטראפען... קושען זיך, האלזען זיך... א רעלימעקאטעסען סטאר.

ראפאיל: אזוי גאר? הייסט עס, אלל רייט, הא? נו, און וואס הערט זיך אין קרעמענטשוג? דוא, פראפעסאר, דיר האט זיך געגלוסט מיין פענקאווע סיגארענשפיץ, נא! וואס דארף איך איהם אין דארף? (גיט איהם א טהייערען סיגארענשפיץ).

גרעגואר: (ענטציקט) דאס איז א פרעזענט, איז א פרעזענט... (אלבערט קוקט נייגעריג).

עטי: פאפא, און וואס האסט דוא אלבערט׳ן געבראכט?

ראפאיל: (קאלט) אלבערט׳ן? פערגעסען... נא, קויף זיך אליין עטוואס. (גיט איהם קליין געלד).

ג ר ע ג ו א ר: טשוהונקע? קאנדוקטאר הייסט דיריזשער, קאפּעל־מייסטער (מע קלינגט, אלבערט אב).

א פ ר י ם: א גרויסע זאך! איך בין געוועזן קאפּעלמייסטער, אז דוא ביזט נאך אומגעלאפען מיט א סמיק פון הינטען... ביזט א חכם אין אמעריקא, ווייל דיין שווער איז דער גרויסער פרידלענדער, איך קען ניט זיין אזא חכם, איהר טאטע איז געוועזן טרייטעל סופּניק. ער איז אן ארטיסט! און איך בין א קאטשקע, א כלי־זמר! ניש־קשה, לאמיר זיך נאך פערהערען! יא, יא, נאמיר שפּיעלען פאר יודען, וועלען מיר זעהען וועמעס פידעלע וועט א צופּ טהון ביים הארצען. איך בין א כלי־זמר און ער איז אן ארטיסט, א „ווירטאהוז" איז ער! (אויפגערעגט) וואו איז דיין פידעלע? נום' איך זעהן, אויב דוא וועסט קענען אזוי וויא איך שפּיעלען „יחאוו קאזאק" מיט וואריאציעס? (חאפּט דאס פיעדעלע) יא, יא, לאמיר זעהן (אלע לאכען. ער איז זעהר אויפגערעגט. וויא ער הויבט אן שפּיעלען קומען: סאמואיל, ציליע און אלבערט).

ג ר ע ג ו א ר: (מיט א איראנישע מינע) שש! קאנצערט (אלע זעצען זיך, סאמואיל נעהמט אלבערט'ן אויף דיא קניע און קושט איהם).

א פ ר י ם: (שפּיעלט מיט געפיהל, האלט זיך מאיעסטעטיש, דיא וואַריאציעס שפּיעלט ער מיט קונצען). נו, עטי, וואס זאגסט דוא?

ע ט י: עס איז גוט: אבער מע דארף אויסהערען ביידע צדדים.

ר א פ א י ל: בראווא! חא! חא! (פערקנייטשט דעם שטערן) דיא אלטע זיינען גאר־ניט, נאר זיי זיינען דיא בריות... מיר אלטע געפעלען זיי ניט... נו, וואס וועלען זאגען דיא יונגע ארטיסטען?

ג ר ע ג ו א ר: אנו, ציליע, זעץ דיך אונמיסטען צו דער פּיאנא... איך האב שוין לאנג פאר'ן פּאפּא ניט געשפּיעלט און איך בין יעצט אויפגעלעגט צו שפּיעלען, זא וואהר איך לעב, זעץ דיך! זעץ דיך! (זעצט זיא אנידער מיט געוואלד און זאגט איהר שטיל) טהייערע, איך האב שוין דא געבענקט נאך דיר. (לויט) יא, דיא זעלבע זאך. (גיט איהר נאטען. זיי שפּיעלען דיא ערשטע טהייל פון „קרייצער'ס סאנאטא").

ר א פ א י ל: (פערטראכט) ע, אלטער, אפּנים מיר זיינען טאקע אויף צרות... הם! טשארט וואזמי!...

ב י י ל ע: גערוען כל ימיו אן עהרליכער מאן... האט זיך ניט גע־
מישט... פלוצלונג יוניאן!

א פ ר י ם: איינער ביי זיי א גאנצער מאכער אין דער יוניאן,
פרעג איך: ברודער, זאג מיר, וואס איז סעפטימא אקקארד?
זאגט ער מיר: סעפטימא אקקארד איז: אויב דו וועסט זיין א סקעב,
וועט דיר א רוח אין טאטענ'ס ערד אריין! יוניאן!

ג ר ע נ ג ו א ר: סעפטימא אקקארד! דוא ווייסט זעהר פיעל פון
סעפטימא אקקארד... עס איז ניט קרעמענטשוג... דא פאדערט
זיך יוניאן, דארף זיין יוניאן...

ב י י ל ע: עס איז גרינג צו זאגען, אז מע האט א פוללען מאגען.

ר א פ א י ל: אויב עס וועט זיך האנדלען נאר פון דיא 25 דאלאר,
זאגט מיר... מיין פארמע עסט סאי וויא סאי אויף אלעם, וועט
איהר אנקומען מיט א פינף־און־צוואנציגער ווענינער.

ב י י ל ע: אז מיר האבען שוין יא אייער פינף־און־צוואנציגער,
פאר וואס זאל עס זיי אנקומען! א ריס פון'ם הארצען, אין שטוב
ניטא קיין קאטשערע, ניט קיין לאפעטע.

א פ ר י ם: (צום זוהן) יוניאן גאר! פאר וואס לאזט מען דיך שפיע־
לען? בריות! זיי קוועטשען דעם קבצן מיט דיא אויסגעדארטע
גערערים, זאלען זיי קוועטשען דעם, וואס האט פולע קישקעס.

ג ר ע נ ג ו א ר: וואס גלייכסט דו זיך צו מיר? איך בין קיין כלי־
זמר, איך בין ארטיכט. און וויעדער, אין אמעריקא דארף מען
האבען שכל. איך האב אנדערש געטהאן... וויא איך בין געקומען,
באלד גערונגען א רייכע סטודיע, אין אלע מוזיקאלישע צייטונגען
גרויסע רעקלאמען, ניט געהאט קיין שילער און דאך ניט גענומען
בילליגער פון פינף דאלאר פאר א שטונדע, זא וואהר איך לעב.
דערפאר שלאגט מען זיך יעצט איבער פראפעסאר גרענגואר פידלער,
איך שפיעל ערשטע פידעל אין דער סימפאני; בין דירעקטאר פון א
קווארטעט, בין קאנדוקטאר איז א רייכען מוזיקאלישען פעראיין.
מע דארף פערשטעהן...

ב י י ל ע: ביזט א קאנדוקטאר אויך? נעהמסט דיא בילעטען
וויא אויף דער טשוהונסע?

און דיא יונגע האלטען שויז ביי „קרייצערס סאנאטע". ע! זיי זיינען גרויסע חכמים און קליינע מענשעלאך (ביידע אב. ציליע, סאמואיל, נאטאשא בלייבען).

נ א ט א ש א : וואס־זשע, קינדער, איהר קלייבט זיך גאר ניט צוריק אהיים? אויף דער פארמע איז א ראזארעניע... פרעמדע ראבאטניקעס קענען ניט זיין טרייע... ניטא קיין אייגענער מענש... דער אלטער געהט אראפ פון זינען. איך וויים, דיא הויפּטזאכע וואס ער איז געקומען איז וועגען אייך... ער וויל זעהר, איהר זאלט לעבען מיט איהם אין איינעם.

ס א מ ו א י ל : מיר איז דא 70 טויזענד מאל בעסער וויא דארטען... דא בין איך אליין א מענש און וואס דארטען? זעצען קארטאפליעם? שעהנע ביזנעם (נעהמט אלבערט'ן, שטיפּט מיט איהם).

צ י ל י ע : נאטאשא, איך וויל אויך בלייבען אין שטאדט אויף שטענדיג. דארט איז לאנגוויילינ.

נ א ט א ש א : דארט איז ניט גוט? פאטער אין הימעל! איך שטעה אויף אין דער פריה, דיא ליכטיגע זונן שיינט, מיט דער האנד צו דערלאנגען א קלארע טייך, ארום שטוב בוימער, עפּיל, בארען, וויינשיל, אויפ'ן בערגיל א וואלד: באזשיא בלאגאדאט. פיש, אויבסען, פרוכטען, האליז, לאנד! ווען מען גיט אונזער'ן א מוזשיק אזא געשאנק פון גאט, וואלט ער דאך געפאלען אויף דיא קניע, וואלט געקושט דיא מוטער ערד און בעגאסען זיא מיט טרעהרען פון דאנקבארקייט... דא אין שטאדט האכט וויא אין דיא קעסלען פון גיהנם און דארטען איז רוהיג... דער אלטער האט קיין הילפע. ער פערשטעהט ניט זייער שפּראך און וויים גאר ניט אין דער ווירטהשאפט. ער שווייגט און ארבייטעט שווער, אבער אהן נוצען, און דיא בארינע וויל דארט ניט זיין, טאטשעט איהם, עסט איהם, אי, קינדער... טס... (ראפאיל מיט א סאלפעטקע געהט, קייענדיג).

ר א פ א י ל : איך האב פערשטאנען, אז דוא, נאטאשא, ווילסט זיי איינריידען... וואס־זשע, מע דארף זיי נאך בעטען? סאמואילען געפעלט בעסער דא זייז א קנעכט...

ס א מ ו א י ל : פּאפּא, איך בין יעצט איין איידזשענט ביי נעה־

עטי: (שטיל צו נאטאשא'ן) ווען ער שפּיעלט האָט ער גאָר אַן אַנ־
דער געזיכט... און דאַן פּערגעס איך אַלעס...

ראַפאַיל: וואָס האָבען זיי דאָס געשפּיעלט, עטי, דוא ווייסט
ניט?

עטי: איך האָב ער אָפּט פון דייניגג רום וויא זיי רעפּעטירען דאָס
און וואָס איז דאָס, האָב איך ניט געפרעגט.

גרעגואר: חע! חע! אדרבה, זאָל דער הערר קאַפּעלמייסטער
זאָגען וואָס דאָס איז.

אפרים: אמת, עס איז מיר ניט בעקאַנט, אָבער אַ וואוילע זאַך.
דער מענש וואָס האָט דאָס געשריעבען זעהט זיך אָן, האָט גע־
קענט קאָנטראַפּונקט.

גרעגואר: אזוי? קאָנטראַפּונקט? (צום שוועהר) דאָס רעפּע־
טירען מיר מיט ציליען קרייצער סאָנאַטא פון בעטהאָווען.

אפרים: אה, קרייצערס סאָנאַטע? קיין מאָל ניט געהערט.

סאמואיל: קרייצער סאָנאַטע? איך האָב עס באַלד דערקענט.
איך האָב דיעזע סאָנאַטע געהערט אָהן אַ גוזמא טויזענד מאָל.
וויא איך בין אַ איד! בעטהאָווענס קרייצערס סאָנאַטע, וואָס טאָל־
סטאָי האָט אָנגעשריעבען. נו, יאַ!..

עטי: (פאַרזיך) קרייצערס סאָנאַטע! דאָס בוך... אהה! מע וועט
עס אַמאָל דאַרפען געפינען און ענדיגען...

ציליע: נו, וויא געהט עס, פּאַפּא? העללאָ!

ראַפאַיל: העללאָ! העללאָ! עטי, מיר חלש'ט דאָס האַרץ,
האָסט אפשר אַביסעל בראַנפען, הא?

גרעגואר: אה, פּאַפּא, געווים, קומט אין דייניגג רום. איך וועל
אויך נעהמען אַביסעלע, זאַ וואָהר איך לעב. עטי, מיר האָבען
נאָך דיא אַנטשאָוסען, וואָס איך האָב געקויפט פאַר זיך?...

עטי: קומט אַלע. (צו גרעגואר'ן) דיינע אימפּאָרטירטע אַנטשאָו־
סען? דאָס וואָס דוא קויפסט פאַר זיך, בלייבט שטענדיג נאָר
פאַר דיר. (גרעגואר געהט פריהער, עטי נעהמט ביילען און געהט, ראַ־
פאיל געהט מיט אפרים'ן)

ראַפאַיל: ברודער, די אַלטע האַלטען נאָך ביי „יחאוו קאַזאַק"

דאָס איז אין ראססעיע, פאַמיליען עהרע —דאָס איז אין ראססעיע. פאַר גאָט מורא האָבען — דאָס איז אין ראַססעיע, — האָב־זשע מורא פאַר'ן רוח — דאָס איז אין ראססעיע. אַ הפקר וועלט ! וואָס איינעם פאלט איין אין זיין פערדישען קאָפּ, דאָס טהוט ער, אי ! (דראָהט מיט'ן קולאַק.)

סאַמואיל: פּאַפּאַ, וואָס דארפסט דו דיא פארמע ? מיט דיין קאַפּיטאַל קענסט דוא דא אין נייארק פיהרען 77 טויזענד געשעפטען. מיין גענעראַלנע אַגענט האט געשפּיעלט אויף דער בירזע ווען עס איז געוועזן דיא פאַניקע, האט ער פונקט אין 65 מינוט פערדיענט פיער און אַכציג טויזענד דאלאר, 84 טויזענד ביז אַ סענט, וויא איך בין אַ איד.

ראַפאַיל: איך בין ניט געקומען אהער מאכען קאַפּיטאַל פון שווינדעל און רויך. איך האב געקויפט אַ פארמע און האב געזאָגט, איך וועל אליין ארבייטען, וועל איך ארבייטען דאָרט ביז איך וועל פאלען צו דער ערד און וועל שטארבען־! סוויני ! פאַדלעצי! (אב)

נאַטאַשא: מע זאגט געבילדעטע מענשען גלויבען ניט אין גאָטט, האָבען זיי סאוועסט.

סאַמואיל: ניאַנע, וויא קומסט דוא צו פערשטיין אזעלכע זאַכען ? אַ באַי פון דריי יאהר ווייסט דאַ אין אמעריקא 20 טויזענד מאָל מעהר פון דיר (עטי קומט.)

עטי: ניאַניע, סאַמואיל, וואָס זיצט איהר דאַ ?

נאַטאַשא: בלייב דאַ, עטי, איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען.

עטי: זעהסט, ניאַניע, סאַמואיל איז אלבערטס בעסטער פריינד.

אלבערט: איך האָב קיינעם ניט אזוי ליעב, וויא אָנקעל סעם, קיינעם ניט.

סאַמואיל: מיר דאַכט זיך, איך זאָל האָבען 97 אזעלכע זיהן, וואָלט נאָך ניט געוועזן גענוג פאר מיר... קום, מיר וועלען פאָהרען אין דייְנינג רום (נעמט איהם אויף דיא פּלייצעס) נא, האָרזי, הי ! הי ! הי ! (הירזשעט וויא אַ פערד און לויפט. אב.)

נאַטאַשא: עטי, זיי ווילען דאָך ניט פאָהרען צוריק... אי, מיר

מאַשינען... ווען נאָר צוויי מאַשינען אַ וואָך איז שוין 39 דאָלאַר.
היינט, וויא זים דאָס איז, וואָס איך פערדיען זיך אַליין און פערלעב זיך אַליין... 39 דאָלאַר אַ וואָך איז אויך געלד, וויא איך בין אַ איד.
ניין, האַ?

צ י ל י ע: נו, יאַ, און ווען דערצו שיקט נאָך דיא מאַמע אַ פּאָאר דאָלאַר, קען מען שוין לעבען.

ר א פ א י ל: דו, איידזשענט, ווייסט ניט, וואו די רוסישע קירכע איז? נו, און דוא, ציליע, דוא מאַכסט דאָ אויך אַזעלכע גליקליכע געזעפּטען? זעהסט דוא, דיר וועל איך יאָ זאָגען... ע... איך דאַרף דיך ניט בעטען... (בייז) מיינע שונאים ווע לען ניט דערלעבען, איך זאָל וועמען בעטען! עס קומט אימיצער, רעדט צו מיר, איך פערשטעה ניט... אָדער אַמאָל אַנשרייבען אַ פּאָאר ווערטער. עס איז אַ גרויסע בעל־הבית׳ישקייט... איך וועל דיר צאָהלען ווײדזשעס, וויא אַ פרעמדער...

נ א ט א ש א: דער פּאָפּאַ מעלקט אַליין דיא בהמות און יונגע קינדער זאָלען זיך פּוילען.

ר א פ א י ל: זאַנטיקעס מיט קאַרסעטען מיט האַנדשוהען קען מען דאָרט אויך טראָגען... דיא מאַמע געהט ניט אַרויס אויף דער טעראַסע אָהן אַ וואוּאַל.

צ י ל י ע: וואָס וועל איך זיצען דאָרט אין דער בערלאָגע? דאָ אין נויאָרק, מע זעהט מענשען, מע לעבט. פון פּיאַנאָ לעססאָנס פערדיענען דאָ געלד אַזעלכע, וואָס ווייסען ניט מיט וועלכען פינגער מע קלאַפּט „דאָ" און מיט וועלבען „רע". איך בין אַ פּיאַניסטקע.

ר א פ א י ל: (בייז) ווילסט דאָ אין נויאָרק קלאַפּען דאָ און רע מיט דיא פינגער? מאַמזעל, דוא וועסט פאָהרען אַהיים!

צ י ל י ע: שרייט ניט אַזוי, מיסטער פרידלענדער... מיינט ניט, עס איז ראַססעיע. ניט קרעמענטשוג איז דאָס — מיר זיינען אין יונייטעד־סטייטס אָף אַמעריקאַ! (אב)

נ א ט א ש א: (פערברעכט דיא הענד) אה, גאָט אין הימעל!

ר א פ א י ל: דוא הערסט? עס איז ניט ראַססעיע! פאָטער און מוטער — דאָס איז אין ראַססעיע, דרך ארץ פאַר עלטערע —

דעם האָבען א מאן, נאכדעם אויסבייטען דעם מאן אויף א'ן אנ־
דערען? אזוי וויא ציגיינער בייטען פערד אויף א יריד. ניין! ניאניע
מיר איז בעשערט צו ליידען, דולדען און שווייגען, אזוי האָב איך
פערשפּראָכען... ניאנ־ע, עס איז אזא וועלט, פאר איין אויגענבליק
פרייד מוז מען בעצאָהלען מיט א גאנצען לעבען וויי־טאָגען, — פאר
איין זיסע האָפּנונג — מיט א גאנצען אָקעאן טרערען (טרערען)
אי, ניאניע, איך זאָל דיך ניט האבען, פאר וועמען אין דער גאנ־
צער וועלט וואָלט איך געקענט אויסוויינען מיין ביטער הערץ.
(פאלט צו צו איהר און וויינט.)

נ א ט א ש א: דיטיאטקא, קינד מיינס, ארעמע שעפעלע מיינע (ביידע וויינען.)

ג ר ע ג ו א ר: (פון אנדער צימער) עי, עטי, נאטאשא, וואו זיינען זיי דארט?

ע ט י: ניאניע, געה אהין געשווינד, איך וועל אריינלויפען אין זיין צימער אויסוויינען זיך אין דער שטיל.. איך וויל ניט מען זאָל זעהן מיינע טרעהרען (אב אין גרעגוארס צימער. גרעגואר קומט.)

ג ר ע ג ו א ר: ביזט דא אליין, נאטאשא, עטי, ניטאָ דאָ?

נ א ט א ש א: ניין, קומט מיין הערר אהין, צו דער גאנצער קאָמפּאַניע (ציליע לויפט אריין) ציליע, ווידער קאָנצערט? אי, בארעמהערציגער גאָטט (אב).

ג ר ע ג ו א ר: ציליע, איך וויל ניט דוא זאָלסט פאָהרען. איך וויל ניט! דוא הערסט?

צ י ל י ע: נארר, איך האב געזאגט, איך פאָהר ניט, זאָלען זיי זיך אפילו שטעלען אויפ'ן קאָפּ, וועל איך שוין ניט פאָהרען. קום אהער גיכער, איך וויל אריינהאָפּען א פּאָאר קוש... אי! ווען מיר האָבען געשפּיעלט דיא סאָנאטע, האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָהנט וויא טאָלסטאָי שילדערט דעם איינדרוק פון דעם שפּיעלען אויף זיינע העלדען.. מיין הארץ האט פלוצלונג אָנגעהויבען פאכען און דיא זיסע טענער האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן פייער פון דיינע אויגען... דוא זאָלסט עווינ שפּיעלען, וואָלט איך דיך עוויג ליעב געהאָט. (קושט איהם און בייסט)

דוכט זיך אז ציליע. . . וואָס קען דאָ ציליען אזוי אויפהאַלטען?

ע ט י : איך וויים ניט, ניאַניע.

נ א ט א ש א : איך וויים, דוא האסט זיך פיינט צו קלאגען... אָבער זייערע אויגען האָבען גערעדט, ווען זיי האבען דאָ געשפּיעלט... הייליגער גאָטט! א שוועסטער!

ע ט י : דאס האט זיך דיר אויסגעוויזען, ניאַנע.

נ א ט א ש א : אי, עטי, דוא קוק זיך צו בעסער.

ע ט י : וואָס פאר א רעכט האב איך זיך צוקוקען.

נ א ט א ש א : דער פאפא, דאכט זיך, אזא קלוגער מאַן און זעהט ניט.. ער מיינט, דוא ביזט גליקליך.. מען דארף איהם עפענען דיא אויגען....

ע ט י : ניין, ניין, ניאַניע, בעוואהרע גאָטט, ער האט גענוג צרות און יסורים אהן מיר.

נ א ט א ש א : עס איז יעצט ניט אזא אונגליק. צו גייט זיך נאָכ'ן יודישען זאקאָן.

ע ט י : ניין, ניאַניע, עס וועט נאר ברענגען אלעמען שאנדע און שמערצען און קיין גליק וועט עס מיר ניט ברייננגען. דער פּאַ־פּאַ האָט איין טרויסט, איין פרייד, דאס אם ווייניגסטען איך בין גליקליך, ווארום זאָל איך ביי איהם זיין איינציגע טרויסט רויבען? מיין קינד האָט יעצט א פאטער און וויים ניט פון קיין זאך, איהם קאָסט טייער אזא פאָטער, אָבער וואס זאָל מען טהון, אז דיא וועלט פאָדערט עס? יעצט שווייגט ער, זאגאר זיינע עלטערן, קיינעם אין דער וועלט האט ער נאָך ניט געזאגט, אז דאָס איז ניט זיין קינד. ווען אָבער עס וועט ארויס א סקאנדאל, אַן אמעריקאנער שמוטציגער דיוואָרס קייס, וועט דיא גאַנצע וועלט זיך אָנהויבען גריבלען אין מיין פערגאַנגענהייט.. דאס קינד וועט ליידען פאר מיר, דער פּאַ־פּאַ וועט האָבען נייע בזיונות.. און ער האט דאך אזוי פיעל גע־אָפּפערט אום אללעם צו פערדעקען... און וואָס קען איך ערוואַרטען? בלייבען א גרושה אויפ'ן פאָטער'ס האלז? אָדער געהן זוכען א'ן אנדערן, א בעסערען? אי, ניאַניע, וואו זיינען דיא בעסערע, וואו? און איז דאָס שעהן פון א פרוי: פריהער האָבען א געליעבטען, נאָכ־

גרעגואר'ן און נומיר זיך דורכריידען וויא מענשען, וויא.אזוי מען זאָל אַלעם ענדיגען אָהן סקאַנדאַלען און אָהן בזיונות.

צ י ל י ע : וואָס ? ווער האָט עס דיר געזאָגט, אז איך האָב ליעב דיין מאַן ?... גאָר ניט, אַ שוואָגער... אַ אייגענער...

ע ט י : אויב דוא האָסט איהם ניט ליעב, איז ערגער פאַר דיר, דערווייל מיין ניט, אַז איך בין בלינד. איך האָב פריהער געזעהן און האָב געזעהן איצט... שרעק זיך ניט, איך וועל צו דיר ניט האָבען קיין טענות, נאָר זאָל ער מיר פריהער געבען אַ גט.. ער זאָל אפילו ליעב האָבען אַ פרעמדע פרוי, וואָלט איך איהם קיין מאָל ניט געשטאַנען אין וועג. ווער רעדט נאָך אַ שוועסטער. אָה, זאָל זיין מיט גליק. אָבער אין אַ'ן אָרענטליכען וועג, ניט וויא אויסגעלאָסענע מענשען...

צ י ל י ע : זיא רעדט פון אויסגעלאָסענע מענשען ! דוא האָסט געמאָגט האָבען אַ ליעבהאָבער ? ווענס קינד איז דאָס ? ער האָט מיר אַלעס ערצעהלט וועגען דעם קינד ! האָסט ניט אָבגענאַרט דיא גאַנצע וועלט... הא ? יעצט פערשטייט איך, ווארום איך, און זאָגאר דער פּאַפּאַ, אַלע האָבען דאָס קינד ניט ליעב ?...

ע ט י : איך בעשולדיג דיך ניט, חלילה, אין דעם, אַז דוא האָסט ליעב מיין קינד, — נייז איך זאָג, דוא האָסט ליעב מיין מאַן.

צ י ל י ע : דוא האָסט געמעגט, מעגען אַנדערע אויך. אַזאַ וויא דוא האָט ניט קיין רעכט צו רעדען און האָבען פּרעטענזיעס...

ע ט י : ווער זאָגט דען דיר, דוא מעגסט ניט ? איך רעד ניט און האָב קיינע פּרעטענזיעס... ציליע, איך וועל ניט דערלאָזען צו אַזאַ מיאוס'ן סקאַנדאַל ! צוויי שוועסטער... ראַפאַיל פרידלענדער'סביידע טעכטער ! אויף זייז אַלטע גרויען קאָפּ נייע שאַנדע און שמאַך ? ניין ! אָדער דוא פאַהרסט באַלד מיט'ן פּאַפּאַ אַהיים און אַלעס איז ביי אייך געענדיגט, אָדער....

צ י ל י ע : (אויפגערעגט) נייז ! איך וועל ניט פאַהרען !

ע ט י : דאַן דאַרף ער מיך גט'ן און דיך נעהמען ! באַלד, שוין דאַרף אַלעס ווערען געשלאָסען ! (שרייט אין טהיר) פּאַפּאַ ! גרעגואר ! אהער גייט !

צ י ל י ע : וואָס טהוסט דוא ? ביזט אַראָפּ פון זינן ?

ג ר ע ג ו א ר : אי! האסט מיר ווידער שיער ניט אבגעביסען א ליפ, זא וואהר וויא איך לעב (אומארמט זיא. עטי קומט צוריק, בלייבט שטיין איבערראשט. זיי בעמערקען זיא ניט און בלייבען געארמט.)

צ י ל י ע : איך בין ניט וויא דיא צוקראכענע ווייבעל דיינע. איך וויים, וויא איין ארטיסט האט ליעב געליעבט צו זיין.

ג ר ע ג ו א ר : נאך ווען איך האב עטי'ן גענומען, האב איך שוין א טראכט געטהון: דיא שוועסטער וועט אויך זיין מיינע, זא וואהר וויא איך לעב... ציליע, אזוי פיעל צייט אוועק און...

צ י ל י ע : רעד ניט, דאס מאכט מיך דול, איך האב מורא.

ג ר ע ג ו א ר : דיא יוגענד געהט אוועק... וועסט נאכדעם חרטה האבען, וועט זיין צו שפעט.

ע ט י : (גאנץ רוהיג) איהר זייט נאר דא?

ג ר ע ג ו א ר : (מאכט זיך גלייכגילטיג) יא, עטי, מיר זיינען דא... ציליע איז מיר שולדיג געוועזן א קוש, האב איך זיא ארויסגערו־פען... אזא שוויין! זיא האט מיך אבגענארט.. זיא בייסט זיך גאר.

ע ט י : (שמייכעלט) אבנאררען און בייסען! הם!.. ציליע, נאך וואס זאלסט דוא דאס טהון? קומט, דער פאפא איז דארט אליין. (גרעגואר און ציליע געהען פריהער, עטי נאך זיי. שוין ביי דער טהיער זאגט זיא גאנץ רוהיג) יא, ציליע, איך האב דיך עטוואס גע־וואלט פרעגען (ביידע שוועסטער בלייבען.)

צ י ל י ע : האסט מיך געוואלט פרעגען עטוואס?

ע ט י : יא, איך האב דיך געוואלט פרעגען: דוא וועסט פאהרען מיט פאפא אהיים?

צ י ל י ע : ניין, איך וועל ניט פאהרען.

ע ט י . דעם פאפא איז דארטען זעהר שווער צו זיין אליין.

צ י ל י ע : איך קען ניט עוויג לעבען פאר'ן פאפא, איך וויל לעבען פאר זיך אליין אויך.

ע ט י : (רוהיג) יא! פאר זיך אליין אויך. ציליע, אויב דוא ווילסט לעבען פאר זיך אליין אויך, דארפסט דוא זיך ניט זשענירען, ניט בעהאלטען זיך. האסט ליעב מיין מאן? (ציליע, אי!) יא, האסט ליעב מיין מאן, נומיר באלד ארויסרופען אהער דעם פאפא,

דריטער אקט.

(נאכט, עס ברענען לאָמפּען. א גרויסער זאאל ביי פרידלענדערן אויף דער פּארמע, א טרעפּ מיט א קארפּעט פיהרט אויפ'ן צווייטען שטאָק. טהירן רעכטס און לינקס. צוויי זעהר גרויסע פענסטער דורך וועלכע מען זעהט בוימער און געביידע פערוואָרפענע מיט שנעע. פערשיעדענע אלטע און נייע מעבעל, גרויסע שטרויענע ראָקענ־טשערס, א פּיאנאָ, אויף וועלכע עס ליעגט גרעגוּארס פידעל און אלבערט'ס קליינע פידעלע. ביי די ווענד גרויסע בייטשען, שטעקענעס צום פישען, שפּאנגעצייג. אין הינטער גרונד עטליכע נייע בארלאך. פיעל גרויסע קאסטענס מיט ביכער. נאַטאַשאַ זיצט ביים פענסטער און קוקט וויא דער שנעע פאלט. עטי זיצט אויף דר'ערד לעבען דיא קאסטענס. שלעפּט פון זיי ביכער, בלעטערט זיי און לעגט לעבען זיך... שוין פיעל ביכער לעבען איהר.)

נ א ט א ש א : דאַנק דיר, פּאָטער אין הימעל. דערלעבט קריסטמאס, ראָזשדעסטוואָ חריסטאָוואָ. מע זאָגט, ביי אונז דארט אין דער היים וועט קריסטמאס זיין ערשט מיט צוועלף טעג שפּעטער, וואָס האָבען זיי קיין צייט ניט דיא אמעריקאנער? נאָר זיי לויפען. איך בין ניט קיין געלערנטע און איך פערשטעהע ניט, פאַרוואָס איז אונזער ערלעזער אין אַמעריקאַ געבוירען פריהער און אין רוסלאנד שפּעטער. אי ביי אונז דאַרט אין דער היים, איז היינט דער סאַטשעלניק. מע עסט קאלטע קוטיא מיט פלאָמען קיסעל... דיא גלאָקען קלינגען און שאַללען, ליעדער טראָגען זיך פון איין דאָרף צום אַנדערן... יונגע פּאָרלאך פּאָהרען אום אין שליטענס מיט פרייליכע געשרייען און פיהרען וועטשערע צו זייערע עלטערן. גאַנצע פּארטייען גייען פון שטוב צו שטוב און זינגען קאַליאדקעס (זינגט) „סיאַלאַ זוויעזדאַ נאַ וואַסטאָקע אי שלי טרי וואלחוואיי... פּאַרגעסען.

ע ט י : מיר וועלען עס באלד ענדיגען... ציליע, איך האב ניע אין מיין לעבען ליעב געהאט שפאס צו מאכען! (אין טהיר) פאפא, דוא געהסט?

צ י ל י ע : (ערשראָקען) נייז, ניין! גאָטט איז מיט דיר, וואס טהוסט דוא? ניין, נייז!..

ע ט י : אָה, ניין! דאן שוועֶר מיר, גיב מיר דיין עהרענווארט, דיין האנד אז דוא פאַהרסט אוז ביי אייך איז אלעס געענדיגט (שווייגט) ניין? אָט זיינען זיי אלע דא. (ראפאיל, גרעגואר, נאטאשא, נאכדעם אפרים מיט ביילען, סאמואיל מיט אלבערט׳ן.)

ר א פ א י ל : נו, (א קוק אויף עטי׳ן) וואס איז, עטי? הא?

ג ר ע ג ו א ר : וואס איז דא געשעהן? (ערשראָקען, אלע פערוואונדערט)

א פ ר י ם : אייגענע שוועסטער, מסתמא, זיך אביסעל צודראפעט..

נ א ט א ש א : יא! אייגענע שוועסטער. גאטט אין הימעל..

ר א פ א י ל : איך פרעג דאך וואס איז דא ביי אייך פארגעקומען?

ע ט י : (רוהיג) נו, ציליע? (ציליע הערמפפט מיט זיך און גיט איהר ענדליך דיא האנד)

ג ר ע ג ו א ר : וואס איז דאס אזוינס?

ע ט י : (מיט א שמייכעלע) הם, וואס איז דארט אזוינס? גאר נישט. ציליע פאָהרט אהיים מיט׳ן פאפא.. יא! אהיים, אהיז, אויף דער פארמע! (ציליע פערדעקט איהר געזיכט און וויינט ביין).

(פארהאנג.

קויפען פערשיערענע זאכען. אזוי פיעל געסט און דער פאפא, דוא ווייסט דאך, האט ליעב טראקטירען ברייט, פא רוססקי... פאר א יאהרען זיינען געקומען צו אונז דיא אמעריקאנער מוזשיקעס מיט מוזיקאנטען... נו, האט זיך דא אבגעטהון... עטי, וואס איז דיין שוועגער און שוויעגער געקומען, אויך נאר צו גאסט?

ע ט י: (זוכט) אפשר נאר צו גאסט און אפשר וואס בעטען ביים פאפא...

נ א ט א ש א: און דיינער שלאפט פון נאך מיטאג אן?... אין דער קאונטרי קומען זיי שלאפען און אין שטאדט עסען זיי ברויט אומזיסט. אי! גאטט, וויפיעל דארמאיעדעס דוא האסט אין דיין גרויסער וועלט. (חוה אויסגעפוצט, נאך איהר אפרים אוןביילע.)

ח ו ה: קומט, איך וועל אייך ווייזען אלע צימערן... אט דיא שטאל רופט זיך ביי זיי זאאל... אי, דיא אמעריקאנער האבען דען שכל צו לעבען?

ע ט י: דוא זאלסט זעהען וויא זיי לעבען, וואלסט דוא איין אנדער מיינונג געהאט.

ח ו ה: אט דאס איז דאך, מע זיצט דא אין דער מדבר און מע זעהט גאר ניט. אין נויארק איז דא אלץ דינג, אפערע, קאנצערטען, רוססישע באללען... אי! איך געה דא אוים וויא א וואקס.

ב י י ל ע: וואס רעדט איהר, מחותנתטע? איהר בליהט דאך וויא א יונגער וויינשעל בוים...

א פ ר י ם: הלואי אויף אלע אידען געזאגט געווארען, קיין עין הרע, וויא א גוטער קאנטראבאס.

ע ט י: מאמא, מיר האבען אין קרעמענטשוג אויך ניט געהאט קיין אפערא און דוא ביזט דארט, חלילה, ניט אויסגעגאנגען וויא א וואקס.

א פ ר י ם: אי, עט; וואס גלייכסט דוא? א קליינינגקייט קרעמענטשוג? א כרך! וויעפיעל יודען קיין ע"ה, דיא קאהר־שול, גור אריה'ס קאזארמעס: פס! הייגט למשל דארט חנוכה־צייט,

פאַטער אין הימעל, פארן שניי דאנק איך דיר... עס דערמאַנט
דיא פערגאנגענהייט, דיא היימאטה, און דאס הארץ טהוט וועה און
עס איז גוט... עס קען זיין, אז דיא זעלבע שנייעלע איז פאראיאהרען
געלעגען אויף אונזערע סטעפּעס דארט... ווייט... און היינט פאלט
זיא פון הימעל דאַ... (קוקט זיך אום) זעה נאר ווי זי האט זיך פער־
טיעפט... קינד, וואָס זוכסט דו דאַרטען?

ע ט י : אָה, ניאַניע, דיעזע ביכער דערמאַהנען מיר די אמאַליגע
גליקליכע יאָהרען, ווען איך בין געווען זאַרגלאָז, ווען איך בין
אין דיא לאנגע ווינטער־נעכט געזעסען און געלעזען און געטרוימט.
פערגאנגען. (א פּאַרט) עס קען זיין אז דיא גאנצע צייט איז דאס בוך
געלעגען ניט געעפענט... און דער בריעף מיט'ן בילד זיינען גאנץ.

נ א ט א ש א : (זעצט זיך לעבען איהר) שוין באַלד פינף יאָהר, אז
מיר זיינען דאַ און דיא ביכער זיינען נאָך ניט אויסגעפּאַקט...
נויטיג געדארפט שלעפּען (גלעט איהר דיא האָאָר) עטי, נו, און וויא
אזוי איז איצט דיינער צו דיר?

ע ט י : וויא שטענדיג, צוויי טאָג פערליעבט, צוויי וואָכען צו־
קריעגט, ניאַניע, איך בין שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו אזא
לעבען און צו איהם אויך... ע! פון טויזענד פערהייראטע, וויא איך
זעה, לעבען 990 אזוי וויא איך... איך האב זיך אונטערגענומען צו
דולדען... ניאַניע, וואו זיינען דיא גליקליכע?

נ א ט א ש א : עטי, ווען דוא זאָלסט האָבען קינדער, וואָלט דיין
לעבען ניט געווען אזוי דונקעל.

ע ט י : יא, מיין פאמיליען לעבען וואָלט ניט געווען אזוי זינלאָז...
ער וויל אָבער ניט קיין קינדער.

נ א ט א ש א : וואָס הייסט, ער וויל ניט? גאָטט האָט בעשאַפען
יעדע פרוי מוטער צו זיין.

ע ט י : און פאַר אלבערט'ן וואָלט געווען נאָך שווערער דאָס לעבען,
ווען עס וואָלט געווען נאָך קינדער... ניאַניע, וואו איז אַל־
בערט?

נ א נ י ע : מיט סאמואיל'ן געגאַנגען גליטשען זיך אויפ'ן טייך.
דער פּאַפּאַ מיט ציליען זיינען געפאָהרען קיין הארטפאָרד איינ־

ע ט י: מאַמאַ, מיר דאַכט זיך, עס וועט זיין גלייכער אַז דו וועסט ניט רעדען קיין סך.

ח י ה: (בייז) נו, יאָ, איך זאָל שכל האָבען און זיין פריהער בע־קאַנט מיט אַפּיצירען, וואָלט איך איצט אויך געווען אַ סטאַטיק און געשוויעגען. דאַנקען גאָטט, איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו שעהמען, איך מעג רעדען! קום, מחותנת'טע! קומט מחותן... אָהער גייען דיא בעדרומס, און דאָרט, איהר זעהט? דיא „לאַיבערי" רום, מיר האַלטען דאָרטען סוויט פּאָטייטאָס. (זיא און ביילע אָב.)

א פ ר ים: עטי, זיא שטורכעט זיך? ביי מיר איז דאָס געגליכען צו אַ מוזיקאַלישע זאַך... וואָס דאַרף איך זוכען חסרונות אין דער אינטראָדוקציע, אַז דיא קאָמפּאָזיציע אַליין איז גוט? עט! (אָב)

ע ט י: (צו נאַטאַשאַ'ן, וועלכע האָט דיא גאַנצע צייט געווישט דיא גלעזער) אַז מענשען ווייסען דאָס דו האָסט אַ וואונד, שלאָ־גען זיי דיך ניט אויף אַ געזונטען פּלאַץ... ניין! יעדער ציעלט נאָר אין וואונד אריין און וואָס שטאַרקער, וואָס גרויזאַמער (שלעפּט ארויס א בוך. — שטיל) מיין גאָט דאָס איז דער עלפטער באַנד! (בע־הערשט זיך) איך וועל עס זעהען שפּעטער. (לעגט דעם בוך אוועק און נעהמט אנדערע ביכער. שטיל.) ווער האָט דאָס געקענט איבערבינדען דאָס בוך מיט אַ ווייסען פאַדעם?

נ א ט א ש א: (אפּארט) זיא האָט געפונען (לויט) עטי, דאַמאָלס, ווען דיינער איז געקומען צום ערשטען מאָל, עס איז געוואַרען אַ סומאַטאָכע... ציליע האָט אַ וואַרף געטהון דעם בוך... איך האָב דערזעהען האָב בעהאַלטען... איך האָב געטראַכט, אפשר וועסט דו אַמאָל וועלען זעהן. ע, קינד, איך געה באַלד אריין, איך דאַרף אַ ריינעם האַנטוך. (אָב)

ע ט י: (שטויט אויף) אַה, טייערע ניאַניע! (געהט לאנגזאם צום טיש, זעצט זיך) קיינער האָט דעם בוך ניט געעפענט זייט דאַן... איך פיהל, דער בריעף און דאָס בילד זיינען דאָ. (עפענט דאָס בוך) זייז בריעף! צוזאַמען מיט דיעזע לעצטע ווערטער האָט ער אויס־געהויכט זיין לעבען... (נעהמט פון איין אלטען קאָנווערט א בריעף) אי, איך וועל איבערלעבען נאָך אַמאָל דיא גאַנצע שרעקליכע דראַ־

לאטקעס, משקה, א קערטיל, געגזינגע גריוועז. דארטעז לעבט מעז...
אי, אי!

ח ו ה: און דאָ לעבט מען וויא אין א וואלד... איהם הארט עפּיס פאר אז אנדערן?...

ע ט י: אַה, ווען איהם זאל ניט הארעז פאר אז אנדערן!... ער וואלט געוועז גליקליכער...

ח ו ה: איך וויים, איך זעה אנדערע מענשען ניט רייך, אבער עס איז זיי גוט... מע לאכט, „א כליזמר, א כליזמר," אויך ניט קיין יונגער מאן און פולל מיט לעבען, לאכט רעדט, געהט ניט אנגע־בלאָזען טאָג און נאכט...

א פ ר י ם: א יאָ? און ביי ביילען בין איך גארנישט... א, איהר זאָלט מיך קענען אמאָל, געוועזען א מזיק!

ח ו ה: דער רוח נעמט אייך נאך איצט אויך ניט... איהר שפּיעלט בעסער פון גרעגוארן.

ע ט י: אזא מבין ביזט דוא? פערשטיי איך שוין, ווארום דוא קענסט ניט לעבען אהן אפּערעס מיט קאנצערטען.

א פ ר י ם: זיא נעמט זיך אָן! יונגע לייט האבען זיך ליעב אנ־צונעמען איינער פאר'ן אנדערן.

ב י י ל ע: איך וויים, דיא ווייבער גלייבען זעהר דיא כליזמר, חזנים, אללע קונצענמאכער... אי, ווען מע קען זיי גוט... חזיר'שע קישקעס... וואס איז דאָס פאר מענשען, אז דער עיקר פעהלט זיי?

א פ ר י ם: אונז פעהלט דער עיקר? ע, ביילע, זאָג ניט קיין ליגען... דיא נשמה פון א גוטען כליזמר, איז וויא א פידעלע, מע דארף זיא נאָר ריכטיג אנסטראָיען.

ח ו ה: מיר זיינען דאָ אייגענע מענשען, איך מעג אייך זאָגען, איך וועל ניט זיצען דאָ אין דארף מיט איהם... גענוג אנגעלי־טען זיך פון איהם דאָרט אין ראָססיע... וויים איך, דארטען מע האָט געמיינט, ער איז ראפאיל פרידלענדער, ראפאיל פרידלענדער! דאָ זעהט מען זיין בריהשטייט. שיינע געשעפטען מאכט ער דאָ...

שרעקעז. דאָס איז ניט אומזיסט, זאָ וואָהר איך לעב. וואָס איז דאָס פאר אַ בריעף מיט אַ בילד, האַ ? מיר האָט דאָס הערץ שטענדיג געזאָגט, אַזעלכע פרויען וויא דוא, טאָהר מען ניט גלויבען... וואָס איז דאָס פאר אַ קאָררעספּאָנדענציע ?

ע ט י: (שוין רוהיג) עס איז אַ בריעף און אַ בילד געשיקט צו מיר (לעגט עס אריין אין בוך און מאכט דעם בוך צו.)

ג ר ע ג ו א ר: אַזוי ? צו דיר ? וויא באַלד אַז צו דיר, דארף איך עס פריהער זעהען. (וויל ארויס רייסען דעם בוך.)

ע ט י: דיעזער בריעף איז געלעגען העכער אַכט יאָהר אין דעם בוך, איך האָב עס ערשט געפונען... געשריעבען פון אַ מענ־שען, וואָס איז שוין לאַנג טויט.

ג ר ע ג ו א ר: אָה, פון דיינעם ? פון דעם געפּגר'טען מנובל ! פון דעם געמיינעם שורקע ! גיב עס אהער ! (רייסט ארויס דעם בוך, קוקט אויפ'ן בילד) אַ מאָרדע פון אַ ניעדערטרעכטיגען לומפּ !

ע ט י: איך ווייס, דוא שימפּפסט איהם, ווייל דוא ווילסט מיך קרענקען... מיך הארט ניט.

ג ר ע ג ו א ר: איך ווייס, ביזט אַזאַ פרוי, וואָס דיך הארט שוין גאָר ניט... נו, און דאָס וועט דיך אויך ניט הארען, האַ ? (רייסט דאָס בילד אויף שטיקלאך).

ע ט י: דאָס וועט מיך אויך ניט הארען — איך האָב עס אַליין גע־וואָלט פערניכטען...

ג ר ע ג ו א ר: זיא האָט עס געוואָלט פערניכטען ! געפונען וועמען צו נאַררען... אַזאַ פרוי וויא דוא, האָט געדאַרפט מעהר שכל האָבען צו זאָגען ליעגען... און דאָס איז זיין סאָלדאַטסקי שריי־בעכץ (וויל ארויסנעהמען דעם בריעף פון קאָנווערט).

ע ט י: גרעגואר, דאָס איז געשריעבען צו מיר און דוא דאַרפסט עס ניט לעזען... ניע האָב איך מיר ערלויבט דיינע בריעף צו עפּענען.

ג ר ע ג ו א ר: אַזוי ? צו דיר ? דוא אָבער מיט אַללע דיינע בריעף, סעקרעטען, סודות, אַללעס געהער מיר. מיינע בריעף האָסט דוא קיין רעכט צו עפּענען... איך אָבער... איך בין דיין מאַן !

מע און דאן פערניכטעז, צורייסעז אללעס, פערגעסעז... (קוקט אויפ'ן בריעף) דיא טרערעז זיינעז אויסגעטרוקענט און נאר דיא פלעקעז געבליעבעז. דיעזע פלעקעז וועלעז בלייבעז אויף עוויג (קוקט זיך אום און לעזט) „מיין טהייערע עטי, ווען דוא ועסט לעזען דיעזע מיינע ווערטער, וועל איך שוין ניט לעבען מעהר — איך האב ניט קיין אנדער אויסגאנג. צווישען דיר און מיר געפינט זיך א וואנד, וועלכע מענשען האבען מיט אייפער געבויט טויזענדער יאהרעז לאנג, אי! וויעפיעל לעבענס האבען זיך אן דיעזער וואנד צובראכעז, וויעפיעל גליק צושטערט, וויעפיעל טרערען און בלוט זיינען פער־גאסען געווארען לעבען דיזער וואנד פון ברודער־פיינדשאפט און מענשענ־האס! איך בין צו שוואך, איך זאל קענעז דיזע פעסטונג דורכברעכען, זאגאר אום, אם ווייניגסטען, צו מיין אייגענעם גליק זיך וועג מאכען און... איך מוז שטארבען. (פויזע) מיך פרייט, וואס דוא, עטי, ביזט שטארקער פון מיר... דוא דארפסט, דוא מוזט לעבען און, איך ווייס, דוא וועסט פיעל מוזען ליידען... איך נעם יעצט מיין רעוואלווער און מיין לעצטעס ווארט איז: לעבע וואהל, מיין עטי, לעבע וואהל! איך האב ניט געקענט זיין דיינער אינ'ם לעבען, בין איך דיינער אינ'ם טויט" (וויינט איין אויגענבליק. בע־הערשט זיך,) און דאס איז זיין בילד... אי, וויא גערן וואלט איך יעצט דיעזע טויטע אויגען געקושט (בעטראכט עס) אבער דאס דארף איך ניט טהון... דאס וועט ניט זיין עהרליך. דאס וואס מע קען ניט טהון אפפען, דארף מען זיך ניט ערלויבען אין געהיים. איך געהער יעצט צו אן אנדערן, וועלכען איך האב געשווארען טריי זיין. ע! גנב'נען ביי איהם, ביי מיסטער גרעגואר פידלער א קוש פאר דעם טויטען? ניין! (בעטראכט דאס בילד, גרעגואר קומט פון דיא טרעפ, פערקעמט, ערשט אבגעוואשען. בעמערקט, וויא זיא בעטראכט עטוואס און גנב'עט זיך צו).

גרעגואר: זעהסט, איך וויל טיי און זיא זיצט גאר דא...

עי! וואס איז דאס ביי דיר?

עטי: (זעהר ערשראקען) אה! זעה נאר!

גרעגואר: דעם ערשטען מאל זעה איך, דוא זאלסט זיך ער־

ג ר ע ג ו א ר: א שעהנע פראגע, זא וואהר איך לעב. אז איך וועל פאהרען, ווילסט דוא בלייבען דא? אויב דוא ווילסט דא בלייבען, דארפסט דוא אין גאנצען ניט קומען מעהר.

ע ט י: (מיט א שמייכעלע) איך האב געמיינט, דוא ווילסט מיך ניט מיטנעהמען... אז דוא ווילסט איך זאל פאהרען — פאהר איך. מיר וועלען אבער ניט האבען קיין צייט צוריק אלע זאכען איינ־פאקען.

ג ר ע ג ו א ר: זיי וועלען אפשיקען דיא זאכען. געה טהו זיך אן באלד און ברענג מיר מיין פעלץ מיט מיין היטעל... דארט ביי אונז אין צימער...

ע ט י: באלד... ניאניע, זיי אזוי גוט, רוף מיר אלבערט׳ן.

נ א ט א ש א: עטי, דאס וועט דעם אלטען זעהר קרענקען, בעט איהם ער זאל בלייבען.

ע ט י: געה רוף אלבערט׳ן (נאטאשא אב. אפארט) זיא מיינט, ער פאהרט שוין טאקי (געהט מיט דיא טרעפ ארויף) הם! ווען יעדע פרוי זאל גוט קענען און פערשטעהען איהר מאן, וואלט זיא וועניגער געוויינט און מעהר געלאכט... אבער דאס לאכען, איך האב מורא, איז נאך ביטערער פון׳ם וויינען. (אב)

ג ר ע ג ו א ר: עהע! אז איך זאג פאהרען, פאהרט מען! ביי מיר טענה׳עט מען ניט... מע דארף וויסען וויא אזוי מיט זיי צו האנדלען און ציינגען חאראקטער. הם! אבוואהל יעצט פלוצלונג אוועקפאהרען?... עס איז ניט שעהן, זא וואהר איך לעב, ניט שעהן... דער אלטער וועט בייז ווערען און ציליע... זיא האט געזאגט זיא דארף מיר עטוואס זעהר וויכטיגעס מיטטהיילען... (בייז) פאר וואס האט זיא מיך ניט געבעטען, איך זאל ניט פאהרען? זיא האט מיך געדארפט בעטען, איך זאל בלייבען! איך פערשטעה, זיא האט אומיסטען ניט געבעטען, מע זאל מיך רעכענען פאר א משוגענעם, פאר א שלעבטען. (גלעקלאך. מע זעהט דורך דיא פענסטער א שליטען פאהרט צו) אי, זא וואהר איך לעב, דער אלטער איז געקומען צו־פאהרען... אבער יעצט איז שוין שפעט... זיא קען מיינען, איך האב זיך איבערגעשראקען (געהט אום אויפגערעגט. ראפאיל און ציליע

איין עהרליכע פרוי קען קיינע געהיימניסע האבען פון איהר מאן.
(וויל עפענען דעם בריעף).

ע ט י: איך וואָלט דיך געקענט פרעגען, דארף איין עהרליכער מאן האָבען געהיימניסע פון זיין פרוי? אָבער וואָצו רעדען? איך זאָג דיר נאָר, דיעזען בריעף וועסט דוא ניט לעזען... מעגסט מיר גלויבען, אָדער ניט, איך זאָג דיר, דאָ איז ניטאָ קיינע סעקרעטען... איך פערבארג און פערלייקען קיין זאך ניט... דער וואָס האָט דעם בריעף געשריעבען, לעבט ניט מעהר. ווען ער האָט עס געשריעבען, איז ער געווען ווייט פון אונזער שמוציגע וועלט — און לעזען דעם בריעף מיט שלעכטע, אונריינע געדאַנקען וועל איך ניט ערלויבען! דעם בריעף, גרעגואר, וועסט דוא ניט לעזען, דאָס זאָג איך דיר!...
(שטרענג) דעם בריעף גיב אהער מיר!

(דערשרעקט זיך און גיט אָב דעם בריעף).

ג ר ע ג ו א ר: חי! חי! אַז דוא ווערסט פּלוצלונג אזא שטארקע, הויבט עס מיך אָן קיצלען צום לאַכען. חי! חי! חי! זאָ וואהר איך לעב.

ע ט י: (רייבט אָן לאנגזאם א שוועבעל און פערברענט דעם בריעף) דעם בריעף וועט שוין מעהר קיינער ניט לעזען.

ג ר ע ג ו א ר: זעהסט! וועל איך דאך טאקי קיינמאל ניט וויסען, וואָס דאָרטען איז געשטאַנען? (ווערט ווייעדער בייז) אונפערשעהמטע פרוי, בוהלערין! אַפּיצירסקי מאדאם! (זיא קוקט אויף איהם גלייכגילטיג. נאטאשא קוממט).

נ א ט א ש א: דער יונגער הערר וויל געווים א גלאָז טיי?

ג ר ע ג ו א ר: (שרייט) איך דארף ניט אייער טיי! (צו עטי'ן) ביים טאָטען אין דער היים ביזט דוא א גאַנצער העלד... איך בלייב דאָ ניט מעהר! איך פאָהר שוין אהיים (קוקט אויפ'ן זייגער) מיר קענען נאָך פאָהרען מיט'ן לעצטען טריין נאָך נויארק...

נ אַ ט א ש א: גריגאָרי אפרימאָוויץ, דאָס וועט זעהר קרענקען דעם אַלטען הערר.

ג ר ע ג ו א ר: מיך קימערט זעהר וועניג דער אַלטער הערר! געה זאָג מען זאָל מיר שפּאַנען פערד.

ע ט י: (מיט א שמייכעלע) גרעגואר, דארף איך אויך פאָהרען?

צוזאמען... וואס האט מען דאס צוקוועטשט? נו, חאפט עם דער רוח! (שמייסט איין באנדעל פארט.)

ג ר ע ג ו א ר : זאל זיין מארגען, עטי, דער פאפא איז געגרעכט. גיב איך וועל דיר העלפען זיך אויסטהון (טהוט זיא אויס און קושט איהר בגגבה דיא הענד, ציליע קוקט אויף זיי זעהר בייז.)

ע ט י : אז מארגען, מעג איך דאך דאס אלעס טראגען צוריק, א יא? (נעהמט אללע זאכען, געהט צוריק.)

ג ר ע ג ו א ר : יא, עטי, מעגסט עס טראגען צוריק. (חאפט זיא שוין ביי דיא טרעפ און קושט זיא, דער אלטער זאל ניט זעהן. עטי אב.)

צ י ל י ע : (צו גרעגוארן) אידיאט! מיינסט עס איז מיר א פערגע־ניגען צו זעהן אייערע צערטליכקייטען?

ג ר ע ג ו א ר : אז איך האב דיך געקענט פערגלייכען צו עטי'ן בין איך טאקי אן אידיאט, זא וואהר איך לעב... פאפא, איהר וועט רויכערן א גוטען סיגאר! איך ברענג שוין א פאאר סיגארען (אב נאך עטי'ן).

צ י ל י ע : איך וועל הערען, וואס דוא וועסט זאגען מיט א מינוט שפעטער (חוה און נאטאשא קומען. נאטאשא קוקט איבער דיא באנדלאך) מאמא, דוא אינטערעסירסט זיך גאר ניט, וואס מיר האבען איינגעהאנדעלט?

ח ו ה : איך וויים שוין וויא ער האנדעלט... נויטהיגע זאכען אלץ...

ר א פ א י ל : ניט נויטיגע זאכען? האסט א טעות, איך האב דיר געקויפט לאקירטע טופליעס צו טאנצען אינ'ם שניי... שוועדישע האנדשוהען, צו קלייבען קארטאפליעס און א אפערן מאנטעל צו מעל־קען דיא בהמות. נאטאשא, העלף מיר זיך אויסטהאן (נאטאשא שלעפט פון איהם דעם פעלץ).

ח ו ה : נו, יא, פאר וואס ניט? האסט דאך איצט א סך געלד, מאכסט דאך גליקליכע געשעפטען אין אמעריקא!

נ א ט א ש א : (שטיל) יעווא אראנאוונא, זאל באטש היינט זיין אין שטוב פריעדען און ליעבע...

ר א פ א י ל : מאדאם פרידלענדער, זייט אזוי גוט, הענגט אויף מיין פעלץ (זיא טהוט עס) נאטאשא, איך האב דיר געקויפט א

קומען אין ווינטערקליידער, פערשנייט, נאָך זיי איין ארבייטער. אלע טראָגען פיעל פעקלאך, באָנדלעך. ראפאיל גיט דעם קוטשער געלד. ער נייגט זיך און זאָגט: דזשענקויע פאנע. אין דערזעלבער צייט געהט עטי לאנגזאם מיט דיא טרעפ, אָנגעטהון, טראָגט גרעגואר'ס פעלץ און היטעל.)

ר א פ א י ל: (צום ארבייטער) שאבעלסקי, פארגעסט ניט איינדרע־קען דיא פערד (צונעמט דיא פעקלאך, לעגט אויף'ן טיש.)

צ י ל י ע: (צו גרעגואר'ן) עי, מיסטער, וואס שטעהסט דוא, וויא א לוימענער גולם? העלף מיר אויסטהון זיך. (גרעגואר טהוט עס.)

ר א פ א י ל: (בעשעפטיגט צו גרעגואר'ן) ברודער, האב איך גע־קראגען א פלאש ראם! חע! חע! מיר וועלען היינט מאכען א רוסישען פונש... און דער שניי, הא? א פערגעניעגען... אז מען פערמאכט דיא אויגען, מיינט מען, עס איז ראססיע... דער אונגליק איז, מע קען ניט שטענדיג האלטען דיא אויגען צוגעמאכט (לעגט דיא פעקלאך) נים... מאנדלען.... וואס איז דאס? אה! אפעלסינען (עטי קומט אָנגעטהון, ברענגט גרעגיאר'ס קליידער.)

ע ט י: נו, גרעגואר, טהו זיך אן, וועלען מיר קענען פאהרען מיט'ן זעלבען שליטעל...

ר א פ א י ל: (הויבט אויף דעם קאָפּ) וואוהין איז דאס?

ג ר ע ג ו א ר: פאפא, איך דארף. זא וואהר איך לעב, איך מוז...

ע ט י: (מיט א שמייכעלע) יא, פאפא, מיר ווילען פאהרען יעצט...

ר א פ א י ל: וואוהין פאהרען, ווער זאגט עס פאהרען?

צ י ל י ע: דאס איז שוין עטים אויפטועכץ. איך זעה שוין!

ע ט י: (מיט א שמייכעלע) אז גרעגואר זאגט מע מוז פאהרען...

ע, (קוקט אויף איהם) פערשטעה איך ניט, ווארום זאלען מיר זיך טאקי ניט דורכפאהרען? אזוי פיעל שניי... א שליטען... ווען קענען מיר אין נויארק האבען אזא פערגניגען?

ר א פ א י ל: אה! איהר האט זיך געוואלט אביסעל קאטאיען? ניט היינט, קינדער, מארגען וועל איך הייסען שפאנען א טראיקע און מיר וועלען עס מאכען אזוי פא רוססקי... טשארט וואזמי!... היינט אבער ניט פון פלעק... היינט פערברייינגען מיר דא אללע

חוה: אַי, מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזען פון איהם אויס־
צוהאַלטען (א גערויש) אַט גייען אונזערע זיסע קינדער... אַי!
(מאַכט א זויערע גרימאַסע. סאַמואיל מיט אלבערט'ן קומען פערשנייט, פרייליכע, צופלאַמטע.)

סאַמואיל: זעץ דיך דאַ, וועל איך אראַבנעמען דיינע סקייטס.
אַללעס איז נאַס... האַ! האַ! אַנגעגליטשט זיך האַ? אפשר 27,000 מאָל געפאַלען...

אלבערט: (פרייליך) אַנקעל, איך בין נאָר צוויי מאָל געפאַלען.
אַט אַזוי, אויף אַללע פיער (ביידע לאַכען.)

סאַמואיל: דער שניי זאָל ניט זיין, אז איך גיב זיך א
גליטש, פליה איך 2½ מייל, ווי איך בין א יונג. ביי אונז אין
קרעמענטשוג אז דער דנעפּער פלעגט פערפרוירען ווערען, בין איך
געווען דער ערשטער גליטשער... איך האָב זיך אַמאָל געוואַטען אַז
איך קען זיך גליטשען פון קרעמענטשוג ביז קאַטערינאַסלאַוו, וויא
איך בין א יונג. זעה נאָר, וויא זיינע בעקלאך האַבען זיך צופלאַמט.
מאַמאַ, איז ער ניט א שיינער יונגאַטש? (קושט איהם געשמאַק אין
דיא באַקען.)

חוה: אַי, דול ניט דעם קאָפּ, נאָר דיין שיינער יונגאַטש ליעגט
מיר אין זינן.

ציליע: זעה נאָר וויא ער לעקט איהם. האָסט איהם ליעב, האַ?
פערד, דוא זאָלסט וויסען, ווענמענס זון ער איז, וואָלסט דוא
ניט געקוואַלען אַזוי... האַ! האַ! (אלבערט הערט זיך צו.)

סאַמואיל: א נייעס! וואָס הייסט, ווענמענס זוהן ער איז?
ביזט משוגע? (עטי קומט פון דיא טרעפּ.)

ציליע: ביי קיינעם איז דאָס קיין נייעס ניט, נור ביי דיר...
דוא האָסט זיך נאָך ניט אַנגעשטויסען, אז ער איז דעם אַפּיציר
בעלואַסאָווס זוהן?

סאַמואיל: בעלואַסאָוו'ס זוהן?

ציליע: דוא גיב נאָר אַטראַכט מיט דיין קלוגען קאָפּ, ווערסט
דוא פערשטיין דיא גאַנצע געשיכטע... חכם!

סאַמואיל: האַ? אַזוי גאָר? אַה, איצט פערשטיי איך. (לאָזט

קריסטמאס פרעזענט (שלעפט ארויס פון דער טאשע) זעהסט, א גאלדענע קרעסט.

ח ו ה: איהר זעהט, וואס ער האנדעלט?

ר א פ א י ל: דוא דארפסט עס ניט, האב איך דיר עס ניט געקויפט... איך דארף עס אויך ניט, וועל איך פאר מיר דאס ניט קויפען... נאטאשא אבער מיינט, זיא דארף עס... עס וועט זיא פרייען, האב איך איהר געקויפט... עס קאסט ניט קיין מיליאן—אין גאנצען צעהן דאלאר.

נ א ט א ש א: גוטער הערר, גאטט וועט אייך בעלאהנען... מיר האבען אללע איין פאטער אין הימעל. (קושט דעם קרייץ.)

ר א פ א י ל: דיר געפעלען ניט דיא אמעריקאנער קאלאשען, האב איך דיר אויסגעשריעבען פון רוסלאנר, טיעפע, דאמסקי קאלאשען... אנגעקומען מיט דער פאטשט... נא! (ווארפט צו איהר א באנדעל.)

ח ו ה: רוסישע קאלאשען? דאס איז דוקא גוט... אין דיא אמעריקאנער קאלאשען קריעג איך באלד דעם קאטער... אז מע דארף דא אומגעהען אין שניי און אין בלאטע... קיין טראטואַרען ניטא...

ר א פ א י ל: (בייז) איך וועל הייסען דא אויף דער פארמע מאכען דיר טראטואַרען.... נאטאשא, געדענקסט, וויא מען מאכט ווארעניקעס?

נ א ט א ש א: איך געדענק ניט, ראפאיל מאיסעיעוויטש...

ר א פ א י ל: אנשטאט אנצוגיסען דעם סאמאוואר מיט וואסער, ווענסט דוא איהם אנגיסען מיט רויטען וויין... און עס קאכט זיך... מע ווארפט אריין לאקריצע, נעגעלאך, באקסער סאלץ... אט דא איז דאס אין דיא פעקלאך...

ח ו ה: א נויטיגע זאך, ווארעניקעס!

ר א פ א י ל: עס איז ניט נויטיג, הא? קום, ניאניע, איך וועל דיך לערנען, וויא מע מאכט ווארעניקעס... (ער און נאטאשא אב.)

צ י ל י ע: נאר דוא טשעפעסט זיך צו איהם, וואס ביזט דוא אזוי אונצופריעדען?

אלבערט'ן) נייז, דאס קינד האט גארנישט ניט פערשטאנען...
(ראפאיל קומט.)

ר א פ א י ל: אהער! חא! חא! חא! עטי, וואס לאזטו דיין שווער און שוויגער דארטען אליין שפיעלען זיך אין קאמער, קאמער הויז. (אפרים אוןביילע קומען) דא וועלען מיר זיצען אללע. ציליע, זאל מען אונז געבען טיי אהער (ציליע אב, באלד צוריק) סאמואיל, עפפען, דארט שטייט א פלאש ראם (סאמואיל טהוט עס) זיצט! נו, מחותן, וויא געהט עס? איך וועל זיך וועטטען, איהר דארפט איצט א פינפ־און־צוואנציגער אויסצוקויפען זיך צוריק פון דער יוניאן, הא?

ב י י ל ע: אי, מחותן, וואס רעדט איהר? ער איז דאך איצט פערקאכט אין זיין יוניאן... מע הערט פון איהם נאר סקעב, קאנסטיפושען, ארגאניזוישען, שמארגאניזוישען. און אז א נייער נעמבער וויל אריין צו זיי, בריקעט ער זיך מעהר פון אללע (נאטאשא און א יונגע דיענסט ברייננגען טיי, ראפאיל גיסט ראם אין דיא גלעזער).

ר א פ א י ל: אזוי? ער בריקעט זיך מעהר פון אללע? עטי, דוא וועסט עס גלויבען?

א פ ר י ם: יא! ווארום, אויב מיר, אלס ארגאניזירטע ארגאניזוישענס וועלען ניט זעהן, וויא וועדליג דער טרייד „אוניזמוס" און נאך דיא רולס גאה, וועלען דאך טאקי... נאר איהר, מחותן, וועט עס ניט פערשטיין, איהר זייט דאך א קאפיטאליסט... נייז, איך האב צו אייך איין אנדער ביזנעס: איך וויל עפפענען אויף הויסטאן סטריט א קאנסערוואטאריע אף מוזיק, אזוי טאקע פיין... עס זאל זיך רופפען דהע קרעמענטשוג קאנסערוואטאריע אף מוזיק אף נויארק... הם... אט געהט גרעגואר, איהם שמעקט ניט דער פלאן... שפעטער. (גרעגואר קומט מיט דיא טרעפ, רויכערט.)

ג ר ע ג ו א ר: פאפא, א גוטען סיגאר (גיט איהם א סיגאר, אפרים שטרעקט אויך אוים דיא האנד) וואס דארפסט דוא א סיגאר? איבערפיהרען? (גיט ניט).

ר א פ א י ל: איך וויל ניט, דוא רויכערסט צו שוואכע סיגארען... איך וועל בעסער פעררויכערן איין פייפקע... מחותן, אפשר

אראָפּ אלבערט'ן פון דיא הענד) אזוי? (קוקט אויף אלבערט'ן) ווייס איך, וואָס הארט מיך? א קינד איז א קינד. (נעמט צוריק אויף דיא קניע אלבערט'ן, עטי קומט.)

ח ו ה: (בעמערקט זיא) ציליע! (ווינקט) האסט ניט פערגעסען מיר קויפען הערפינס?

ע ט י: (רוהיג) ציליע, קום אהער (בייגט זיך אָן צו דיא באַנדלעד) איהר האָט געקויפט קארטען? וואו זיינען דאָ דיא קארטען? (ציליע גייט צו און הערפט איהר זוכען) (שטיל) וואָס האסט דוא דאָס געטהון?

צ י ל י ע: וואָס מיינסט דוא?

ע ט י: וואָס האָסט דוא דאָס געטהון? פאר וואָס ווילסט דוא דעם קינד פערגיפטען זיין לעבען? וואָס האָסט דוא צום קינד?

צ י ל י ע: צום קינד האָב איך גאָר ניט.

ע ט י: וואָס פאר א רעדע האלסט דוא דאָס אין זיין געגענוואַרט?

צ י ל י ע: וואָס מיינסט דוא עס איז א סוד? אלע ווייסען שוין...

ע ט י: יא, עס איז געווען גענוג דוא זאָלסט וויכען ווייסען שוין אללע.

צ י ל י ע: ווילסט ווייסען ווארום איך דערצעהל אללעמען? חע! חע! איך וויל מע זאָל אללעס פון דיר ווייסען, ווייל טאַמער וועט זיך מיט מיר טרעפען אזא געשיכטע, זאָל מען מיך ניט רע־כענען ערגער פון דיך, חא! חא! מיט דיר האָט זיך געקענט טרע־פען, קען זיך דאָך מיט אן אנדערן אויך טרעפען... איך בין אויך ניט מעהר וויא א לעבעדיגער מענש... חא! חא! חא!

ע ט י: ציליע, דיין לאַכען איז נאָך שענדליכער פון דיין רעדען!

צ י ל י ע: מאַך מיר ניט קיין גוגו אויגען, וועסט מיך נאָך אמאָל ניט דערשרעקען!

ע ט י: (שטיל, אָבער זעהר ענערגיש) ציליע, איך האָב מורא, עס וועט קומען א צייט, ווען איך וועל דיך דערשרעקען, דאן... וועה וועט זיין פאר אונז ביידען! זעה, וועסט חרטה האָבען! גנה, דער פאפא קומט (ציליע געהט שטיל צו דער מוטער. עטי קוקט אויף

ע ט י: ווילסט אַ גלאָז מילך?

אַ ל ב ע ר ט: ניין, איך וויל גאָר ניט... נאָר שלאָפן.

ע ט י: גייה שלאָפן... אָנקעל סאַמואיל וועט דיך נעמען.

ס א מ ו א י ל: עטי, עס איז גאָר ניט... ער האָט זיך אָנגעהאַרע־וועט און וועט באַלד אַנשלאָפן ווערען ווייא אַ געקוילעטער חזריוק... אַנו, ווער פון אונז וועט גיכער אַרויפלויפען מיט דיא טרעפּ אַרויף... איינס, צוויי, דריי! (לויפּט, אלבערט גייט לאנגזאם.)

אַ ל ב ע ר ט: ניין, איך וויל איצט ניט לויפען. (סאמואיל פיהרט איהם ביי א האנד. ביידע אב.)

אַ פ ר י ם: איך וואָלט געטרונקען נאָך אַ גלאָז פּונש... אַ תענוג! עס וואַרעמט, ווייא מע ליעגט אויף אַ לעזשאַנקע... מחיה נפשות... אַה! מיך בעט מען ניט, אָבער איך נעם און שפּיעל אַליין.

ח ו ה: טאַקי שפּיעלט פון מיינעטוועגען עפּיס אַ גוטע קלאַסישע זאַך. (אפרים נעמט דיא פידעל פון דער פּיאנאָ.)

ר א פ א י ל: יאָ, שפּיעלט איהר יעחאָוו קאַזאַק זאָ דונאַים מיט וואַריאַציעס... חאַ! חאַ!

ע ט י: איך וועל געהן זעהן וואָס טהוט דאָס קינד.

ג ר ע ג ו א ר: זייַ, עטי, איך וועל געהן. (זיא לאָזט איהם ניט. אב.)

אַ פ ר י ם: מחותנת'טע, איך ווייס, איהר האָט ליעב אַ גוטע יודישע זאַך, איך וועל אייך שפּיעלען אַ „זייגעזונד" פון דיא שקלאַוּוער בלי־זמר, אָהן סטיקאַטאַ, אָהן פּוטשיקאַטאַ, אָהן פּלאַזשעלעטאַ, אָבער זיס, מיט געפיהל, מיט אמת'ע יודישע איינפאַלע.

ר א פ א י ל: קאַטאַי, בראַט, קאַטאַי! גרעגואַר, דיין פּונש ווערט קאַלט.

אַ פ ר י ם: (מאיעסטעטיש) זאָל זיין שטיל! (שטעלט זיך אין א פּאָזע און ווייא ער וויל נאָר אָנפאנגען, א גערויש, פיעל גלעקלאך, פערשיעדענע קינדערשע טרובעס, א גרויסע שליטען פאָהרט צו פולל מיט מענשען, א געשריי, א געלעכטער.)

ר א פ א י ל: (חאַפּט זיך אויף) אהא! זיי זיינען דאָ! נאַטאַשאַ, דיא וואַרענוכע אהער! ציליע, אהער דיא פּעקלאַך מיט לעקאַח, ניס, מאַנדלען. (עס קומען אריין פיעל באָיעס און גוירלס מיט א פּרווי-

וועט עס אייך שמעקען (גיט איהם דיא סיגארע. פעררויכערט א פייפ) חברה, מיר האָבען דאָ דיא גאַנצע קאַפעליע, טאַמער וואָלט מען אונז א ביסעל געגעבען קאָנצערט... א נו ציליע מיט גרעגואר'ן.

צ י ל י ע: היינט, וויא עס זעהט אויס, וועל איך מיט איהם קיין דועט ניט שפּיעלען.

ג ר ע ג ו א ר: פּאַפּאַ, איהר האָט שוין אונזערע קאָנצערטען גע־הערט געגוג... אָט זאָל אלבערט שפּיעלען... ער האָט טאַ־לאַנט... עטי, זאָל אַלבערט שפּיעלען? (דיא גאַנצע צייט פערליעבט אין עטי'ן.)

א ל ב ע ר ט: (מע הערט וויא ער פרעגט סאמואיל'ן) אָנקעל, איז רוסלאַנד זעהר ווייט פון דאַנען?

ס א מ ו א י ל: רוסלאַנד? 77 טויזענד מייל... אפשר נאָך מעהר, וויא איך בין א יוד.

ג ר ע ג ו א ר: (נעמט אלבערט'ס פידעל) אלבערט, קום אהער, דער גרענפּאָ וויל הערען וויא דוא שפּיעלסט. (אלבערט ריהרט זיך ניט פון אָרט, אללע שווייגען) נו? דו!

א ל ב ע ר ט: מאַמאַ, פּליז, מע דארף ניט, איך בין זעהר מיעד.

ס א מ ו א י ל: ער איז טאַקי מיעד, מיר זיינען היינט אויסגע־לאַפען אפשר 35 טויזענד מייל

ג ר ע ג ו א ר: געה, שפּיעל, אז מע זאָגט דיר!

א ל ב ע ר ט: ניין! ניין! ניין!

ג ר ע ג ו א ר: וואָס איז דאָס? זאָ וואהר איך לעב, איך פערשטייי ניט.

ע ט י: אַלבערט, אהער גיי! נעם דאָס פיעדעלע און שפּיעל (אל־בערט נעמט דאָס פידעלע און שטעלט זיך שפּיעלען.)

א ל ב ע ר ט: (לאָזט פלוצלונג אראָפּ דיא הענד) מאַמאַ, מיר טהוט וועה דער קאָפּ... איך וויל געהען שלאָפען.

ס א מ ו א י ל: קום, יונגער מאַן, איך וועל דיך אויסטהון און איינפּאַקעווען גוט.

ר א פ א י ל: (טאפּט זיין קאָפּ) קיין היץ האָט ער ניט. פּוסטיאַקי! נאָ, גיב א זוּפּ אַביסעל פּונש (אלבערט וויל ניט.)

צ י ל י ע: עס איז שוין יעצט שפעט, האסט געדארפט זיין א חכם פריהער. (זאָגט איהם עטוואָס אויפ'ן אויער.)

ג ר ע ג ו א ר: (ערשראָקען אויף טויט) עס קען ניט זיין? אי! וועה איז מיר.

צ י ל י ע: ווען עס האָט זיך געטראָפען מיט עטי'ן, האָסט דוא זיא גענומען קיין אמעריקא, ווילסט אפשר מיט מיר פאָהרען צוריק קיין קרעמענטשוג?

ג ר ע ג ו א ר: וואָס גלייכסט דוא זיך צו עטי'ן? אי, וועה איז מיר! איך וועל דאָס ניט איבערלעבען... א סקאנדאָל... דער אַלטער... עטי! איך וועל זיך מוזען שיעסען, פערגיפטען.

ר א פ א י ל: אזוי וויא א שטורם, אנגעפלויגען און פערביי.... (קומט צוריק.)

א פ ר י ם: וואָס הייסט, איהר צאָהלט זיי דערפאר? אויך מיר מוזיקער!

ר א פ א י ל: קיינע כלי זמר — אַלע פאַרמערס. זיי מאַכען היינט א פּאָר דאָלאר פיר אָרעמע. זיי זיינען גוטע מענשען, נאָר מע קען זיי גיך ניט צוקאיען... ביי א רוסישען מוזשיק איז איבער'ן הארצען נאָר א לייווענדענע העמד פערבונדען מיט א שטריקעל, קען מען גרינג צוקומען. דאָ טראָגט ער א געפלאָכטענע לייבעל, א געפּרעסטע העמד, א זשילעט, א פּידזשאק. דיא ציוויליזאציע האָט איהם פערקנעפּעלט דאָס הארץ מיט צופיעל קנעפלאך. קען מען לייכט ניט צוקומען... אָבער דאָס הארץ איז דאָ... (עטי קומט) אי, עטי, וואו ביזט דוא געוועזען, דוא נאַרר... וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון!... נו, קינדער, איצט וועלען מיר אליין אביסעל פערברענגען... נאַטאַשאַ, גיב אונז אויך צו גלעזער ווארענוכע... הער נאָר, דוא, עטי, פאר וואָס זאָלסט דוא אונז ניט זינגען עפּיס, הא?

ג ר ע ג ו א ר: עטי, איז אלבערט פערקיהלט?

ע ט י: ניין! ערשט אנשלאָפען געוואָרען... האָט ניט געוואָלט אראָפּגיין. אז מען איז פריילאך און מע לאַכט, זאגט ער, טהוט מיר וועה דער קאָפּ...

ר א פ א י ל: נאַטאַשאַ, דוא געדענקסט אז עטי איז געוועזען א קליי־

ליכען געלעכטער, אלטע פארמערס מיט גרויע בערד און געגאָלטע שנור־בענדען, עטליכע דערפישע מוזיקאנטען (א פידעל און צוויי באנזשעס) אללע אין ווינטערדיגע קליידער, פערוויקעלט מיט שארפען און שאלען. אללע גריסען זיך, אייניגע שרייען: העללאָ סאנטא קלאס! אנדערע זאָגען: העללאָ, רושיאן דזשענטלעמאן. זיי זעצען זיך וויא ווער עס וויל, נאטאשא טראָגט אריין א סאמאָוואר, אללע שרייען: הוררעי! איינער זאָגט: איט איז א פייער אינזשען. געלעכטער, דער אנדערער: איט איז א רושיאן סטימער. נאטאשא און נאָך א דיענסט דערלאנגען יעדען א גלאָז ווארעניכע, ציליע טראָגט יעדען ניס און קענדי. עטליכע ארבייטער און שאבעלסקי קומען אויך אריין. מע טרינקט דיא ווארעניכע; איינער: אָה, נייס! דער אנדערער: א רושיאן קאקטייל, שטעלט צוריק דיא גלאָז, שטימען; לעט אָז העוו סאם מוזיק! דיא מוזיקער הויבען אָן שפּיעללען און אללע זינגען... „דהע אלד קענטוקי" און אנדערע סאָנגס. אָבגעזונגען הויבען זיי אָן שפּיעלען א טאנץ, אללע ווערען בעגייסטערט. סאמואיל קומט פון דיא טרעפּ, א גוירל חאפּט איהם און שלעפּט טאנצען, א באָי נעמט ציליע'ן, איין אלטער שלעפּט ביילע'ן. א שעהנע גוירל חאפּט ראפאיל'ן און צווינגט איהם טאנצען... ער טאנצט אזוי דאָס אלע אפּלאָדירען און שרייען בראַ־וואָ. אפרים ווערט פריילאך, חאפּט דאָס פידעל און שפּיעלט מיט. גרע־גואר זעצט זיך צו דער פּיאנאָ און אקאָמפּאנירט. אלע טאנצען לעבעדיג, ביז איינער גיט א געשריי: סטאפּ! אין איין אוי־גענבליק טהוען זיך אללע אָן, שרייען גוד נייט און לויפען פאָרט מיט געשרייען. איין אלטער פארמער דריקט ראפאיל'ן דיא האנד, ראפאיל גיט איהם געלד, אללע גייען צום פענסטער און קוקען וויא דיא געסט פאָהרען אָב זינגענדיג „דהי אָלד קענטוקי". נאָר גרעגואר בלייבט ביי דער פּיאנאָ און פאנטאזירט שטיל. ציליע געהט צו איהם צו.) (עס הערט זיך ווייט דאָס געזאנג פון אָלד קענטוקי...)

ציליע: נו, הערר ארטיסט, איהר פאנטאזירט, הא? גענוג פאנ־טאזירען!

גרעגואר: אוועק! איך בין בייז, זאָ וואהר איך לעב, איך בין שטארק בייז... איך וויל צווישען אונז זאָל אללעס זיין געענדיגט. און דוא זאָלסט סטאָפּען דיינע וויזיטען קיין נויארק...

וויא לאנג מוז איך ליידען
אום דיין שטראף צו פערמיידען
אה, מיין גאטט!
דוא פערצייהסט יעדע זינד
נאר דער מענש האסט בלינד
צו יעדער צייט...
אה, שווער צו לעבען
פון פיינדע אומגעבען...
און מיין פריינד איז ווייט,
מיין פריינד איז ווייט,
אה, מיין גאטט, מיין גאטט!
(זעצט זיך און פארדעקט איהר געזיכט. אלע בלייבען שטיל. פויזע.)

ר א פ א י ל: איך האב געזאגט פריער, איך בעט יעצט און עס העלפט ניט, טשארט וואזמי. איהר ווייסט, ווי מיר איז גרינג צו בעטען! פאר וואס זאלען מיר ניט לעבען צוזאמען? אט איהר האט געזעהן דא דיא פארמערס.

ח ו ה: נו, יא, א גליק וועט אונז טרעפען...

ר א פ א י ל: דיך פרעגט מען ניט! אז אלע וועלען זיין אין פארמע, וועסט דוא אויך זיין..

ס א מ ו א י ל: זאגאר דיא פייפערס לאכען פון דיא פארמערס און מאהלען פון זיי טויזענדער מיליאנען קארריקאטורען.

ר א פ א י ל: ווער לאכט? ליידיגגעהער, פאראזיטען... זיי פרעסען דארט דעם פארמערס קארטאפליעס און לאכען פון איהם.

ס א מ ו א י ל! דוא זאלסט מיר אפילו צוזאגען 27 טויזענד גליקען וועל איך זיצען דא?...

ב י י ל ע: אזא גוטס! איך ווייס, וויא ביי אונז דיא רייכסטע פאמעשציקעס...

ח ו ה: וואס ווייסט איהר? עס איז דען זיינס שוין? פערמארטגיידזשד, פערמשכנ׳ט, פערזעצט, געמאכט א תכלית.

צ י ל י ע: איך דארף דיר זאגען, פאפא, אויך איך בלייב דא ניט מעהר... אויב פיעל וועל איך דא קענען זיצען נאך א וואך.

נע פלעגט זיא זינגען דיין ליעדעלע (ער זינגט וויא א קינד און נאטאשא וועלכע גיסט ווארענוכע ביים סאמאוואר זינגט מיט), חאטש בי דיוומשינא, חארנא אי, באזשע מאי, א טא רודדא טא פאהאנא, אי, באזשע מאי.

ע מ י : פאפא, דאס איז געווען אמאל, זעהר לאנג, איצט אבער... איך האב שוין פערגעסען וויא מע זינגט.

א פ ר י ם : איהר דארפט אייך ניט שעהמען, וואס מיר מוזיקער זיינען דא... זינגט פראסט, וויא פאר פראסטע מענשען.

ג ר ע ג ו א ר : זיא איז מוזיקאלישער פון דיר, עמי, זינג, דער פאפא הייסט...

ר א פ א י ל : אמאל פלעג איך הייסען, איצט בעט איך. (טרויריג) יא, איך בעט, און מיין בעטען העלפט שוין אויך ניט...

ע מ י : פאפא, איך וועל דיר זינגען א קליינעם ראמאנס מיט'ן נאמען „מיין געבעט צו גאטט."

זינגט: פריה אין'ם מארגען
שטעה איך אויף מיט זארגען,
אה, מיין גאטט!
און ביי נאכט דיא שטערן
באגעגען איך מיט טרערען,
אה, מיין גאטט!
עס בלוטיגט מיין הערץ
פון שאנדע און שמערץ
צו יעדער צייט.
איך וואנדער ארום
וויא בלינד און שטום...
מיין פריינד איז ווייט,
מיין פריינד איז ווייט
אה, מיין גאטט, מיין גאטט.
צו דיר מיין געבעט
שיק איך יעצט און בעט
אה, מיין גאטט!

צ י ל י ע: יעצט איז ניטא קיין טריין!

ר א פ א י ל: וועסט פיער, פינף שעה ווארטען אויף דער סטאנ־ציע.. דא ביי מיר ניט, וואו!

ח ו ה: וועה איז מיר! ווייסט ניט, וואס, ווער, וועמען — טרייבט!

ר א פ א י ל: אויב עס איז גאר ניט! אויב זיא רעדט נאר אזוי, קען זיא ניט זיין דא מעהר. איך בין נאך א קרעמענטשוגער! (עפענט דיא טהיר) ארויס פון דאנען! (ציליע אָב.)

ח ו ה: איך וועל דא ניט זיצען מיט דיר... איך וועל זיין מיט דיא קינדער אין שטאדט, וועסט קומען צו אונז, ניש קשה... וועסט זיך לאנג ניט בריה'נען!

ר א פ א י ל: (א קלאפ אין טיש) איך וועל קומען? מאדאם, פון דאנען וועט מען מיך פיהרען אויפ'ן בית עולם!

ח ו ה: וויא דוא פערשטייסט... איך וועל זיין מיט מיינע קינ־דער. (אָב)

ר א פ א י ל: איהר זעהט, ר' אפרים, א פנים איך בלייב אין אמעריקא אהן א קאפעליע. (פערקנייטשט זיין שטערען) נו, אונזער קריסמאס באלל איז ניט זעהר געראטען... איך מיין, איהר מעגט אלע גיין שלאפען. (סאמואיל ראש אב.)

א פ ר י ם: מכח דעם משא ומתן... (ראפאיל הערט ניט. פערטיעפט אין זיינע געדאנקען)

ב י י ל ע: אי, דולל איהם איצט ניט דעם קאפ.

א פ ר י ם: מכח דיא קרעמענטשוגער קאנסערוואטאריע אף מו־זיק אף ניו יארק.

ר א פ א י ל: א גוטע נאכט... (אפרים און ביילע אב.)

ג ר ע ג ו א ר: עטי, קום, פאפא, זא וואהר איך לעב, מיר טהוט זעהר לייד... איהר ווייסט ניט, עס געבען מאמענטען אין'ם לעבען פון איין ארטיסט... ווען... אללעס... באלד אויפ'ן ארט דיא גאנצע ווארהייט... און... זאל זיין וואס עס וועט זיין... אה! האט א גוטע נאכט... (געהט ביז דיא טרעפ.) דיא ווארהייט זאגען וועט נאך זיין צייט... ווייס איך וואס עס קען זיך נאך טרעפען ביז

ר א פ א י ל : אזוי ? ווע‏סט ניט קענען זיצען ? וועלען מיר דיך לערנען, וויא אזוי מע זיצט...

צ י ל י ע : מיין ניט, אז דוא וועסט מיך דא האלטען מיט גע־וואלד איך פאהר ארוים קיין נויארק.

ר א פ א י ל : דאס וועלען מיר נאך זעהן !

צ י ל י ע : איך פאהר ארוים קיין נויארק.

ע ט י : קיין נויארק ? וואס זשע, ציליע, וויא איך זעה, ציהסט דו ביסלעכווייז צוריק דיין ווארט.

צ י ל י ע : זיא האט זיך דערמאהנט ! איך האב שוין מיין ווארט לאנג צוריק גענומען.

ע ט י : (גאנץ רוהיג) איך האב דיר איין מאל געזאגט און זאג דיר יעצט נאך אמאהל... צום לעצטען מאל; ציליע, זעה, זאלסט נאכדעם קיין חרטה האבען, עס וועט זיין שפעט.

ר א פ א י ל : וואס איז דאס ?

ס א מ ו א י ל : פאפא, עס וועט טאקי 20 טויזענד מאל בעסער זיין, אז דוא וועסט ציליען ניט לאזען אין שטאדט. ווארום ווען זיא קומט קיין ניו יארק...

ע ט י : ווייסט דאך, פאפא, זיינע גוזמאות. (שטיל) ציליע, געדענק, וואס איך זאג דיר !...

ס א מ ו א י ל : זאל איך פלאצען אויף טויזענד שטיקער אויב דאס איז א ליגען...

ר א פ א י ל : וואס מיינסט דוא דערמיט ?

ח ו ה : וואס ער זאל ניט מיינען, איז א ליגען !

צ י ל י ע : און אויב עס איז וואהר, איז וואס ? אמעריקא איז ניט ראסיע און ניו יארק איז ניט קרעמענטשוג. דא האט מען ניט זעהר שטארק מורא פאר א חטא און מע שרעקט זיך ניט נאכדעם זעהר שטארק פאר א סקאנדאל...

ר א פ א י ל : אזוי ? א חטא און א סקאנדאל איז דא גאר ביום ? ביזט גערעכט, דיין פלאץ איז אין ניו יארק. נאטאשא, זאג שא־בעלסקי'ן, ער זאל באלד שפאנען דיא פערד. באלד פארט פון מיין הויז... שוין ! דיא מינוט !

דיך דאָ, יונגער מאַן, און נומיר זיך אביסעל דורכשמועסען... ווארום עפּים ווילסט דוּ גערהען קיין רוסלאַנד, הא? (אלבערט שווייגט, עטי קומט שטיל מיט דיא טרעפּ.)

ע ט י: (שטיל) ארעמער פּאפּא, איך ווייס, ער זיצט דאָ יעצט געוויס אליין...

ר א פ א י ל: ווארום שווייגסט דוּא, אלבערט?

ע ט י: דאָס קינד איז דאָ מיט איהם? (פאלט צו צו דער באריער פון דיא טרעפּ און תערט זיך צוּ.)

א ל ב ע ר ט: איך וויל אוועקגעהען פון דאַנען קיין רוסלאַנד און קיין מאָל זיך ניט אומקעהרען. דאָ האָט מיך קיינער ניט ליעב, אויסער אָנקעל סעם, און איך ווייס שוין, מיין פּאפּא איז דאָרטען...

ע ט י: (שטיל) אי! וועה איז מיר!

ר א פ א י ל: אַהו! ווען איך זאָל דיך קענען נעמען פאר א האַנד און געהן מיט דיר קיין רוסלאַנד זוכען דאָס פערלאָרענע גליק... קינד, דוּא האָסט דאָרט פערלאָרען דיין פאטער און איך האָב דאָרטען פערלאָרען מיינע קינדער... אָבער, אָלבערט, מיר וועלען אין רוס־לאַנד גאָר ניט געפינען... נאָר קברים פערוואָרפענע מיט שניי... אונז ביידען, אלבערט, האָט קיינער ניט ליעב... מיר האָבען ביידע קיינעם ניט אין דער גרויסער וועלט... ניט דאָ און ניט דאָרטען... (עטי איילט פון דיא טרעפּ.) (גאנץ ווייט הערט זיך דאָס ליעד פון „אָלד קענטאָקי"...)

ע ט י: פּאפּא, און וואו בין איך? אי, איהר צוויי קינדער... מיינע צוויי ליעבע, גוטע, אונגליקליכע קינדער! (אומארמט דעם פא־טער מיט איין האנד, אלבערט'ן מיט דער צווייטער האנד און דריקט זיי שטארק צו זיך און וויינט ביטער. אלע דריי וויינען. נאטאשא קומט, און וויל גיין מיט דיא טרעפּ ארויף, דערזעהט וויא זיי וויינען, זעצט זיך אויף דער ערשטער טרעפּ און וויינט שטיל. אלע בלייבען אזוי איניגע אויגענבליקען, עס איז שטיל, עס הערט זיך וויא עס קלינגט א זייגער צוועלף מאָל. דער ווינד רוישט שטארק, און דער שניי פאלט.)

פ א ר ה א נ ג.

יענע צייט... ציליע איז א מענש וואס קען ארויס טרוקען פון וואַ־סער און... אפשר וועט זיא גאַר שטאַרבען?

ע ט י: (בעטראַכט לאנג ראפאיל'ן) פאַפאַ, ווילסט אפשר מיר וואס זאָגען? זאָל איך בלייבען?

ראפאיל: געה שלאָפען... א גוטע נאַכט... (עטי מיט גרעגואר'ן גייען מיט דיא טרעפּ. ער קושט איהר האנד.)

ע ט י: ביזט עפּים צו שטאַרק פערליעבט. זעה נאַר, פיהלסט זיך מסתמא זעהר שטאַרק שולדיג... (ביידע אָב. נאַטאשא רוימט פון טיש.)

ראפאיל: (שטייט אויף) געה, וועסט מאָרגען אויפראַמען. (נאַטאשא געהט ביז'ן טהיר.)

נאטאשא: ראפאיל מאַיסיעוויטש, גוטער מענש, איך האָב אייך נאַר געוואָלט זאָגען, זאָלאנג איך וועל האבען כח, וועל איך אייך ניט לאָזען אליין... ניין! איך וועל אייך דאַ אליין ניט לאָזען.

ראפאיל: (פריינדליכער) א גוטע נאַכט, נאַטאשאַ. (צייגט אויף דער טהיר. נאַטאשא אב. ער פארלעשט אלע לאָמפּען, פעררוּיכערט זיין פּייפ, געהט אום לאנג פערטראַכט. ענדליך זעצט ער זיך אין א ווינ־קעלע און זיפצט. דיא שטוב ווערט בעלויכטען נאָר פון דעם שניי דורך דיא פענסטער, מע הערט וויא דער ווינד יאָממערט און מע זעהט וויא דער שניי פאלט. פּויזע. אלבערט אָנגעטהון ווארעם און מיט א שטעקען אין האנד געהט שטיל פון דיא טרעפּ, בעמערקט ניט ראפאיל'ן, נעמט שטיל זיין פידעלע פון דער פּיאנאָ און וויל געהן.) (גאנץ ווייט זינגט מען: „אלד קענטאָקי.“)

ראפאיל: (שטיל) וואָס ווילסט דוא טהון? (אלבערט דערשרעקט זיך.)

אלבערט: דאָס ביזט דוא, גרענדפּאַ? (יא.) איך וויל נעהמען מיין פידעל און אוועק געהן פון דאַנען... איך וויל געהן קיין רוסלאַנד...

ראפאיל: קיין רוסלאַנד געהן? הם! דאָס איז א פּלאַן. (געהט, נעמט איהם ביי דער האנד און זעצט איהם אנידער לעבען זיך.) זעץ

גאר אין דר׳ערד... ניין! איך וואלט ניט פאהרען צוריק, מע זאל מיר דארטען אפילו צוזאגען אלע נאכט א חתונה... אויך מיר א מדינה ראססעיע!...

ח ו ה: און איך ביינק זעהר נאך קרעמענטשוג...

א פ ר י ם: א כרך — קרעמענטשוג! וואס איז דארטען דא? גור אריה׳ס קאזארמעס? דא בין איך דאך מיר א גראף, א פאַמעשציק... דיא פאליציי האט מיך נאך איינמאל ניט געפרעגט צו איך האב א פאספארט און אז איך האב געוואלט, האב איך ניט געפרעגט ניט ביים פרעזידענט, ניט ביי דעם גובערנאטאר און האב מיר געגעבען א נאמען „פראפעסאר" און האב מיר אליין געעפענט א קאנזערוואטאריע אף מוזיק און איך בין מיר אליין דא אזא מיוחס וויא טשאיקאווסקי מיט רובינשטיינען.

נ א ט א ש א: און, וויא אזוי רופט איהר דאס, דיא... דיא יוניאן?

א פ ר י ם: ע! יוניאן איז נאר פאר פראסטע מענשען — איך בין איצט פערשטייסט דוא מיך, פראפעסאר פידלער... דירעקטאר „אף דהע קרעמענטשוג קאנזערוואטאריע אף מוזיק אף ניו יארק," „קאפעלמייסטער אף דהע אמאטיאר־גוגענאטען־ארקעסטער" צוליעב מייערבערן, וועלכער איז אויך געווען א יוד, חע! חע! מע קומט, מע טראגט קוואדערס, מיט האלבע דאלארס... מע פרעגט ניט... ווער קען דארטען אין דער קבצנישע מדינה צאהלען? דארטען איך זאל זיך אפילו שווערען מיט שבועות וחרמות וואלטען זיי דאך מיר ניט געגלויבט, אז דאס איז א קאנסערוואטאריע... פאר אזא מענשען וויא איך מיט א ספעציאלנאסט איז אמעריקא בעשאפען געווארען...

נ א ט א ש א: אונזער אלטער הערר האט ניט געטראפען אין אמעריקא... א, יעווא ארגאנאוונא, גאט זאל אייך ניט שטראפען דערפאר וואס איהר האט איהם אויף דער עלטער אלע פערלאזט.

(ציליע שרייט פון אנדערן צוממער: מאמא, קום אהער! חות ראש אב.)

ב י י ל ע: (מיט א גרימאסע צו אפרים׳ן) זיא טהוט זיך אן... זיא געהט היינט מיט גרעגואר׳ן אין דער אפערא. אי! עס איז א צרה מיט זייער אפערא.

פיערטער אקט

(א גרויסער צימער אָהן קארפעט, איין טישעל, עטליכע שטולען, צוויי אָדער דריי פיאנאָס. אפרים, פון דער קייליכיגער באָרד געמאכט, א שפאניאָלקע, אָהן א סיורטוק, שפיעלט מיט בעגייסטערונג א יודישע זאך, ביילע, חוה און נאַטאשא זיצען און הערען אויפמערקזאם, עס איז נאכט, גאז ברענט.)

אפרים: נו, ווייבער, עס איז גוט, הא? דאָס איז דער אמ'תער שקלאָווער „זיי־געזונד" אָהן פיטשיקאטע און עס שציפעט ביים פופיק, אָהן סטיקאטע און עס סטוקעט איבער'ן הארצען... יודיש! עכט יודיש!... איהר זעהט, נאַטאשא, א גויה, און א ריכטיגע יודי־שע זאך געפעלט איהר אויך... נאַטאשא, דוא פאַהרסט אוועק, האָב איך דיר געשפיעלט „זיי־געזונד"... דאָ אין אַמעריקא וויל איך זיך ניט גרוים האַלטען געגען דיר מיט דעם וואָס איך בין א יוד. אין אַמעריקא מעג מען אפילו אן אלטע גויה אויך רעכענען פאר א מענשען... דאָך א פרייע לאַנד!

ביילע: אי, נאַטאשאַ, איך בין דיר ניט מקנא, ווידער העצ־קען זיך איבער'ן ים ארויף און אראָפּ... פע!

חוה: דיך פערדריעסט ניט, מיך דאָ פערלאָזען? אזוי לאַנג געוועזן ביי מיר...

נאַטאשא: שיידען זיך פון מיין עטי איז מיר זעהר שווער... מיין הארץ ווערט צוריסען... און דער אַלטער הערר נעבאַך דאַרטען אליין... אָבער איך וויל ניט אין דער פרעמד שטאַרבען, זאָלען חאַטש מיינע אַלטע ביינער ליעגען אין דער היים...

ביילע: זעהסט, לעבען צווישען פרעמדע האָט זיא ניט מורא געהאַט און ליעגען אין דר'ערד צווישען פרעמדע האָט זיא מורא...

אפרים: נו, יאָ, ליעגען ווילט זיך מיט אן אייגענעם, דאָס הייסט,

גרעגואר: א דירעקטארשע פון א קאנסערוואטאריע זאל צו־נויפפאארען קלמן מיט קארמען! נאטאשא, וועסט פאהרען צו אונז? עטי וועט דארפען שפעט זיצען אליין (אפארט) דיא לעצטע צייט בעזוכט אונז צו אפט א בעקאנטער פיאניסט. ער איז א שעהנער יונג... זא וואהר איך לעב, עס איז בעסער ניט לאזען זיא אליין.

בייל ע: פאר וואס געהט ניט עטי מיט אייך אין דער אפערא?

גרעגואר: אז זיא דארף געהן געהט זיא, און אז זיא דארף זיצען אין דער היים, זיצט זיא אין דער היים... מייז נאמען און מיין געשעפט פאדערט איך זאל זיצען אויף א טייערן פלאץ... ווען זיא געהט אבער אליין, מעג זיא זיצען וואו זיא וויל... און אויסער דעם, איך מיט ציליען געהען ניט נאר פון פערגעניעגען וועגען, מיר זיינען פראפעסיאנעלע מוזיקער... ע... (געהט) ציליע, וועגען דעם קלאוויר אויסצוג... ע... (אב צו איהר אין צימער).

אפרים: נו, געה, לאז ניט!... ער פרעגט ניט און געהט... זיא טהוט זיך אן... אפשר איז זיא אהן א לייב־סערדאג נאך!...

נאטאשא: אי, גאטט, הפנים עס קומט דער שרעקליכער יום הדין, וויא דיא הייליגע שריפטען זאגען, אז קינדער וועלען אויפשטעהען געגען עלטערן, א ברודער אויף א ברודער, א שוועסטער אויף א שוועסטער... דער פאטער נעבאך...

חוה: נאטאשא, מיר טהוט הנאה וואס דעם אלטען געהט דארטען שלים שלימזל... נישקשה, ער וועט קליגער ווערען, און קומען צו אונז לעבען, וויא אלע מענשען. (מע קלינגט).

אפרים: ווער איז דאס? (עפענט) אה, מסתמא זיוזע קניפעל, זיא האט דא פערגעסען איהרע נאטען... (מע קלאפט) קאם אין. (עטי קומט, שעהן געקליידעט. זיא אטהעמט קוים.)

אללע: עטי!

עטי: פערשפעטיגט? זיי זיינען שוין אוועק אין דער אפערא? (אפרים קוקט אויף ביילען און שווייגט.)

נאטאשא: (ערשראקען) גאטט איז מיט דיר, עטי, וואס ווילסט דוא טהון?

אפרים: דיא צרה איז, וואס אויף איהר שטעהט דיא גאנצע קאנסערוואטאריע, אז ניט, וואלט איך איהר שוין לאנג א שפיעל געטהון אויף דער קווינטע. (צו נאטאשא'ן) איך האב געהערט, דער אלטער איז דארט גאר צוחליאבעט געווארען, הא?

נאטאשא: אללעס געהט פראחאם: א ראזזארעניע... ער האט ניט קיין הילפע, האט ניט זאגאר מיט וועמען א ווארט אויסרעדען. (ווישט זיך א טרער) זיין איינציגער פריינד איז יעצט אלבערט. זייט פאר א יאהרען קריסטמאס לאזט ער איהם ניט אב פון זיך... דאס קינד פיהרט אוים ביי איהם אללעס. (שטיל) ציליע, וויא איך זעה, שטיפט, הא? אי, עלטערן זאלען דערלאזען אזא זינד... לייבליכע שוועסטער, וועה איז מיר! און עטי נעבאך...

אפרים: א גרינגע זאך אין אמעריקא זאגען: דערלאז ניט! ער זאל מיך קומען פרעגען: טאטע, דערלאז... וואלט איך געזאגט: ניין, איך לאז ניט... א חאלעריע זיי אין דיא ביינער אריין, זיי דערלאזען זיך אליין (א גלעקיל, ער קוועטשט דעם קנאפ ביים טהיר.)

ציליע: (פון איהר צימער) זעהט, עס האט געווים גרעגואר גע־קלונגען! (חוה קומט צוריק.)

חוה: אי, האט זיא זיך אויסגעפוצט, נאר א לעדי פון דער פינפטער עוועניו! אמאל פלעג איך זיך אויך אנטהון וויא א מענש... און איצט... אי, וויא מע ווערט פערשווארצט אין אמעריקא.

אפרים: (קוקט ארוים פון טהיר) אונזער קדיש!... אי, ווען ניט דיא קאנזערוואטאריע אף קרעמענטשוג אף מוזיק אף ניו יארק! (מע קלאפט) נו. קאם אין! (גרעגואר קומט.)

ביילע: (אפארט) קוק איהם אן, אויך אויסגעפוצט וויא א חזיר.

חוה: ציליע טהוט זיך אן... אה, בין איך אייך מקנא — הערען דיא קאלווע אין אזא אפערא וויא קארמען... אויב מע וועט קענען אויסרייניגען און פיקסען מיין אפער'ן מאנטעל, וועל איך אויך אמאל געהען.

ביילע: נו, יא, אז דיא אפערא איז קלמן, איז מסתמא גוט.

(רעניגט איהר קלייד פון שטויב) איך צאָהל געלד און פריער פון אללע דארף מיר געפעלען. פאר וואָס האָסטו ניט אנגעטהון דיין דזשולערי?

עטי: איך האָב ניט געהאַט קיין צייט... איך האָב מיך זעהר געאיילט... גרעגואר, דער פּאָפּאַ איז געקומען און דארף דיך באלד זעהן.

גרעגואר: מיך? וואָס איז עפּעס?

ביילע: (ביים טהיר) יאָ, יאָ, קומט אריין, גרעגואר איז דאָ... אין דרויסען גאָר, האָסט דוא געהערט אביסעל! (אריין) זעה, וואָס דאָ טהוט זיך. (ווארפט זיך רוימען, ראפאיל עלטער און ארמער געקליידעט פיהרט פאר א האנד אלבערט'ן, ברענגט א סעטשיל.)

ראפאיל: (א שאָקעל מיט'ן קאָפּ צו אללע) העללאָ! נאטאשא, וואס מאכסט דוא?

ביילע: (צו אפרים'ן) דוא, בעל־הבית מיינער, וואָלסט אפשר אנגעטהאָן דעם סיורטוק!

אפרים: אין אמעריקאַ איז גוט אָהן א סיורטוק.

ראפאיל: יאָ, אז מיר קומען אין אמעריקאָ, טהוען מיר זיך אוים... און מע שעהמט זיך ניט.

אפרים: איך מיין, אין אמעריקאַ איז ניטאָ קיין מיוחסים, אלע זיינען גלייך... א פרייעס לאנד! ניט אזוי מחותן? נו, וואָס מאכט איהר?

ראפאיל: יאָ, יאָ, ניטאָ קיין מיוחסים... א פרייעס לאנד! אלבערט, טהו זיך אוים דערווייליע (העלפט איהם אויסטהון זיך).

עטי: פּאָפּאָ, זאָל איך איהם זאָגען? גרעגואר, דער פּאָפּאָ פרעגט מיך, וויעפיעל געלד דוא האָסט? דוא האָסט מיר קיין מאָל ניט געזאָגט און איך האָב ניט געפרעגט.

ביילע: פאר יעדען טויזענדער וואס ער האָט אין באנק זאָל איך האָבען א גוטען מזל'דיגען יאָהר, רבש"ע!

גרעגואר: ווּעמען דארף איך געבען רעכנונג וועגען מיין געלד?

ראפאיל: גאַנץ איינפאַך... פאר אייך דאַ וויל איך זיך ניט שעהמען... גבירים — דריי פאר א ניקעל! און ראפאיל דארף

עטי: (מיט א שמייכעלע) שרעק זיך נים, ניאניע, איך האב גע־
דארפט גרעגואר'ן בלויז װעגן א געשעפטס זאך. מיר האבן
געעסט... װיא גרעגואר איז נאר ארויס פון שטוב איז געקומען דער
פאפא... ער דארף גרעגואר'ן זעהר נייטיג... אי, ניאניע, אלבערט
איז א לעבעדיגער, געזונטער פארמער.

חוה: ראפאיל איז אין שטאדט? (געהט צום שפיגעל און ברענגט
אין ארדונג איהר טואלעט.) זיי זיינען נאך נים אװעק אין דער
אפערא.

ביילע און אפרים: דער מחותן איז געקומען! װאו איז
דער מחותן?

עטי: ער װארט דא אויף דער שטראסע, ער װיל אהער נים ארייג־
געהען... ער דארף מיט גרעגואר'ן רעדען א פאאר װערטער.

ביילע: װאס הייסט, ער װיל נים? האסט דוא געהערט א
ביסעל! ? (לויפט אב).

עטי: הייסט עס, זיי זיינען נאך נים אין דער אפערא?

חוה: ניין! ציליע טהוט זיך אן... דאס הייסט זיא איז שוין
לאנג אנגעטהון, נאר זיא קלייבט זיך צו... ער איז ערשט, נאר
װאס אריינגעגאנגען צו איהר...

עטי: איך האב געװאוסט, מיר װעלען זיי נאך טרעפען...
(קלאפט אין ציליעס טהיר) מעג מען איך אביסעל בעאונרוהי־
גען? (גרעגואר קומט, נאך איהם ציליע אנגעטהון צום גיין.)

גרעגואר: דוא דא? װאס איז? (עטי בעטראכט זיי און
שװייגט.)

ציליע: עטי, דאס איז דיין נייעס קלייד? אה, שעהן...
פראכטפאל...

גרעגואר: איא, שעהן? עס קאסט שעהנעס געלד, זא װאהר
איך לעב, מיין פרוי דארף געהן שעהן און רייך געקליידעט...
איא, עס פאסט איהר? און װען זיא האט עס אויסגעקליבען, האב
איך געװאלט מאכען א גאנצען סקאנדאל, זא װאהר איך לעב, א
קליין סקאנדאלטשיק טאקי געװען, עס איז מיר נים געװען געפעלען

מיינער! איך האָב דיר געזאָגט, מע דאַרף ניט פאַהרען! מע קען ניט מאַכען קיין שטריימעל פון אַ חזיר'שען אויער...

אַלבערט: (פריי) מיר ווע‏לען נאָך זעהן... ניאַניע, אפשר האָסט דוּ 12 הונדערט דאָלאַר? זאָל איך אַזוי געזונד זיין, מיר ווע‏לען דיר אָבגעבען (אללע, זאָגאר ראפאיל, לאכען, עטי קושט איהם.)

נאַטאַשאַ: אי, מיין קינד, ווען איך זאָל האָבען, נאַרעלע, אויב ראַפאַיל מאַסעיעוויטש וועט ניט בעקומען קיין געלד, וועל איך ניט האָבען מיט וואָס צו פאַהרען אַהיים...

גרעגואַר: זעה אַ יונג! אַ ריכטיגער פאַרמער! (קושט איהם) שוועהר, איך זאָג אייך גאַנץ אָפען. איך קען אַזאַ סוממע געלד ניט געבען, נאָר איהר בלייבט ביז מאָרגען... איהר וועט קענען נעהמען אַ טריין. און מיר ווע‏לען זיך מישב זיין... דאָ איז נאָך דאָ פערזאָנען, וואָס האָבען געלד, פאַר וואָס זאָלען זיי אייך ניט העלפען?

חוה: איך זאָג דיר! געלד!

ביילע: אי, אומשטיינס געזאָגט, געלד! (ראפאיל בלייבט זיי־צען פערטראכט.)

עטי: (שטיל) גרעגואַר, קום אַהער, דו ווייסט, איך האָב ביי דיר נאָך קיין מאָל, קיין זאַך, קיינע געפעליגקייט געבעטען, אָבער יעצט ווען דער פּאַפּאַ...

גרעגואַר: האָב שכל און מיש זיך ניט. דאָס איז ניט קיין ווייבערשע ביזנעס! דו האָסט דאָס וואָס דו דאַרפסט? זייַ און שווייג!

עטי: דער פּאַפּאַ בעט נאָר לייען.

גרעגואַר: נו, יאָ, איך וועל איהם געהן נאָכדעם לאָדען...

עטי: גרעגואַר, דער פּאַפּאַ, האָט דיר... אונז... געגעבען געלד און...

גרעגואַר: זאָ וואָהר איך לעב, איך האָב דיך געדאַרפט נעהמען אָהן געלד... איך זאָל דאַמאָלס מעהר שכל האָבען, וואָלט מען מיך ניט אָבגעהאַנדעלט מיט שיהע פּיהע... דו מיש זיך

צו זיי קומען רעדען פון געלד פראגען... טשארט וואזמי! צייטען
הא?

אלבערט: גרענדפא, האסט מיר צוגעזאגט ניט זיין בייז, האסט
פערגעסען?

ראפאיל: נו, יא, איך האב געווארט ביז דער לעצטער מינוט.
און אויב איך וועל מארגען ביז צוועלף ניט אריינטראגען אין
ניו הייווענער באנק פראצענט פאר'ן מארגייטש און א טהייל פון
קאפיטאל, ווארפט מען מיך שוין ארויס פון דער פארמע... איך
האב זעהר ליעב בעטען גמילות חסדים! יעדען שוויין בעטען! נאר
בלייבען אין דרויסען... אליין... א בעטלער... הם, אלבערט אפילו
זאגט, מיר זאלען נעמען רעוואלווערען און ביקסען און שיסען, ווען
זיי וועלען קומען אונז טרייבען... עס איז אבער קיין פלאן ניט...

ציליע: אפיצערסקי בלוט!

ראפאיל: איך דארף צוועלף הונדערט דאלאר... (פויזע.)

ציליע: הערר פרידלענדער, מיט מיר און דער מאמא זייט איהר
גאר ניט בעקאנט?

ראפאיל: (צו גרעגואר'ן) צוועלף ביי נאכט געהט דיא שיף אב
קיין ניו הייווען.

גרעגואר: הם, 12 הונדערט דאלאר? זא וואהר איך לעב,
עס איז א היבשע סוממע געלד! איך וועל אייך זאגען דיא וואר־
הייט, ווען איך זאל זאגאר האבען, וואלט איך ניט געגעבען... וואס־
צו? העלפען אייך נאך א יאהר פלאגען זיך? מיין געלד וועט זיין
פערלארען און דיא פארם וועט מען ביי אייך צונעהמען מיט א
יאהר שפעטער... עס איז צייט איהר זאלט ווערען פראקטישער!
איהר זייט ניט קיין פארמער...

ראפאיל: איך בין ניט געקומען צו דיר לערנען זיך פראקטיק!

גרעגואר: איך מיין אייער טובה, זא וואהר איך לעב...

ראפאיל: ווען איך טראג אריין מארגען דאס געלד, קען איך
אם ווענינגסטען, אויב איך וועל מוזען, פערקויפען אלעס און
רעטען א פאאר טויזענד דאלאר מיט פראצענט... און אויב אז
ניט... ע... (בייז צו אלבערט'ן) דאס ביזט דוא שולדיג, דיפלאמאט

ר א פ א י ל : איך דארף ניט קיין פרעמד געלד!
ח ו ה : איך בין געווען דער איינציגער מענש, וואס האט געהאט שכל אבבייסען ביסלאך ווייז ביי דער פארמע... ווען ניט מיין עקאנאמיע, א שעהן פנים וואלטען מיר יעצט געהאט.
ר א פ א י ל : פינאנסיסטען געווארען דא אין אמעריקא! הא? אלבערט, טהו זיך אן, מיר פאהרען שוין אהיים. (טהוט איהם אן.)
א פ ר י ם : הייסט עס, מחותן, אויב איהר בעצאהלט ניט מארגען איז אלעס אין גאנצען פערפאלען?
ר א פ א י ל : (בייז) יא, הייסט עס, מחותן.
א פ ר י ם : א ביטערע עבירה, וויא איך בין א יודיש קינד, ביי-לע, קום אקארשט אהער (רעדען ביידע שטיל.)
ע ט י : (שטיל אבער ענערגיש צו דער מוטער) איך וויים דאך, דוא ווילסט איהם אבגעבען דאס געלד.
ח ו ה : ווער? איך?
ע ט י : נו, יא, דוא! ער וועט אבער דיין געלד ניט נעהמען, וועסט איהם מוזען בעטען און שטארק בעטען....
א פ ר י ם : הערט מחותן, איך האב אין באנק 265 דאללאר.
ר א פ א י ל : 265 דאלאר! א גביר! איך קוק, וואס ער האט זיך געמאכט א פראנצויזישע בערדעל! זייט ניט קיין נארר, אייערע עטליכע פערהארעוועטע גראשען ווערען מיר וועניג העלפען.
א פ ר י ם : מיר וועלען מיט ביילען צונויפקראצען ביז דריי הונדערט... דיא מחותנ׳עסטע האט, שא בייזערט זיך ניט, דיא מחותנ׳עסטע האט זעקס מאות... גיט אויף איהר איין טאפע מיט׳ן פוס, האט איהר דאס געלד... (צושפיעלעט זיין זשילעט און לעגט לעבען ראפאיל׳ן זיין באנק ביכעל.)
ר א פ א י ל : טאפען מיט פוס? ניט דערלעבען וועלען עס מיי-נע שונאים! זיא האט געדארפט וויינען און בעטען איך זאל דאס געלד נעהמען און דאן וואלט איך עס ערשט ניט גענומען.
ע ט י : פאפא, דיא מאמא דארף דאס געלד ניט פאר זיך, זיא רעכענט, טאמער פערליערסט דוא דיין גאנצעס פערמעגען און

ניט אין געלד פראַגען, דאָס איז ניט דיין זאַך! (קוקט אויפ'ן זייגער.) אי, ציליע זאָ וואָהר איך לעב, מיר וועלען פערשפּעטיגען דיא אובערטיורע. אלזאָ איך וועל אייך דאָ טרעפען... עטי, דוא זאָלסט ווארטען דאָ, איך וועל ברענגען ציליע'ן אהיים און מיר וועלען פאָהרען צוזאמען... דו הערסט? איך וויל ניט, זאָלסט פאָהרען אליין אהיים... זאָ וואָהר איך לעב, דער פּיאַניסט מאכט דיר צופיעל קאָמפּלימענטען... חע! חע! אויפ'ם ווידערזעהען. (ביידע ראש אב).

(עטי בעגלייטעט זיי מיט א איראָנישען בליק און א פערדעכטיגען שמייכעלע.)

ר א פ א י ל : אזוי! אזוי איז דאס? (בייז) עטי, פאר וואס געהסט דוא ניט מיט זיי אין דער אָפּערא?

ע ט י : פאר וואָס? מע האָט געקראָגען נאָר צוויי בילעטען, נו, זיי זיינען מוזיקער, זיינען זיי בילכער.

ר א פ א י ל : אזוי? מען קען נאָר צוויי טיקעטס קריגען? קום, איך וועל פאָהרען מיט דיר אין דער אָפּער... מיר וועלען נעהמען אלבערט'ן, דער פארמער האָט דאָך נאָך גאָר ניט געזעהן. אז איך וועל בעצאָהלען צעהן דאָלאר פאר צוויי בילעטען, וועלען מיר האָבען וואו צו זיצען? נו, טאָ קום... איך וויל היינט זיין אין דער אָפּער מיט דיר.

ע ט י : (שמייכעלט) ניין, פּאַפּאַ, איך וויל ניט געהן אין דער אָפּער אויף צו להכעיס. לעג עס אָב אויף איין אנדערס מאָל. איצט איז ניט דיא צייט.

ר א פ א י ל : דו ווילסט נאָך ניט געהן אויף צו להכעיס? עטי, איך פערשטעה ניט, ביזט דוא אזוי שטאַרק, אדער ביזט א שמאַטע, וואָס לאָזט זיך טרעטען מיט דיא פיס? ברודער אלבערט, איך מיין, מיר מעגען פאָהרען אהיים, ביז מע וועט אונז ניט ארויסוואַרפען איז דאָרט אונזער היים, דאָרט!

נ א ט א ש א : פּאָטער אין הימעל, ארויסוואַרפען! בעסער וואָלט איך דאס ניט דערלעבט צו הערען.

ע ט י : מאַמאַ, איך וויים, דוא האָסט אין באַנק זעקס הונדערט דאָלאר.

כלי־זמר ! אויף מיין וואָרט, איך דאַרף זיך ניט שעהמען מיט דיר
(אומאַרעמט איהם שטאַרק, שטויסט פון זיך און ראָש אב.)

ח ו ה : (בעהאַלט איהר בייגק ביכעל) איך זאָל מיך ניט שעהמען, וואָלט איך מיט איהם מאַרגען געפאָהרען אהיים. קיין מאָל ניט געהאַט קיין דאגות, נאָך וואָס דאַרף איך דאָס ?

נ א ט א ש א : גוטע יעווא אראַנאָוונא, נאָך ניט צייט אויף איהם רחמנות האָבען ? און אויב איהר פאָהרט, פאָהר איך אויך צוריק. וואוהין וועל איך פאָהרען ? קיין ראָסיע ? וועמען האָב איך דאָרט ? איך האָב נאָר ניט געקענט צוזעהען וואָס דאָ קומט פאָר. יא ! מיר וועלען פאָהרען צוריק, מיר וועלען אכטונג געבען און איהם העלפען. און... איך וועל זיך דען קענען שיידען פון איהר ? (וויינט) פון מיין עטי׳ן, פון מיין קינד ? וואָס האָב איך אויסער איהר אויף דער וועלט ? (פאַלט עטי׳ן אויפ׳ן האַלז.)

ע ט י : טייערע, גוטע ניאַניע, איך האָב געמיינט, איך בלייב אליין... און דו פערלאָזט מיך ניט... (וויינען ביידע) ניין ? ניין ?

א פ ר י ם : מחותנ׳עסטע ! ביילע ! נו, און מכח כאַפּער הא ? איך לויף שוין אראָפּ (שנעל אָב זינגענדיג.)

ח ו ה : נאַטאַשאַ, דער אַלטער איז געוויס הונגעריג, אי, ווער גיט נעבאַך אויף איהם אכטונג דאָרט ? און מיר, מיינסט דו, איז גוט ? איך געה דאָך אוים יעדען טאָג ווי א וואַקס.

נ א ט א ש א : איהר פאָהרט אהיים ? פאָטער אין הימעל, ווי גוט דו ביזט צו אונז, זינדיגע מענשען (זיא און חוה אָב. א גלעקיל)

ב י י ל ע : עטיניו, טאָכטער מיינע, דו ווייסט, איך האָב דיך ליעב (קושט זיא.)

ע ט י : איך האָב שוין אזא גליק, אללע אלטע האָבען מיך ליעב

ב י י ל ע : איך בין דען אן אלטע ? שלעכטע דו. הער, (קוקט זיך ארום) איך האָב געוואָלט מיט דיר עפּים רעדען. (סאַמואיל קומט) אָה ! פון וואַנען קומט עס א יוד ?

ס א מ ו א י ל : העללאָ, עטי, איך האָב געהערט, אלבערט איז

קומסט אין שטאָדט לעבען, זאָלסט דוא ניט דארפען אַנקומען צו פרעמדע מענשען. אַבער אויב דו קענסט מיט געלד רעטען די פאַרמע, וועט זי געוויס ניט זיין דאַגעגען... פאַר וועמען דארף זי דען דאַס געלד? זיא וועט דיר אליין אַבגעבען איהר ביינק ביכעל, איאָ, מאַ־מאָ? וואו איז דיין ביינק ביכעל?

ח ו ה: (קעהרט זיך אב און שלעפט פון בוזים א ביכעל, וויינענדיג)

מען דארף איהם נאָך בעטען און וויינען! ער מיינט, עס איז איהם קרעמענטשוג!

ע ט י: עס רעדט זיך נאָר אזוי!... מע דארף ניט בעטען, דער פּאפּא האָט אליין פיינט צו בעטען און וויל ניט מען זאָל איהם בעטען... ער וויים וויא בעטען ערנידריגט (לעגט דער מוטערס ביינק בוך לעבען אפרימס ביכעל.)

א ל ב ע ר ט: נעהם ביידע ביכלאך און מאך ביזנעס וויא א גו־טער פארמער.

ר א פ א י ל: חא! חא! איהר הערט, וואס מיין אלטער פריינד זאָגט? דאס וואקסט דער ריכטיגער פארמער. איבערמוטשען זיך נאָר ביז ער וועט ענדיגען אן אגריקולטור שולע און וועט ווערען א מענש... נו, בעלי טובות מיינע, דערוויילע נעהמט צו אייערע אוצרות מיט געלד... (שמייסט פּאָרט ביידע ביכלאך) איך האב פיינד קבצנישע קאָללעקשאָנס. מיר וועלען שוין מאַרגען פּאָהרען מיט דער טריין, האָבען מיר נאך צייט צו הערען וואָס אונזער איידעם וועט אונז ראטהען צו טהון... דערוויילע, אלבערט, גיב נאָר א קוק, וואָס מיר האָבען איינצוקויפען... ביי דיר איז פערשריעבען, סעק־רעטאַר מיינער.

א ל ב ע ר ט: (נעמט פון דער טאשע א צעטעל) א פלאַש טערפּענ־טין, שטריק, א פלאַש שווארצען קארבאָליק עסיד און...

ע ט י: (קושט איהם ליידענשאפטליך) אי, מיין טהייערער, מיין זיסער פארמער!

ר א פ א י ל: נו, אלבערט, מארש! מיר קומען באַלד (געהט עט־ליכע טריט, שטעלט זיך אָב און קוקט אויף אפרים'ן) עי, דוא,

האבען עס אבגעגעבען אין, ווי א אזוי רופט מען דאס, א פינד־לינג הויז... זיא קאמאנדרעווועט איבער איהם און ער איז א גאר־נישט... אי! אויב דוא ווערסט שווייגען, וועט דערפון, חלילה, גאט ווייסט וואס, ארויסקומען שפעטער.

ע ט י: (רוהיג) אה, עס קען ניט זיין...

ב י י ל ע: עס זאל ניט קענען זיין, וואלט דאס ניט געווען.

ע ט י: פון וואנען ווייסט איהר דאס אזעלכע נייעס?

ב י י ל ע: דיא מחותנת'טע האט מיר בעשוואוירען איך זאל קיי־נעם ניט א ווארט... אבער זיא ווייסט, יעדעס פיצעלע... אי! שיינע בשורות...

ע ט י: דיא מאמע ווייסט אלעס? אה, איך גלויב ניט... דאס איז שוין צופיעל... (אין טיער) מאמע, זיי אזוי גוט, אויף איין מינוט (חות קומט פריילאך, א פארטוך איבער'ן קלייד.)

ח ו ה: מחותנת'טע, מיר מאכען מיט נאטאשא'ן לאדקעס. צו־ליעב דיא געסט וועלען מיר אויך געניסען. וואס איז, עטי?

ע ט י: מאמא, זעץ דיך אנידערע, (רוהיג) זאג מיר, איך בעט דיך, האסט דוא געוואוסט אז ציליע האט געבוירען א קינד?

ח ו ה: (ערשראקען) אי, א שלאג האט מיך געטראפען! מחותנת'־טע!

ע ט י: איך פרעג דיך: דוא האסט געוואוסט און געשוויעגען?

ח ו ה: זיא האט מיך ארייגגעשלעפט... איך וויים דען?...

ע ט י: דוא האסט געוואוסט און געשוויעגען?

ח ו ה: אין קרעמענטשוג וואלט איך פערברענט געווארען פון שאנדע און דא... איך וויים, פאר וואס דא שעמט מען זיך ניט?

ע ט י: דוא שעמסט זיך ניט און איך שעם זיך! איך שעם זיך, ווען איך האב געוואגט מיינען, אז קיין אונגליקליכערע פון מיר איז ניטא אין דער וועלט!... גענען מיין פאפא בין איך נאך א גליקליכע. איך לעב מיט גרעגואר'ן קארגע צעהן יאהר און ער האט מיט דיר, מיט אזא פרוי ווי א דוא, געלעבט זיין גאנצעס לעבען!

דאָ מיט'ן פּאָפּאַ, איך האָב 27 טויזענד מאָל געוואָלט שרייבן אַלבערט'ן און עס האָט זיך ניט געמאַכט. איך קום פון דער אָפּערע, קאַלווע האָט קאַטער, עס געהט ניט קארמען, האָב איך צוגענומען מיין געלד צוריק. 10 טויזענד מאָל געבלאָפט, היינט ניט. אוי! ביי דער קאַססע איז אפשר 12 טויזענד מענשען געשטאַנען... 40 פּאָליסלייטע, דריי אַמבולאַנסען, אַ פּאַטרול וואַגען. עס האָט זיך אָבגעטהון.

עטי: שפּיעלט מען היינט ניט „קארמען“?

סאַמואיל: ניין, „דיא מייסטערזינגער“... ווייסט דאָך, ווי איך האָב ליעב וואַגנערן, וואו זיינען זיי, האַ? (אָב אין אַנדער צימער.)

בּיילע: עטי, איך קלייב זיך לאַנג מיט דיר רעדען. איך ווייס, דו וועסט האָבען יסורים, אָבער מע דאַרף דאָך אַמאָל מאַכען אַ סוף.

עטי: „סוף“ איז זעהר אַ טרויעריגעס וואָרט. איך וויל פון „סוף“ ניט דענקען.

בּיילע: זיא האַלט דאָ דיא מאַמע, נאָר דיא אויגען צו פערשטעלען און דו שווייגסט...

עטי: וואָס זאָל איך טהון? זאָ לאַנג איך קען שווייגען, שווייג איך. זיא איז דאָ ניט געוועזען אַ פיער, פינף מאָנאַט אין נויאָרק, האָט ער זיך געפיהרט פיעל אַנשטענדיגער...

בּיילע: אוי, עטי, דו זאָלסט וויסען, וואו זיא איז געוועזען.

עטי: נו, וואָס איז מיר דער אונטערשיעד? זיא איז אָבער געקומען אַזוי געזונד, שעהן.

בּיילע: נו, יאָ, עס האָט איהר וואָיל בעקומען.

עטי: וואָס מיינט איהר?

בּיילע: נאַרר, זיא איז דאָך, (זאָגט איהר עפּיס שטיל אין אויער.)

עטי: האַ? ! פע! וואָס רעדט איהר דאָס?... אַ שעהנער שפּאָס! איך פערשטיי ניט...

בּיילע: וואָס פערשטייסט דו ניט? נאַרר, וואו איז זיא דען געוועזען? איך זאָל אַזוי געזונד זיין, — עס לעבט! זיי

שולדיג דערפאר (טרערן) וואָס מיינע קינדער זיינען מער דיינע, וויא מיינע... זאָגאר עטי... ניין! ניט דאָס האָב איך פון זיי ערווארטעט. נאָר יעצט איז שוין שפּעט צו רעכענען זיך... עס איז ניט גרינג אויף דער עלטער בלייבען אליין... (פארדעקט זיין געזיכט און שווייגט לאנג) טשארט וואָזמי, וויא גרינג איז אמעריקא צובינדען זיך אַללעס, וואָס דאָרט איז געווען פערבונדען אויף עוויג... (עטי האָט ניט געהערט דעם פאטער'ס רעדען; געזעסען פער־טראַכט.)

א פ ר ים: (אין טהיר) מחותן, נו? איך האָב געקריגען אַ פלאַש ברענדי אין „גים דור“ (אללע אָב, אויסער עטי'ן.)

ע ט י: ניין, איך דאַרף זיך פריהער בערוהיגען, אז ניט וועט זיין שלעכט... הם!... איך דאַרף זיי דאָ ניט בעגעגענען, איך האָב מורא, איך וועל ארויס פון מיין ראַללע... דער סוף קומט!... דיאַ ענדע! דיא ענדע! אַרעמער פּאפּא, אַ שעהנעם עלטער דער־לעבט... אַ שעהנעם נחת פון קינדער... צוויי טעכטער! חאַ! חאַ! חאַ! ביידע! וויא קומט צו אַזאַ פאטער אזעלכע קינדער? (אלבערט און סאמואיל אריין.)

א ל ב ע ר ט: מאמא, קום אהין! (זיא בלייבט זיצען אונבעוועגליך. אלבערט עפענט בגניבה דעם זיידענס סעטשעל.) אַנקעל סעם, שש! זעהסט, דער גרענדפּאַ פיהרט עס שטענדיג מיט זיך (ציינט א רע־וואָלווער, עטי גיט א קוק.)

ס א מ ו א יל: (בייגט זיך אָן, גיט א קוק) לעג אַוועק, ער איז אַנגעלאָדען. (לויט) עטי, מע האָט דיך 157 מאָל גערופען אהין! (מע קלאַפּט) ווער איז דאָס? קאָם אין! (גרעגואר און ציליע קומען צוריק פרייליכע.)

ג ר ע ג ו א ר: זעהסט, איך האָב דיר געזאָגט, זיא וועט זיצען דאָ און וואַרטען. אז איך האָב געהייסען וואַרטען, וועט מען וואַרטען!

ע ט י: (זיצט רוהיג) וואו זייט איהר דאָס געווען, אין דער אָפּערא?

ח ו ה: זעהסט, אויף מיר נאך דעם בלבול. (א גערויש) דיא מאמא דארף אלץ אויסשטיין.

ב י י ל ע: ששו דער מחותן געהט (ראפאיל און אלבערט צוריק).

ר א פ א י ל: קיין טערפעטין ניט געקראגעז... שטריק... קאר־באליק עסיד (שטעלט עס אויף דער פיאנא) מחותנת'טע, איך בעט אייך, פארזיכטיג, עס איז קארבאליק... וואס איז, עטי?

ע ט י: גאר נישט... דיא מאמא וויל מיט דיר פאהרען צוריק אין דער קאנטרי... זיא איז מודה, דאס זיא האט זיך געפיהרט זעהר מיאוס און נארריש... זיא זאגט, א פרוי וואס האט אליין קיין שכל ניט צו לעבען איז נאר ראן א שטיקעל מענש, ווען זיא איז אונטער דעם שוץ פון אזא מאן, וויא דוא, פאפא (ווערט אלץ מעהר אויפגערעגט) זיא וויל וויינען און קושען דיינע פיס (וויל חוה'ן מיט געוואלד איינבויגען.)

ר א פ א י ל: (בעפרייט דיא ערשראקענע חוה) וואס טהוסט דוא? דוא דארפסט ניט רעכענען מיינע חשבונות מיט איהר... דיין מוטער איז זיא... דרך ארץ, דוא!

ע ט י: (נערוועז) גאר נישט, פאפא, חא! חא! חא! עס איז מיר עפים אזוי איינגעפאלען א שטיקעל משוגעת... קומט עסען... דיא מאמא האט צוליעב דיר געמאכט לאדקעס. אלבערט, אנקעל סאמואיל איז דארט. (אלבערט ראש אב.)

ח ו ה: (פלוצלונג מיט א יאממער) ראפאיל, האב רחמנות, נעם מיך צו פון דאנען! איך קען ניט איבערטראגען קיין צרות.

ע ט י: יא, האסט אבגעלעבט דיין לעבען אהן צרות!...

ר א פ א י ל: וואס זשע ווינסט דוא, אלטער נארר? איך וועל דיך ניט געהן בעטען, דוא זאלסט פאהרען אהיים, דאס וועלען מיינע שונאים ניט דערלעבען! נאר אויב דוא ווילסט צוריק, נו... וויא געלעבט, אבער דאך אבגעלעבט אזוי פיעל יאהר... דאס גאנצע לעבען אין איינעם אבגעלעבט... איין גאטט ווייס, וויעפיעל איך האב דיר פערציייהט, נאר דערפאר ווייל דוא ביזט געוועזען דיא מוטער פון ראפאיל פרידלענדער'ס קינדער... און עס קען זיין, גאטט אליין ווייסט אויך ניט, וויעפיעל דוא ביזט מ י ר

יא אפּערא, ניט אפּערא. איך וויל אייך נאָר זאָגן: דאָס איז גע־ווען אייער לעצטער ליגן, איהר וועט ניט ליגן מעהר!

גרעגואר: שש! דער אַלטער איז דאָרט? הער, עטי, דו ביזט שטענדיג אַ גוטע... איך בעריהם זיך פאַר מיינע בעקאַנ־טע, מיין פרוי, זאָג איך, גיט מיר שטענדיג פוללע פרייהייט.

ציליע: נו, הויב זיך אָן מיט איהר קושען און האַלזען פאַר מיר אין די אויגען!

עטי: (שמייכעלט) ביזט אייפערזיכטיג, הא? זאָג מיר בעסער, ציליע, האָסט דו מיר אַמאָל ניט געגעבען דיין ערענוואָרט, אז...

ציליע: האָסט זיך נאָך ניט פערגעסען?

עטי: דו האָסט זיך ניט געקענט פערגעסען, אז איך האָב אַמאָל געהאַט אַ קינד.

ציליע: (פרעך) אָה, יאָ! דאָס געדענק איך...

עטי: געדענקסט? נו, און אז דו האָסט געהאַט אַ קינד, גע־דענקסט דו? (ציליע ערשרעקט זיך) איך בין געוועזן פריי, איך האָב געגלויבט מיין קינד'ס פאַטער וועט זיין מיין מאַן און בין דערנאָך פאַר דעם קינד געגאַנגען ליידען און פּלאָגען זיך. פאַר דעם קינד האָט מען מיר יעדע מינוט געשטאָכען די אויגען, פאַר דעם קינד האָסט דו מיך פיעל מאָל ערנידריגט, גענומען אַ רעכט דעם אנדערן פערפּאַלגען פיר זיינע זינד, האָסט דו אַליין גע־דאַרפט אָבהיטען זיך פון געמיינהייטען און פערברעכען. מאַדאַם, דו האָסט געהאַט אַ קינד פון דיין אייגענער שוועסטערס מאַן, וואו איז דאָס קינד? ביזט מוטער? גע פּלאָגען זיך, געה זיין געפּאַלטערט און געמאַטערט, געה ליידען פאַר דיין קינד!... דו האָסט געמיינט, וועסט זיך אָבלעבען אַט אַזוי דיין גאַנצעס לעבען מיט אַפּערא, גנזאַנג און ליעגען?!... אוים גנזאַנג! דער שרעק־ליכער סוף קומט!

גרעגואר: שש! עטי, איך בעט דיך, נאָר דעם איין מאָל זיי אַ גוטע. דו וועסט זעהן...

ג ר ע ג ו א ר: אַ נייעס נו! וואו דען? געווים אין דער אָפּערא.

ע ט י: וואָס האָט מען געשפּיעלט? קאַרמען?

ג ר ע ג ו א ר: דאָס געפעלט מיר, זאַ וואָהר איך לעב, חאַ! חאַ! חאַ! געווים קאַרמען. וואָס איז? דיר געפעלט ניט די אָפּערא?

צ י ל י ע: אַך, וויא דיא קאַלווע האָט געזונגען (זינגט קארמענ'ס אריע און טאנצט) זיא האָט זיך איבערטראַפען.

ע ט י: עס איז אַ ליגען! מע האָט ניט געשפּיעלט קאַרמען, קאַלווע האָט ניט געזונגען און איהר זייט ניט געווען אין דער אָפּערא... עס איז אַ ליגען!

ג ר ע ג ו א ר: (בייז) וואָס איז דאָס פלוצלונג פאַר אַ טאָן עפּיס, דו!... מיט וועמען רעדסט דו דאָס?

ס א מ ו א י ל: איך גיב אייך 29 טויזענד בעווייזע, אַז מע האָט ניט געשפּיעלט קאַרמען... מע האָט געשפּיעלט „מייסטער־זינגער."

ג ר ע ג ו א ר: אָה! ער? געפונען וועמען צו גלויבען, זאַ וואָהר איך לעב...

ס א מ ו א י ל: איך וויים, וויא איך בין אַ יוד, איהר האַלט מיך פאַר אַ ליגנער... איך זאָג אַ ליגען, וויל אָבער קיינעם ניט בעטריגען... איהר זייט אַן אמת'ער מענש און איהר זייט אַ בע־טריגער! נאָט... אָט איז אַנאָנסירט אין דיא איוונינג פּייפּערס... קאַלווע איז קראַנק... קאַרמען געהט ניט... (ציינט איהם א צייטונג.)

צ י ל י ע: זעה נאַר וויא ער האָט זיך דערשראָקען! אויך מיר אַ מאַן! וואָס איז דאָרט אַזוינס? מיר זיינען טאַקי ניט גע־ווען אין דער אָפּערא? וואָס זיינען מיר קינדער? מיר דאַרפען אָבגעבען חשבון וואוהין מיר געהען?

א ל ב ע ר ט: (בייז) אי! ווען איך זאָל איצט זיין אַ גרויסער, וואָלטען זיי צו דער מאַמע אַנדערש גערעדט!

ע ט י: אַלבערט געה אַהין! סאַמואיל, זאָלסט דאַרטען ניט פלאַפּלען (פיהרט ביידע ארויס און מאכט צו דיא טהיר) ניין! איצט אָבגעבען דין וחשבון איז שפּעט... וואָס איז דאַרטען —

צ י ל י ע : דו ווייסט פון וואנען זיא האט אנגעכאפט דיעזע גע־דאנקען? חא! חא! עס איז פון קרייצער סאנאטא.

ע ט י : ציליע, לאך איצט ניט! (פערווירט) איך זאג דיר, לאך ניט!

צ י ל י ע : אז דו ביזט פארט אזוי קאמיש... חי, חי!

ע ט י : איא? איך בין קאמיש? איך האב מורא, איך וועל מו־זען זיין טראגיש. דו געדענקסט דיא „קרייצער סאנאטא"? גע־דענקסט דוא אבער וויא דוא האסט דעם פאפא געזאגט, ווען מיר האבען הערר גרעגואר פידלער ערווארטעט צום ערשטען מאל, דאס דו ביזט זעהר אייפערזיכטיג, דוא וואלסטביידען צושניטען אויף שטיקער, אבער עטי איז א מענש אהן א גאל, הע! איהר האטביידע געמיינט, אז איך בין ווירקליך א מענש אהן א גאל און איהר האט אייך צופיעל ערלויבט, ניט אלע מאל וועל איך שווייגען און ניט אלעם וועל איך ערטראגען!

(קוקט זיך אום און חאפט דיא פלאש מיט קארבאליק און גרייפט אן ציליען.)

ג ר ג ו א ר : (זיצט פון דער וויט, פארדעקט זיין געזיכט, זעהט ניט, וואס עס קומט פאר) אי, איך האב מורא, עס וועט ארויס א סקאנדאל, עס וועט ארויס א סקאנדאל. עס קען זעהר שאדען מיין נאמען...

צ י ל י ע : וואס איז דאס? וואס ווילסט דוא טהון?

ע ט י : דאס איז קארבאליק! איך וויל דיך פערברענען! איך וועל אויסברענען דיינע אויגען. זאלסט ניט קענען קוקען אויף פרעמדע מענער! איך וועל דיר פערקריפלען דיין געזיכט, יעדער מאן זאל אויף דיר קוקען מיט עקעל און אבשוי! אז דוא וועסט ניט זיין מעהר וייב, וועסט דוא זיך דערמאהנען דאס דוא ביזט מו־טער! (קען בשום אופן ניט עפענען דיא פלאש.)

צ י ל י ע : לאז מיך! לאז מיך! (ראנגעלט זיך) גרעגואר!

ג ר ע ג ו א ר : עטי! דוא שרעקסט מיך! (ער און ציליע ראנגלען זיך מיט איהר לאנג און רייסען ענדליך ארויס דיא פלאש פון איהר האנד.)

ע ט י: דערווייל רעד איך נאך ניט צו דיר! ציליע, וואו איז דיין קינד?

צ י ל י ע: איך בין ניט קיין קרעמענטשוגער מויד, איך וועל זיך ניט געהן פערבינדען דעם קאפ!

ע ט י: אזוי? ווילסט זיך ניט פערבינדען דעם קאפ, הא? ציליע, איך האב דיך געבעטען: זעה, זאלסט קיין חרטה ניט האבען, זעה, זאלסט קיין חרטה ניט האבען... איך האב מורא, דו וועסט איצט חרטה האבען! (ציטערט פון אויפרעגונג.)

ג ר ע נ ו א ר: עטי, דו ווייסט אליין, אז איך האב דיך ליעב... אלע פרויען דער וועלט מעגען קרעפירען פאר דיר. נאר דו ביזט מיר טהייער... געוויס, איך טהו אמאל א דומהייט... אלע מענער טהוען דאס, אללע! זא וואהר איך לעב! אבער נאר דו ביזט מיר טהייער, נאר דו ביזט טאקי מיינע!

ע ט י: דיינע! איך וויים, וואס הייסט דיינע! דיין אייגענטהום! מיין קערפער געהערט דיר! מיין קערפער האט דיר געהערט זינד איך בין געבוירען געווארען און וועט דיר געהערען ביז איך וועל שטארבען! ווען דו דארפסט מיין קערפער, האסט דו מיך ליעב! ווען דו האסט מיך ליעב, הייסט עס, דו דארפסט מיין קערפער! דו זעהסט מיך אבהיטען, איך בין דיר טהייער, וויא יעדעס אייגענטהום ביי יעדען אייגענטהימער!. . מיין קערפער האט דיך אינטערעסירט, מיין זעעלע אבער האסט דו יעדען טאג צעהן מאל ערמארדעט! מיינע מענשליכע געפיהלע האסט דו יעדען אויגענבליק געטראטען מיט דיא פיס! כמעט צעהן יאהר געלעבט מיט דיר, און דו האסט מיך אויף איין מינוט ניט בעטראכט אלס מענש, נאר אלס פרוי, אלס ווייב, אלס דיענסט! האסט ניט געוואלט און ניט געקענט מיך פערשטעהען. האסט ניט געוואלט און ניט געקענט וויסען וואס איך האב פאר דער צייט איבערגעפיהלט. איך האב פערשפראכען צו דולדען און שווייגען, — האב איך געשוויעגען און ערטראגען מעהר וויא איך האב גע־דארפט!... גענוג! בעלאגען, בעטראגען און ערנידעריגט וועל איך שוין ניט זיין מעהר! ניין! מעהר ניט!...

אין מייזעל'ס פערלאג

זיינען ביז יעצט ערשיענען :

איבסען'ס נארא, איבערזעצט פון ווינטשעווסקי 15ס.

דר. מעריסאן, דער אנארכיזמוס און דיא פאליטישע טהעטיגקייט 10ס.

דר. פישבערג דיא אידישע נאציאנאליסטישע בעוועגונג 20ס.

י. גארדין'ס קרייצער סאנאטא 25ס.

ד. טהארא, דיא פפליכט פון אונגעהארכזאמקייט צום שטאאט
איבערזעצט און איינגעלייטעט פון דר. מעריסאן 15ס.

טורגעניעוו, האמלעט און דאן קיחאט, איבערזעצט פון מ. קאטץ 10ס.

די פאלגענדע ווערקע האבען דיא פערלעגער איבערגעגעבען צו מיר
און בוכהענדלער קענען עס ביי מיר קריגען :

י. גארדין, סאפהא 25ס.

א. נעטטער, דער אידישער גאטט און רעליגיאן 25ס.

מ. גארקי, אמעריקא. 15ס.

עס פערפערטיגען זיך צום דרוק פיעלע ליטערארישע און וויס-
סענשאפטליכע נייאיגקייטען, און וועלען ערשיינען ענדע זוממער.

M. N. MAISEL

422 Grand St., New York.

ע ט י : דאס וועט אייך ניט העלפען! קיין זאך וועט אייך יעצט ניט העלפען! (חאפט ארויס פון סעטשעל דעם רעוואָלווער און ציעלט אויף דער שוועסטער.)

ג ר ע ג ו א ר : אונגליקליכע, וואס ווילסט דוא טהון? (שטעלט אויס דיא האנד, זיא שיסט איהם, ער פאלט, דאן שיסט זיא ציליען, ציליע פאלט און עטי שיסט אלע פינף קוילען אויס, וויא א פערוויירטע, דיא לעצטע קוילען שיסט זיא אויס ווען אלע זיינען שוין אין צימער... ביילע און אפרים לויפען צו גרעגואר'ן. חוה לאָזט זיך אראָפּ אויף דער ערד לעבען ציליען. סאמואיל האלט דעם ערשראָקענעם אלבערט'ן. ראפא־איל און נאטאשא געהען צו עטי'ן.)

ע ט י : פאפא, איך האָב ניט געקענט מעהר. (לאָזט ארויס פון איהרע הענד דעם רעוואָלווער.)

ר א פ א י ל : איך האָב לאנג מורא געהאט, דוא וועסט דאס טהון... עטי, מיין ארעם קינד. (אומארעמט זיא און וויינט) האר אויס, לאָז מיך זעהן... (בייגט זיך אן צו גרעגואר'ן.)

ג ר ע ג ו א ר : און דאך, עטי, איך שווער דיר, איך האָב דיך ליעב געהאט... פאר מיין טויט, שווער איך דיר. (אגאניע.)

נ א ט א ש א : (וויינט) דיטיאטקא, קינד מיינס, וואס האבען זיי געמאכט פון דיר?

ע ט י : (פאלט נאטאשאן אויף'ן האלז) ניאניא! מיינע געדאנקען מישען זיך, מיין קאָפּ איז צודולט, אין דיא אויגען שווינדעלט. אלעס וואנקט אונטער מיר. מיר ווייזט זיך אויס, איך זינג! איך זינג!.... (שרייט אויסער זיך) אי, ניאניא! ניאניא! ניאניא!

פ א ר ה א נ ג.

דיא אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק

די אמת'ע קראפט

דראמא אין 4 אקטען

פון

יעקב גארדין

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.
ניו־יארק.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 26

פערזאָנען:

דאָקטאָר יעווגעני גאָלדענוויזער, א געזונטער מאַן, טראגט א לאַנגגע באָרד, גראָלער, 45 יאָהר אַלט.

אָליע, זיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי, 11 יאָהר אלט.

מארק, זיין ברודער, אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק, 30 יאָהר.

דבורה, זייער מוטער (מען רופט זיא „מאַדאַם"), טראגט ברילען, 65 יאָהר אַלט.

שמשון־דוד זרחי, אַ לעהרער אין תלמוד תורה, האט אסטמע, 45 יאָהר.

שרה הינדע, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען

פאניע, זייער טאָכטער, שפּעטער דעם דאָקטאָר'ס צווייטע פרוי, 20 יאָהר.

פייוועל פּומפּיאן, א וואיענער פעלדשער, 25 יאהר אלט.

אבראם חיוטין, אָליע'ס לעהרער, קורצזיכטיג, טראגט ברילען, 25 יאָהר.

ערשטע ארעמע פרוי.

צווייטע ארעמע פרוי.

דיענסטמיידעל, ארעמע פרויען, בוקיניסט.

עס קומט פאר אין איינער פון די גרויסע ליטווישע שטעדט אין רוסלאנד אין אונזער צייט.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

ערשטער אקט.

דר. גאָלדענוויייזער׳ס הויז. אַ גרויס צימער, איבערגעטיילט מיט פּאָרטיערען. אין דער ערשטער האַלב דעם דאָקטאָר׳ס קאַבינעט, שאַפּעס מיט ביכער, אינסטרומענטען, אַ וואַש־טישעל, א. ז. וו. אין דער צווייטער אבטיילונג אַ קליידער־שאַפּע, אַ פּיאַנא, ווייכע מעבעל, וויענער שטולען, אַ טיש אַלץ אין אַ גרויסער אונאָרדנונג. ווען אַ פּאַציענט קומט, אדער דער דאקטאָר וויל בלייבען אליין — פערציהט מען די פּאָרטיערען.

פּ י י ו ו ט ל. (פּוצט אַ קאסטיום מיט אַ קליידער־בערשטעל). ווער וועט גלויבען, אז איך, פּייוועל פּומפּיאן, וועל טון אזא אר־בייט — פּוצען פרעמדע הויזען גאָר! און דאָך, איהר זעהט דאָך! (פּוצט מיט מעהר ענערגיע). הויזען פּוצען געהערט אויך צו דער מע־דעצין. פערשטאנען? ווארום דער דאקטאָר קומט פון א דיפטעריא און וועט מוזען איבערבייטען די קליידער. באצילים דיפטעריקא! (מען קלינגט). אהא, פּאציענטען! (לויפט עפענען, קומט צוריק מיט אַ בוקיניסט, וועלכער ברענגט פּיעל ביכער). ווידער ביכער פאר׳ן דאקטאָר? לעגט אנידער אָט דאָ, איך וועל איהם זאָגען. האָט א גליקליכען תמיד... (בוקיניסט אב). נאר ער קויפט ביכער, דער דאק־טאר. אז מע ווייסט שוין, ווי צו זיין א דאָקטאָר, נאָך וואס, דארט זיך, דארף מען נאָך עפּיס וויסען? אי, וויפּיעל ביכער עס איז דאָ אויף דער וועלט! עס זאָל ניט זיין אזוי פּיעל ביכער, וואָלט ניט געווען אזוי פּיעל גראבע יונגען! (פּוצט דעם ראָק). אהא, ביי׳ם דאק־טאָר׳ס פּידזשאק פעהלט א קנעפּעל. מיר דאכט זיך, איך האָב ערגיץ ביי זיך א קנעפּעל. נו׳ם איך איהם צונעהען, ווארום אז ניט איך, ווער דען? (געפינט ביי זיך אַ קנעפּעל, אַ נאדעל מיט א פאדעם און

פ י י ו ו ע ל. דאָ איז שוין דא סוף... אקווא דיסטילאטא... און דאס איז פאר׳ן קראנקען א לייבעל מיט ווארעמע זאָקען. דער דאָקטאָר האָט עס פאר איהם געקריגען... האָט א גליקליכען תמיד... (גיט איהר א פעקעל זאַכען).

א ר ע מ ע פ ר ו י. אי, הלואי קומט מיר אָן א חלק פון זיינע ברכות... (אב).

פ י י ו ו ע ל. ער וואקסט אין דער לענג און אין דער ברייט פון אייערע ברכות! (זוכט אין די קעשעניעס פון דעם אויסגעפוצטען קאָסטיום). איהר זעהט? אין די הויזענקעשעניעס האָט זיך ביי איהם פערוואלגערט א רובעל, אין זשילעט זילבער געלד. ער האָט פיינט פיהרען חשבונות. (לעגט דאס געלד אויפ׳ן טיש) מען דארף זיין שטארקער פון אייזען, מען זאל דא אין שטוב קיין גנב ניט ווערען... (לערענט) בולבוס ארטעריאָזוס. (מען קלינגט שטארק), אהא! ענדליך דער דאקטאָר. (געהט עפענען. אליע לויפט אריין מיט א בוך אין האַנד).

א ל י ע. דער פאפאָטשקע איז געקומען! דער פאפאָטשקע! (מען הערט דעם דאקטאָר׳ס מוטיגע שטימע).

ד א ק ט א ר. (אין קארידאָר). קאלעגא פומפיאן, איך האָב מיך פערשפעטיגט, ווי א פשע ישראל. (ער קומט מיט א סאק־וואיאזש, נאך איהם פייוועל. אליע לויפט צו׳ן איהם). צוריק! דו גזלן! מען טאָר ניט! (שטרעקט אויס ביידע הענד). ליאליעטשקע, מען דארף זיך פריהער דעזינפיצירען... ברודער פומפיאן, זיי אזוי גוט. (ווארפט פון זיך זיין ראק, גיט עס פומפיאַנען, יענער טראגט עס ארויס. געהט צו א וואש טישעל, וואשט זיך, רעדענדיג לעבהאפט) נו, ווי געהט עס, ליאליע האָבען מיר היינט מוזיצירט? געלערענט די עטיודען, הא? (וואשט זיך). ניט געפוילט זיך? טאקי? בראווא! קאלעגא פייוועל, דו ווייסט ניט, ווי גוט איך פיהל זיך. דער קראנקער שניידער, דו ווייסט דאך, ניט געשטאָרבען.

פ י י ו ו ע ל. דער וואס האָט געהאט אולקוס ווענטריקולי? ניט געשטאָרבען? דאס קאָן זיך טרעפען נאָר מיט א שניידער.

נעהט). דער דאקטאָר האָט זיך היינט פערשפּעטיגט אין שפּיטאָל. די קבצנים טאסקען איהם ווי דער רוח דעם מלמד... מע ווארט אין שפּיטאל אויפ'ן הלאָוונעם דאקטאָר און וואו איז ער? ביי אביונים. מע דארף מאכען אַן אפּעראציע און וואו איז ער? ביי דלפנים... און אָהן איהם הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אוים. א קליי־ניגקייט דאקטאָר גאָלדענווייזער! (אליע עפענט אויף אַן אינערסטע טיר).

א ל י ע. מוסיו פּומפּיאן, איז דער פּאפּאָטשקע שוין דאָ?

פּ י י ו ו ע ל. ניין, אליע, דער דאָקטאָר איז נאָך ניטא. (אליע אָב צוריק). איהר הערט? איך בין מוסיו פּומפּיאן... פריהער גע־וועזן א צירולניק, אז מען האָט מיך גענומען אין סאָלדאטען, גע־ריבען זיך דאָרט לעבען פעלדשעריי, און איצט שטודיר איך אויף א ריכטיגען פעלדשער, פערשטאנען? דער דאָקטאָר לערנט מיך ווי אַן אייגענעם און צאָהלט מיר ווי א פרעמדען. א גוטער מענש — איך האָב איהם ליעב, און דאָס קנעפּעל וועט מען ניט אָברייסען אפילו מיט די ציין. מען דארף לערנען, ווי מען קריגט א קערבעל פאר א קרענק — שוועך! (לערנט). דוקטום ארטעריאָזום, בולבום (מען קלינגט). ווידער ניט דער דאקטאָר; ווי ער האָט זיך פער־שפּעטיגט! (לויפט עפענען). בולבום ארטע... (אב).

א ל י ע. (עפענט ווידער די טיר). איז דאס דער פּאפּאטשקע געקומען? (פּייוועל מיט אַן ארעמע פרוי, אליע אב צוריק).

א ר ע מ ע פּ ר ו י. אי, דער דאָקטאָר האָט אודאי פאר־געסען.

פּ י י ו ו ע ל. דאקטאָר גאָלדענווייזער פארגעסט ניט. דאָ איז די מיקסטורע פאר אייער מאן. דער דאָקטאָר האָט אליין בע־צאָהלט אין אפּטייק. מען קען גליקליך ווערען פון אזעלכע גע־שעפטען. יעדע שעה א לעפעל, א סופּ־לעפעל. פערשטאנען?

א ר ע מ ע פּ ר ו י. וואס הייסט פערשטאנען, וואס דען? זאָלט איהר מיר געזונד זיין, איז ווי אזוי זאָל ער נעמען, מיט א לעפעל סופּ, הא?...

היינט מוזען דערצעהלען... אָבער ניט איצט, שפּעטער. (זוכט אין שאַפע). מאמא, ווייסט ניט, איך האָב ערגיץ א ריינע נאָזטיכעל? דאס, וואס איך וויל אייך זאָגען, איז א גרויסער סעקרעט.

מ א ד א ם. איך ווייס ניט, אויב דו האָסט א נאָזטיכעל... דו דארפסט א נאָזטיכעל צום נאָז, אדער צום סעקרעט? וועמען ווילסטו דאס די נאָז אבווישען? (פּומפּיאַן ברענגט אויף אַ טעלער אַ שטיקעל קאַלטע פליישׁ, א גאָפּעל און אַ מעסער, ברויט, אַ וואַזע מיט עפּעל און אַפּעלסינען).

ד אָ ק ט אָ ר. עס קען זיין, איך וועל זיך אליין אבווישען די נאָז... (ערנסט). אוי, איך זאל פאר אייך ביידע ניט מורא האָבען, וואָלט איך אייך שוין אויסגעזאָגט... שפּעטער! שפּעטער! (טוט אָן דעם ראָק, וואס פּייוועל האָט אויסגעפּוצט). זעה נאר, איין קנע־פּעל א גרינער און די איבריגע שווארצע. פּע! דאס איז א בעליי־דיגונג פאר דער מעדעצין. (טוט אויס און זוכט אין שאַפּע אן אַנ־דער ראָק).

פּ י י וו ע ל. איך האָב ניט געהאט קיין שווארצען, האָב איך צוגענעהט א גרינעם... אז מען האָט ניט קיין בינינום מוריאַטי־קום, גיט מען בינינום סולפוריקום. פערשטאנען?...

ד אָ ק ט אָ ר. יא, ברודער, פערשטאנען. בינינום סולפו־ריקום. (טוט אָן אן אַנדער ראָק). מען קען נאָך געפינען ביי מיר א ראָק מיט קנעפּלעך. הא? דער ארבעל איז א ביסעל אבגעטרענט. ליאליע, אז איך הויב אויף די האנד, זעהט זיך דאס ווייסע העמד?

א ל י ע. יא, פּאַפּאָטשקע, עס זעהט זיך א ווייסע זאַך...

ד א ק ט א ר. א ווייסע זאך? א שלעכטע געשיכטע. איך וועל זיך מוזען אָבהיטען און ניט אויפהויבען די האנד.

פּ י י וו ע ל. איהר וועט זיך אבהיטען? גיט איך וועל אייך בעסער צושטעכען מיט א שפּילקע. (שטעקט צו). אין לעטיין וועט עס הייסען: שפּילקום שטעכאטום.

ד א ק ט אָ ר. שפּילקום שטעכאטום? דאס איז וויטעבסקער

ד א ק ט אָ ר. ניט געשטאָרבען, ניין! דער מלאך המות זאָגט: גיב מיר דעם שניידער. און די מעדיצין זאָגט: א פייג ווילסטו ניט? כא! כא!... איך מוז שוין פאָהרען אין באָלניצע און, אי, איך שטארב עסען. ליאליע, וואו איז אונזער מאמא? געה, זיי מיין מליץ יושר... בעט, זי זאָל מיך ניט לאָזען אויסגעהן פון הונגער. (ליאָליע אב). פומפיאן, דאָרט ליעגט דער מעדיצינישער זשורנאל, מיין ארטיקעל איז געדרוקט וועגען דעם, „איז דער מאָגען א פאראזיט צו ניין?" אוי, מיין פאראזיט וויל א ביפשטעקס מיט א טעלער סופ. (פומפיאן נעמט דעם זשורנאל און קוקט, דער דאָקטאָר ווישט זיך). הא? דער בוקיניסט האָט געבראכט ביכער... בראוואָ! א גוטער יונגאטש דער בוקיניכט. (פייוועל שפריצט אויף איהם פון אַ פולווערריזאטאָר. דאָקטאָר קוקט איבער די ביכער. אליע און די מאַדאַם קומען). מאמא, ענטשולדיג, וואס איך האָב דיך בעמיהט. איך וויל פשוט פרעגען: איז דאָ וואס צו קייען? פומפיאן, זיי אזוי גוט, לויף נעם מיר א דו־אָשקע. (פומפיאָן אב. מען הערט באַלד, ווי ער שרייט פון קארידאָר: עי! איזוואָזשציק!). אליעטשקע, עס איז ערלויבט! (כאַפּט זי אויף די הענד און קושט).

מ א ד א ם. יעווגעני, ווילסט גאָר עסען? דיר זאָל ליגען אין זין אזא נארישקייט? דיין מיטאג איז שוין לאנג קאלט, און די קעכין איז אוועק צו גאסט. אליע, וואס גיט מען איהם קייען, הא?

א ל י ע. אָה, ארעמער פאפאָטשקע;

ד אָ ק ט אָ ר. (קוקט איבער די ביכער מיט פרייד). די ערשטע אויסגאבע? בראוואָ!... מאמא, גאר נישט ניטאָ? א שטיקעל קאלטע פלייש, א ציבעלע, א הערינג, א קאטשקע, אן עפעל, א געבראָטענער אינדיק, א וואס עס איז? פומפיאן, זיי א גוטער ברודער און שלעפּ אהער, וואס דו וועסט דאָרט געפינען. (פומפיאן אב אין א אינערסטע טיר). און, מיינע צוויי טייערע דאמען, איהר זייט רוהיג, הא? און אז איך דערמאָן זיך, וואס איך וועל אייך

פּ ו מ פּ י א ן. נו, גערט און דולט ניט דעם קאָפּ. האָט א גוטען תמיד.

פ ר ו י. טאטינקע, דאקטארעל, פערגעסט זשע ניט, למען השם...

פּ ו מ פּ י א ן. זיי לאָזען איהם ניט רוהען, ניט עסען, ניט שלאָפען. די ערגסטע נאציע אין דער וועלט זיינען ווייבער.

ד אָ ק ט אָ ר. איך פערגעס ניט, אז איך זאָג צו.

פ ר ו י. אוי, טאטענקע, דאקטאָרעל! (קוקט אויף דער וואַזע מיט פּרוכטען).

פּ ו מ פּ י א ן. נו, וואס איז שוין ווידער? איהר פער־שלעפּטע קרענק.

פ ר ו י. אוי, מיין קראנקער זאָל האָבען איין אפּעלצין... איצט, נאָך סכות אן אפּעלצין... פאטער מיינער... ער האָט געבע־טען און איך האָב ניט...

ד א ק ט אָ ר. און איהר האָט ניט! דאס איז א גרויסע עולה... מען דארף האָבען. אן אפּעלצין, הא? (נעמט די גאַנצע וואזע מיט פּרוכטען). גבאי׳טע, האלט דעם פארטוך. (קערט איבער אין איהר פארטוך אלע פּרוכטען). אבער זעהט, די עפּעל זאָלט איהר פריי־ער אבבאקען... גיט איהם ניט קיין רויע עפּעל... (פּומפּיאַן פיהרט זי אב). זעהסט, ליאָליעטשקע, עס איז דאָ אונגליקליכע מענשען, ביי וועלכע אן אפּעלסינע איז א גאנצער לוקסוס... מעהר ניטאָ וואָס צו עסען? פערגעסען זיך איבערלאָזען אן עפּעל. נו, בע־רוהיגט א ביסעל דעם מאָגען און צו דער ארבייט... פּומפּיאַן, א דראָשקע איז דאָ? איך פאָהר. מאדאם גאָלדענוויזער, אדיע. (קושט זי). פריילין גאָלדענווייזער, האבע די עהרע. (קושט איהר הענ־טעל. נאכדעם אומארמען זיי זיך). אוי, אז איך דערמאָן זיך, וואס איך וועל אייך היינט דארפען זאָגען, קריג איך אזא פיבער, אז איך האָב מורא, איך וועל אליין דארפען שיקען נאָך א דאָקטאָר. מען קען ניט בעמערקען מיין ארבעל? (הויבט אויף זיין האַנד). ברודער פּומפּיאן, אויפס ווידערזעהן. מען זעהט ניט? דיין שפּילקום שטע־

לעטיין. נו, איך כאפּ א ביים און לויף. (עסט). אליע, קענסטו דיינע לעקציאָנען? דיין לעהרער, דער שטרענגער חיוטין...

מ א ד א ם. יעווגעני, איך האָב זי אויסגעהערט, זי קען ווי א וואסער... דעם טאטענס טרפהנער קאָפּ.

ד א ק ט אָ ר. קליינער רוח'ל! נו, און וואס לעזען מיר? (עסט און קוקט אין איהר בוך). ראבינזאָן קרוזאָ? א שיינע געשיכ־טע, הא? וועסט מיר דערצעהלען פון אָנהויב. (עסט איילענדיג). פּומפּיאן, וועסט נעמען אלע מיינע באקטעריאָלאָגישע פּרעפּארא־טען און... (מען קלינגט. פּומפּיאַן אב. מען הערט א פרויענשטימע).

פּ ו מ פּ י א ן. (אין קארידאָר). איך זאָג, איהר קענט איצט דעם דאקטאָר ניט זעהן...

פ ר ו י. אוי, טאטינקע מיינער, הארצעלעך...

ד א ק ט אָ ר. (עפענט די טיר). לאז זי אריין, פּומפּיאן. — נו, וואס איז דאָרטען?

פ ר ו י. מיין עלטערער זוהן, דאקטאָר... ברענט ווי א פייער, רעדט פון היץ. טאטינקע דאקטאָרעל, פריהער אויף גאט און נאכ־דעם אויף אייך...

ד א ק ט אָ ר. קאלעגא, דאס איז מאָרבוס פּאופּערום... זיי האָבען ניט וואס צו עסען, ווערען זיי פערצעהרט, האָבען ניט מיט וואס צו הייצען, ברענען זיי פון היץ. גאָט פערזארגט זיי. איך וועל זיין ביי אייך... פּומפּיאן, פערשרייב איהר אדרעסא. (עסט).

פּ ו מ פּ י א ן. נו, וואו וואוינט איהר דאָרטען?

פ ר ו י. אומשטיינס געזאָגט, וואו וואוין איך? (זיי רעדען שטיל).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו זאָלסט זעהן, וואס עס טוט זיך יעצט ביי די קבצנים. ביי אנדערע איז איצט דער סעזאָן פון טע־אטער, אפּערא, קאָנצערטען, באָל־מאסקאראדען, און ביי זיי איז איצט דער סעזאָן פון סקארלאטין, טיפוס, דיפטעריא, אינ־פלוענציא, פּנעוומאָניא... דאנקען גאט, די מעדיצין האָט זיך ניט צו בעקלאָגען.

א ל י ע. מוסיו חיוטין, איך האָב שוין געביינקט נאָך אייך.

פ י י ו ו ע ל. (קרימט זיך). מ ו ס י ו ח י ו ט י ן! אז מען שטאמט פון א חַיָט, איז מען חיוטין. פערשטאנען?

ח י ו ט י ן. יא. חיט! פּוֹמפּיאן, אייער פאטער איז געווים א דיוק, אָדער שני למלך, מיין טאטע איז, במחילה, א שניידער... איך מיין אבער, אז אפילו א שניידער א טאטע איז אויך א טאטע. איין ארעמען שניידער'ס א זוהן, און האָב זיך אליין דורכגעשלאָגען, געענדיגט גימנאזיע... איך זאל ניט זיין קיין קבצן און קיין יוד דערצו, וואָלט איך געווים געענדיגט אוניווערזיטעט אויך. וואס־זשע שטעהט ניט אן אזוי דעם טאטען אייערן?... נו, ווי געהט עס, מאדאם? אליע, דו האָסט ווירקליך געבענקט נאָך מיר! קע־צעל דו! (קושט זי).

פ י י ו ו ע ל. (לערענט בייז). דוקטום ארטעריאַזום, בול־בום ארטעריאַזום.

מ א ד א ם. (שטיל). האָט איהר געבראכט עטוואס פערבאָ־טענעם? א צייטונג, א פּראקלאמאציע? (לויט). שלים־מזל'ניק, זעהט, ביי אייך איז דאָך דער האלזטוך אריבערגעקראָכען איבערן קאלנער.

ח י ו ט י ן. אויך מיר א דאגה. (שטיל). אלטע רעוואָלוציאָ־נערקע, וואס איהר זייט. (גיט איהר בגנבה א צייטונג). אָליעטשקע, קום לערנען... (פיהרט זי). מען דארף ארבייטען. מארגען, מאָרגען, נור ניכט הייטע, זאָגען אלע פוילע לייטע...

א ל י ע. (זינגט און טאַנצט). מארגען, מארגען, טערערעם, נור ניכט הייטע, טערערעם, זאָגען אלע, טערערעם... (אב מיט היוטינען).

פ י י ו ו ע ל. ארטעריאזום, ארטעריאַזום... פערשייטער קבצן...

מ א ד א ם. און דו ביזט א גביר? וואס קענט איהר ניט צוטיילען? ראטשילד'ס ירושה?

כאטום איז גוט, הא? אדיע, אדיע. (כאַפּט זיין סאק־וואיאַזש, ראַש אב. פּייוועל בעגלייט איהם. אליע לויפט צום פענסטער און מאַכט מיט'ן האַנד).

מ א ד א ם. איך ווייס, יעווגעני איז א מענש אַהן סעק־רעטען... וואס קען דאָס זיין ביי איהם? (פּייוועל קומט). פּומפּיאן, דו ווייסט ניט דעם דאָקטאָר'ס סוד? ביזט דאָך זיין אברהאָם־מייסטער?

פ י י ו ו ע ל. מסתמא עפּיס וועש אדער קליידער פאר א קבצן. ע! (לערנט). דוקטוס ארטעריאָזוס... (ביסלעכווייס ווערט דונקעל. מען קלינגט).

א ל י ע. (ביי'ם פענסטער). אונזער לעהרער געהט! מוסיו חיוטין געהט!

פ י י ו ו ע ל. ער מעג קלינגען. דעם קבצן מיט די אויס־געקרימטע שטיוועל וועל איך ניט געהן עפענען.

א ל י ע. מוסיו פּומפּיאן, ער האָט בעסערע שטיוועל פון אייך און איך וועל איהם עפענען. (וויל געהן, פּומפּיאַן לאָזט ניט).

פ י י ו ו ע ל. אייך וועל איך ניט לאָזען. איהר וועט אייך פערקילען. לאָז ער קלינגען. (מען קלינגט).

מ א ד א ם. ווער זשע וועט עפענען? די דיענסטען זיינען זיך אלע צולאָפען. זיי הערען מיך ווי די קאץ... (שרייט) נאטאשא! נאטאשא! יא, שריי חי וקים.

פ י י ו ו ע ל. מאדאם, איך וועל איהם עפענען, נאָר זאל ער קלינגען א ביסעל. איך האָב ליעב צו זעהן ווי ער ווערט בייז. (מען קלינגט שטאַרק). אהא? פערשטאנען? (געהט עפענען).

מ א ד א ם. פאר וואס האָט איהם פּומפּיאן ניט ליעב? ער איז א ביסעל משוגע, דער חיוטין, אבער ריין און כשר, ווי גאָלד. (חיוטין אין אן אַלטען סורטוקעל, אויסגעטראָטענע שטיוועל, איז בלאַס, ווישט אויס די ברילען, ווען ער קומט אריין, נאָך איהם פּומ־פּיאַן מיט אן איראָנישען שמייכעל).

מ א ד א ם. (שטיל). איך דארף עס נויטיג וויסען. (לויט). איהר דארפט דעם דאקטאר צו א קראנקען?

ז ר ח י. ניין, איך בין געשיקט געווארען מיט א קאָמיסיע. אזא מענש ווי אייער זוהן... איהר ווייסט דען, וואס אייער זוהן איז.

מ א ד א ם. וואס מיין זוהן — ווייס איך. וואס איז אייער קאָמיסיע?

ז ר ח י. הערט איהר דאך: מיין טאָכטער איז געווען קראנק העכער א מאָנאט. זי איז געווען ממש א מ'ויטע און דער דאקטאָר האָט זי געשטעלט אויף די פיס. ער האָט זיך ניט געפוילט ביי טאג, ביי נאכט, פארטאָג...

פ י י ו ו ע ל. יא, איך ווייס. זי האָט געהאט ווֹעברים אינ־טערמיטענס...

ז ר ח י. יא, א פּנים זי האָט דאָס געהאט. דער דאָקטאָר האָט ניט גענומען קיין צובראָכענע פרוטה.

פ י י ו ו ע ל. דעם דאקטאר'ס געשעפטען...

ז ר ח י. עס רופט זיך אזוי, איך בין א לעהרער. אָבער באמת א מלמד, א קבצן, ווי א יוד דארף זיין.

מ א ד א ם. וואס־זשע ווילט איהר איצט? אייער טאָכטער דארף ווידער א דאָקטאָר?

ז ר ח י. אי, דארף זי א דאָקטאָר! ב"ה, עס איז שוין דריי וואָכען, אז זי האלט אין איין עסען... געזונד ווי א'ן אייוועז, קיין עין הרע, און דער דאָקטאָר קומט דאָך אלע טאָג צו איהר געוואר ווערען.

מ א ד א ם. וואָס זשע איז אייער קאמיסיע?

ז ר ח י. פערשטעהט איהר מיך, מאדאם, היינט וועט זי צום ערשטען מאָל ארויסגעהן. נו, האָבען זיי, דאָס הייסט די ווייבער, אויסגעבאקען א טארט און ווע'לען קומען דעם דאָקטאָר בעדאנקען פאר דער קרענק. אוי! איהר האָט געדארפט זעהן, ווי איך האָב מיט צוויי גאפּלען געשלאָגען די ווייסלעך פון די אייער...

פ י י ו ו ע ל. איך האָב איהם פיינט... וויפיעל געלד ער שלעפּט בײ'ם דאָקטאָר. (לערענט). ארטעריאזום בולבום...

מ א ד א ם. פּייוועל! איך מיין, ביזט א גרויסער בולבום... פערשטאנען? וואס איז, נאטאשא? (א דיענסטמיידעל קומט מיט א לאָמפּ, שטעלט אויפ'ן טיש און זאגט עפּיס דער מאַדאַם). וועסט זיך ניט פערגעסען צו קומען אהיים, דו שפּרינגערקע? מעגסט געהן. (נאַטאַשאַ קושט זי אין באק מיט ליעבע און ראש אב. די מאדאם געהט צו דער פּיאנא, זעצט זיך, וויל לעזען חיותינ'ס ציטונג, זעהט אָבער, אַז פּומפּיאָן קוקט, און הויבט אן שפּיעלען פון מענדעלזאָנ'ס אראטאריא „עליאס" — „עס איז שוין גענוג". פּומפּיאן הערט זיך צו).

פ י י ו ו ע ל. דאס איז דעם דאקטאָר'ס זאך... (זינגט). איא עס איז שען, ווען אזא אלטע באבעצע שפּיעלט פּיאנא? דער דאָקטאָר זאָגט, זי איז אמאָל געוועזן א גרויסע שפּילערקע... די־מענטענע מענשען! דאס הייסט זי און דער דאָקטאָר. דער אנדער זוהן, דער בוכהאלטער, איז א מערדער, אן עוכר ישראל... א... (לערנט) בולבום ארטעריאזום... (מען קלינגט. פּומפּיאן לויפט עפּע־נען, די מאדאם שפּיעלט. פּומפּיאן קומט מיט זרחי'ן).

ז ר ח י. נו, וואס מאכסטו, פּייוועל? א גאנצער מומחה, הא? גוט'ן אבענד, מאדאם.

פ י י ו ו ע ל. דאָס איז ר' שמשון דוד זרחי. געלערנט מיט זיי אין תלמוד תורה דקדוק און תנך. איך געדענק נאָך: אח"הע! פּעל, התפּעל — דאס איז דעם דאקטאר'ס מוטער, די מאדאם.

ז ר ח י. ווער קען ניט די מאדאם אין שטאדט? בפרט מיר. אלע טאג האָט אונז אייער אייגענער זוהן דערצעהלט אייערע שבחים... אוי, א זוהן! איהר מעגט יא זאָגען: אשרי מי שבניו זכרים. איך האָב נאר איין טאָכטער. פּייוועל, דו געדענקסט נאָך מיין פּאניען?

פ י י ו ו ע ל. אויב איך געדענק? זי פּלעגט מיך דראפּען ווי א קאץ.

ז ר ח י. איהר דארפט וויסען, זי איז א בת יחידה ביי מיר.

איין מיט'ן ווייבערשען סוד... כא! כא! כא! פייוועל, דו ווענסט דאָך מסתמא זאָגען דעם דאָקטאָר, הם? מאדאם, האָט מיר א גו־טע נאכט. (אב).

מ א ד א ם. פייוועל, ווי געפעלט דיר זיין קאמיסיע?

פ י י ו ו ע ל. ער דערצעהלט נאָר פון ווייבער. ער האָט א ווייב א משולחת און האָט מורא פאר איהר. זי גיט איהם די גאנצע מעדיצינע: פיאווקעס, קאלטע קאָמפּרעסען, הארטשיצניקעס, באנקעס... פערשטאנען?

מ א ד א ם. פערשטאנען, זי גיט איהם די גאנצע מעדיצין און ער דערצעהלט איהר דעם גאנצען ווייבערשען סוד. חע! חע! (אב).

פ י י ו ו ע ל. פאר הונדערט וויזיטען א צוקער־לעקאך. א גליק האָט מיך געטראָפען. אי, ווען וועל איך שוין אויסלערנען דעם דאקטאר זיין א שטיקעל מענש. (לערנט). קולקום ארטעריאזים. (מען קלינגט). שוין דער דאָקטאר? (אב. דאקטאר'ס שטימע, ער קומט מיט פיעל פעקלעך. נאָך איהם פומפיאן).

ד א ק ט א ר. שאדע, פומפיאן, דו ביסט ניט געוועזן. איך האָב אויפגעשניטען ביי חיים שמש דעם קארבונקעל. זעהר גע־לונגען. איך האָב געוואוסט, מסתמא האָב איך ניט קיין ריינעם קאלנער מיט מאנזשעטען, האָב איך געקויפט. (האט אן אנאנדער קאל־נער מיט מאנזשעטען, וועלכע ער האָט געבראכט מיט זיך). איז חיוטין שוין דאָ? קאלעגא, נעהם מיין פולס, אונטערזוך אומיסטען מיין הארץ...

פ י י ו ו ע ל. וואס איז? איהר זייט קראנק, חלילה?... דאָס הארץ? אפשר דארפט איהר טינקטורע דעגאטאלים.

ד א ק ט א ר. עס איז אפשר א הארץ־קרענק... אָבער מיט דער קראנקהייט קרענקט אלץ, וואָס עס לעבט... ברודער, איך בין 45 יאָהר אלט און מיין הארץ שלאָגט זיך יעצט, ווי עס האָט זיך געשלאָגען מיט צוואנציג יאָהר צוריק. ע! האָסט אפשר א זאפּאָנקע? איך וויל היינט זיין א פראנט. וואָס גיבט נייעס?

פון עטליכע אייער האָט זיך אויפגעשלאָגען אַט אזא פולע שיסעל מיט קאשע... מיינע הענד זיינען מיר געשוואָלען און געדראָלען, אבער א גערעטענער טאָרט... די ווייבער קראַכמאַלען זיך און דער דאָקטאר יאַקבי ווייסט ניט... עס איז כלומר׳שט א סוד... איהר האָט דאָך מסתמא געהערט די געשיכטע, ווי מען זאָגט: „א ווייבערשער סוד, גערה האַלט זיך איין“?

מ א ד א ם. זעהט איהר, די געשיכטע האָב איך פונקט דוקא ניט געהערט.

ז ר ח י. עס איז א וואוילע זאַך. (דערצעהלט מיט חשק און שטיקט זיך אליין פון געלעכטער). הינדע, א יודענע האָט באגעגענט יענטען, וועלכע איז אויך געווען, במחילה, א יודענע, און האָט זי אָנגעהויבען שעלטען: סטייטש! איך האָב דיר דערצעהלט א סוד און דו ביסט געגאַנגען און האָסט צופויקט איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל! זאָגט יענטע: עס איז א גרויסער ליגען מיט א בלבול! ערשטענס, האָסטו מיר קיין מאָל אין מיין לעבען קיין זאַך ניט דערצעהלט, דאָס איז איינס. צוויי־טענס, איך קען דיר שווערען ביי׳ם הייליגען פּרוכת, אז איך האָב ניט געוואוסט, אז דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט, איז א סוד, דאָס איז צוויי. דריטענס, ביסט אליין שולדיג... אז דו זאָלסט מיר גלאַט אזוי דערצעהלען, וואָלט איך זיך געקענט איינהאַלטען. באַלד אָבער עס איז א סוד?... נו, גערה האַלט זיך איין מיט א ווייבערשען סוד! כא! כא! כא! כא! (פערהוסט זיך שטאַרק און לאַכט). גערה האַלט זיך איין מיט׳ן ווייבערשען סוד... כא! כא! כא! האָט מיר א גוטע נאַכט. (געהט, הוסטענדיג).

מ א ד א ם. ר׳ שמשון דוד זרחי, וואָס־זשע איז געווען אייער קאָמיסיע?

ז ר ח י. הערסט א קאָפּ! והעיקר שכחתי. זיי האָבען מיך געשיקט בעטען דעם דאָקטאר, אויב ער קען היינט אין אָבענד זיין אין דערהיים, ווארום אימיצער וויל קומען... יאַקבי דער דאָק־טאָר ווייס ניט ווער איז דער „אימיצער“... עט! גערה האַלט זיך

ד אָ ק ט אָ ר. די געבילדעטע פרויען ווייסען אָבער צו פיעל, דאָס איז נאָך ערגער. פּאמפּיאן, עס איז בעסער, וואָס וועניגער פאלשע ציוויליזאציע און וואָס מעהר נאטור.

פ י י ו ו ע ל. וואס מעהר נאטור! וויפיעל נאטור קען פאניע זרחי׳ס האָבען? זי די דאָקטאָרשע?! זאָל איך בעסער פריהער איינגעהמען א מיתה משונה!...

ד אָ ק ט א ר. זעהסט, פּייוועל, און איך האָב שטענדיג גע־מיינט, אז דו ווינשט מיר גליק... צום סוף...

פ י י ו ו ע ל. איך ווינש אייך אודאי גליק און אויב איהר פערשטעהט... איהר זייט א געלערנטער... און אויב עס ווענדעט זיך אָן מיר, איך ערלויב... דאקטאר, איך ערלויב אייך...

ד א ק ט א ר. ביסט ניט דאגעגען? (דריקט זיין האַנד). ביסט א בראווער יונגאטש. הער, מיר וועלען היינט האָבען א קליינע וועטשערינקע... נא דיר געלד... הויב אויף די נאָז!... איך וויל היינט ניט זעהן קיין זויערע פנים׳ער ארום זיך... סאלדאט, סטאי פּריאמא, סמאטרי בראווא! סמירנאָ!... כא! כא! הער־זשע, נא דיר געלד און ע... מיר וועלען מאכען פּונש ווי שטענדיג... די ליכט אויס... פערשטאנען? (זאָגט איהם עטוואס שטיל. חיוטין קומט און געהט גלייך צום שראנק מיט ביכער. דער דאקטאר כאפּט איהם פון הינטען פאר די הענד). עי! קאָמאנדיר, איהר שלעפּט שוין ווידער מיינע ביכער?

פ י י ו ו ע ל. לכל הפחות, אז זי וועט זיין, וועט מען ביי איהם ניט שלעפּען... פאניע זרחי׳ס, א ווייב מיט נאטור! פערשטא־נען? אוי, וועה איז מיר. (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. קעשענע שניידער, איהר מאכט דאָך א תל פון מיין ביבליאָטעק. מערדער, באנדיט! רינאלדא רינאלדיני!

ח י ו ט י ן. אוהו! די נידריגע אינסטינקטען פון איין אייגענ־טימער האָבען זיך אויפגעוועקט ביי אייך, איהר זאטער בורזשוא, וואס איהר זייט. ביי אייך דארפען ביכער ליעגען אין שאפעס, ווען די, וואָס האָבען ניט קיין מיטלען, האָבען ניט וואָס צו לעזען?

פ י י וו ו ע ל. קיין זאפּאַנקע האָב איך ניט — סיידען איהר ווילט א סאָלדאטסקען קנעפּעל. חיוטין דער קבצן איז דאָ... און קיין אנדער נייעס איז ניטאָ, נאָר וואָס זרחי איז דאָ געוועזן מיט'ן ווייבערשען סוד...

ד א ק ט א ר. פּומפּיאַן, אין דעם ווייבערשען סוד איז פער־באָרגען נאָך א גרעסערער סוד, פון וועלכען זרחי אליין ווייסט נאָך ניט... קענסט פערבינדען א האלזטיכעל, ניט אזוי ווי איך מאך פּשוט א קניפּעל, נאָר מיט א באנטיק? (פּומפּיאַן פערבינדט איהם דאָס האלזטיכעל). הער, וואָס וואָלסטו געזאָגט, אז דו זאָלסט פּלוצ־לונג דערהערען, דאָקטאָר גאָלדענווייזער וויל חתונה האָבען? וואָלסט ניט געקראָגען די אפּאפּלעקסיע, האַ?

פ י י וו ו ע ל. פערקערט, איהר דאַרפט א ווייב זאָל אויף אייך אכטונג געבען... איך קען דאָך ניט מעהר ווי צונעהען א קנעפּעל, אָבער ווייטער... פערשטאַנען?

ד א ק ט א ר. יאַ, ברודער פּומפּיאַן, עס איז ניט גוט צו זיין אליין. הער, איך ווייס, דו ביסט מיר א גוטער פריינד און פריהער פון אלעמען וויל איך זיך מיט דיר אָן עצה האלטען. דו ווייסט, איך... מיר דאכט זיך, איך וועל נעהמען און וועל מיט דעם... ע... מיט זרחי'ס טאָכטער...

פ י י וו ו ע ל. פאניע זרחי'ס! זעהט איהר פון אזא בשורה קען יאַ א קלאַפּ טאָן די אפּאפּלעקסיע...

ד א ק ט א ר. זי איז ניט קיין נאַר... גאַר ניט קיין נאַר. אמת, זי איז ניט ענטוויקעלט, ביי אונז אין הויז אָבער וועט זי זיך ענטוויקלען!... זי האָט אין זיך גוטען מאטעריאל.

פ י י וו ו ע ל. יאַ, זי וועט זיך ענטוויקלען! אזא קבצנישע קישקע! זרחי'ס טאָכטער האָט גוטען מאטעריאל!

ד א ק ט א ר. זי איז א געזונטע. דאָס איז זעהר וויכטיג, ווען מען געהט חתונה האָבען...

פ י י וו ו ע ל. א געזונטע שטיק פליישׁ. ווייסט פון קיין זאך...

רעכט פון יעדען מענשען פערלאָזען זיך אויף זיך אליין... אלע מענ־
שען דארפען זיין גליקליך, און ווער רעדט אזא מענש ווי איהר...
אויב איהר מיינט, איך בין אייך ניט קיין גוטער פריינד, פערשטעהט
איהר מיך ניט... איך אָבער פערשטעה אייך און האָב אייך ליעב...
אז ניט, וואָלט איך ניט ווערט געווען — די ערד זאָל מיך טראָגען...
און ווייטער מעגט איהר אייך געהן אפילו צום טייפעל. (געהט).

ד אָ ק ט אָ ר. (לאזט איהם ניט). הערסט, איך וויל געהן חתונה האָבען און ער שיקט מיך צום טייפעל! חיוטין, יעדער מענש האָט א רעכט גליקליך צו זיין? הא? איא, עס איז ניט לעכערליך, ניט עגאָאיסטיש, ווען איך וויל א ביסעלע גליק פאר זיך? איהר ווייסט, איך האָב ניט קיין היים איצט. ווען איך בין געווען יונגער, האָב איך ניט געפיהלט. ברודער, איך ווער אלט, דאָס לעבען געהט אוועק און... חיוטין, ברודער, איז דאס א פערברעכען, ווען איך זוך כאָטש א קליין ביסעלע פערזענליכען גליק פאר זיך אליין? (אומארמט איהם. אליע לויפט אריין).

א ל י ע. פאפאטשקע, ווילסט צוקוועטשען מוסיו חיוטין?

ד אָ ק ט אָ ר. דאס קינד! חיוטין, איך האָב מורא, זי וועט ניט ערלויבען... קום אהער, ליאליע, איך דארף מיט דיר רעדען... דו ביזט א קלוגע פרוי. חיוטין, זי איז שוין 12 יאָהר געוואָרען. (נעהמט זי אויף די קניע). איאָ, אליעטשקע, דו האָסט מיך ליעב?

א ל י ע. אי, פאפא, וואס פרעגסטו דאָס? (נעהמט איהם ארום מיט איהרע הענטלעך).

ד א ק ט א ר. עס איז שוין מעהר פון פינף יאָהר, אז דיין מאמא איז געשטאָרבען...

א ל י ע. זעהסט, פאפא, האָסט שוין מיר לאנג צוגעזאָגט צו קויפען א בלאָען מעדאליאָנטשיק מיט דער מאמא'ס בילד.

ד אָ ק ט אָ ר. יא, אליעטשקע, איך וועל דיר קויפען... (ווערט אנשוויגען). אליע, אנקעל מארק איז נאָך ניט געקומען פון באנק?

א ל י ע. אָבער, פאפא, דו האָסט מיר וואס געוואָלט זאָגען. (די מאַדאַם קומט און בלייבט שטעהן אונבעמערקט).

נו, יאָ, אַז איך דאַרף אַ בוך, וועל איך אייך באַלד געהן פרעגען! קומט בעסער אהער, איהר אָבגעפרעסענער בורזשוי... ששש... אונ־זערע... מיר דאַרפען געלד... ניש'קשה עס מעג אייך קאָסטען, איהר שלעפּט אַרוים געננוג געלד ביי'ם פאָלק... (זאָגט עפּיס שטיל).

ד אָ ק ט אָ ר. אַזוי? ביי'ם פאָלק? חיוטין, איך גיב אייך געלד, ווייל פּונקט היינט וויל איך זיך מיט אייך ניט קריגען. נאַט, דאָס גיב איך אייך אַ טייל פון סקאַרלאַטין, דאָס האָט איהר אַ חלק פון קדחת, דאָס האָט איהר אייער פּאַרציע פון אַ געשוויר. כאַ! כאַ! (גיט איהם עטליכע אַסיגנאַציעס). איהר ווייסט, חיוטין, וואָרום איך הנפ'ע זיך צו'ן אייך? איך האָב בעשלאָסען — חתונה האָבען... און וויל ניט, איהר זאָלט מיך קריטיקירען...

ח י ו ט י ן. נו, יאָ, נעהמען אַ מאַדאַמשע אין שטוב, וועלכע וועט דאַרפען שליאַפּקעס, שעמיזעטקעס, מאַנטאָנען, פאַנטאַלאָנען, און דער רוח ווייס נאָך, וואָס זיי דאַרפען דאָרטען...

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין, איהר האָט אַ טעות, איך נעהם איין איינפאַכעס מיידעל, אַ קינד פון פאָלק. (זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ און שפּיעלט דאָס זעלבע, וואָס זיין מוטער האָט געשפּיעלט. פּויזע). נו, חיוטין, ווי מיינט איהר?

ח י ו ט י ן. ע! איהר מאַכט שפּאַס פון'ם פּראָלעטאַריער...

ד אָ ק ט אָ ר. יאָ, פּראָלעטאַריער, אַ פּראָפּאָ... איהר זייט ניט זעהר קיין שטאַרקער גבור... עס געהט ווינטער, קאַלט, נאַס... איהר דאַרפט אַ פּאַלטאָ, שטיוועל... איך קען אייך געבען פאַראַוים...

ח י ו ט י ן. (בייז). הערר דאָקטאָר, עס איז ניט אייער באַ־בע'ס עסק, וועלכע שטיוועל איך טראָג! איך דאַרף ניט קיין טובות!... אַז עס וועט מיר קומען פון אייך, וועל איך מאָנען...

ד אָ ק ט אָ ר. אוי, משוגענער! איך געה טון אַזאַ פעראַנט־וואָרטליכען שריט, האָב זיך געוואָלט בעראַטען ווי מיט אַ גוטען פריינד... נו, געה, רעד צו זיי!

ח י ו ט י ן. הייסט עס, איהר מיינט טאַקי ווירקליך? וואָס זשע מישט איהר אַריין די שטיוועל? דאָקטאָר, איהר האָט מעהר

מ א ד א ם. לאכען? יעווגעני, זאָל מען נאָר ניט דארפען וויינען...

ד אָ ק ט אָ ר. ביסט בייז אויף מיר?... און איך האָב געוואָלט בעטען דיין הילפע... איך ווייס, אונטער דיין איינפלוס קען מען ווערען א מענש... מען דארף זי לערנען... מען דארף זי בילדען. ביסט ניט בייז אויף מיר?

מ א ד א ם. איך זאָל אויף דיר בייז זיין?... איך האָב געהערט, וואס דו האָסט געענטפערט דיין קינד, און דאס זעלבע זאָג איך דיר... מיין קינד, אויף דיר בייז ווערען? איידלער מענש און עהרליכער מאן?... דו פערשטעהסט געווים, וואס דו טוסט... און, יעווגעני, צווייפעלסטו; אז איך וועל איהר זיין א מאמא?... שש... דארפסט מיר גאר ניט דערצעהלען... די, וועלכע דו רעכענסט ווירדיג צו ברענגען אין דיין הויז, ווער זי איז, זי איז מיין קינד...

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, טייערע, גוטע מוטער!... (אומארמט זי און קושט). און דו האָסט מיך געשראָקען מעהר פון אלע. (מען קלינגט). מאמא, ענטשולדיג, פומפיאן איז ניטאָ. (לויפט עפענען).

מ א ד א ם. איך האָב נאר מורא, גרויסע ערנסטע מענשען זיינען אָפט בלינד, ווי קינדער... אָה, ווי גרויזאם עס ויעט זיין, אויב ער, אין זיינע יאָהרען, וועט מאכען א מיאוסען פעהלער!...

(דאָקטאָר און מארק קומען).

ד א ק ט אָ ר. מארק, האָסט געטראָפען ווען צו קומען, פונקט צו דער צייט...

מ א ד א ם. מארק, דו ווייסט. איך געפעל ניט יעווגענין אלס ווירטין, טוט ער מיר אב און האָט חתונה...

מ א ר ק. חתונה? דאס איז ניט פראקטיש... א פערהייראטער דאקטאָר פערליערט זיין אינטערעס ביי די רייכע פאציענטקעס... וואו איז דיין פעלדשער?... אין קארידאָר אָנגעווארפען אפשר צוואנציג פאָאר קאלאָשען... ער ארבייט ביי דיר צו פיעל!... אזא פאראזיט!

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב געוואָלט זאָגען: דו וועסט גיך אויס־וואקסען, ווערען א גרויסע, דאן וועט אימיצער קומען און וועט דיך צונעהמען, און איך וועל בלייבען אליין... די גרענד מאמא איז אלט...

א ל י ע. פאפא, איך פערשטעה... דו ווילסט נעהמען אנאנדער מאמא. (וויינט). איך וויל ניט... איך וויל ניט!...

ד אָ ק ט אָ ר. וואס זשע וויינסטו, נאר? אויב דו ווילסט ניט, דארף מען ניט. איך וועל געוויס ניט פערביטערען דיין לעבען צוליעב זיך. (לאזט זי אראָפּ פון די קניע). איך האָב אייך געזאָגט, חיוטין, אליע וועט זיין דאגעגען...

א ל י ע. פאפאָטשקע, איך ווייס גאר ניט... אויב דו מיינסט, אז די, וועלכע דו זאָגסט, וועט זיין א גוטע און וועט דיך ליעב האָ־בען, ווי איך, ווי די באבוסיע... (וויינט). אָבער איאָ, פאפאָטשקע, מיך וועסטו אויך ליעב האָבען?... (חיוטין ווישט בגנבה זיינע אויגען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, קינד, דו וועסט מיר זיין נאָך טייערער, נאָך ליעבער. (אומאַרמט זי און קושט. די מאדאם קערט זיך אב און ווישט א טרער).

א ל י ע. אבער איאָ, פאפא, דו ביסט ניט בייז אויף מיר?

ד אָ ק ט אָ ר. איך זאָל זיין אויף דיר בייז?... צארטעס, נאָבלעס קינד... (דריקט זי צו זיין הארצען). נון, און יעצט, אליע, געה שיק מיר די באבוסיע...

מ א ד א ם. איך בין דא, יעווגעני... דארפסט ניט שיקען נאָך מיר... (אַלע איבערראַשט). איך האָב ניט געוואָלט אונטערהערען און האָב דאך אלץ געהערט.

ח י ו ט י ן. קום, ליאליע, איך דארף דיר וואס זאָגען... (ביידע געהען). דו, פרוי פון 12 יאָהר! (ביידע אב).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמע, איך ווייס ניט, ווי וועל איך וואגען דיר ערקלערען... איך האָב מורא, איך וועל פערליערען דיין אכטונג... דו וועסט לאכען פון מיר.

ש ר ה   ה י נ ד ע. מעגסט אבלעגען אויף שפעטער דיין וואוילע זאך. (דער דאָקטאָר צינדט אָן אין קאַבינעט לאָמפּען און ליכט. פאַניע בעטראַכט אלץ אין שטוב און לאזט אראָפּ דעם קאָפּ).

ז ר ח י. קריגען זיך דערפאר איז ניט כדאי.

מ א ד א ם. נײן, נײן! דערצעהלט אונז די וואוילע זאך... מיר ווילען הערען... א געראָטענער טאָרט!

ז ר ח י. אין חומש, אין סדרה בראשית איז בעשריבען, ווי גאָט האָט בעשאפען אונזער מוטער חוה. אין סדרה נח שטעהט בע־שריבען, ווי נח האָט געבויט זיין תבה פון פימסען־האָלץ און האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווייניג און פון דרויסען מיט פעך... ביי א יודענע האָט מען ארויסגעריסען פון איהר עברי טייטש חומש א פּאָר בלעטלעך, זאָגט זי זיך: (מיט א ניגון) „און גאָט האָט אויס־געשניטען א ריפּ ביי אדם הראשונ׳ן און האָט בעשאפען חוה׳ן, פון פימסען־האָלץ, און ער האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווייניג און פון דרויסען מיט פעך“. פע, זאָגט זי, אויף דיר רב״שע, האָב איך זיך דאָס ניט געריכט. אויסשמירען אונזער מוטער חוה פון אינע־ווייניג און פון דרויסען מיט פעך... כא! כא! כא! (הוסט). פע! איך האָב זיך ניט געריכט. (לאַכט און הוסט. אלע לאכען. דער דאָק־טאָר פירט פאַניען אין זיין קאַבינעט. פּומפּיאַן קומט מיט פערשי־דענע פעקלאך).

ד אָ ק ט אָ ר. זיצט, פאניע, דאָ ביי מיר... דאָס איז מיין קאבינעט.

פ י י ו ו ע ל. אז דער דאָקטאָר האָט א פאציענטין, מעג מען דאָך פערציהען די פארטיערען. פערשטאנען!

ד אָ ק ט אָ ר. פּומפּיאן! אזא נאר! ער מיינט, איהר זייט א פאציענטין. נו, זאָל זיין אזוי, פאניע. איך וועל אייך זאָגען די װארהייט, איך האָב אייך ערווארטעט מיט אונגעדולד. (בעטראכט זי) מיין פאציענטין זעהט גוט אויס. רויט... געזונד... די אויג־לעך גלאנצען...

מ א ד א ם. וואס ליעגען דיר איצט אין זין די קאלאָשען?

מ א ר ק. אָבער איך וויים, מען רעדט שוין לאנג אין שטאדט, ער שדכנט זיך צו ליליענוואסער'ס טאָכטער... אזא פארטיע בע־צאהלט זיך שוין. א רייכע אלמנה, דער פאטער איז דירעקטאָר פון שפיטאָל... אָט האסטו דיר, די אידעאליסטען, און אז עס קומט צו וואס, זיינען זיי געשעפט־מענשען.

ד אָ ק ט אָ ר. מארק, האסט א טעות... איך האָב חתונה ניט צו מאכען גוטע געשעפטען. איך נעהם איין ארעמעס מעדכען... (מען קלינגט). אוי! איך וואָלט איצט ניט געוואָלט קיין פאציענטען. (לויפט עפענען).

מ א ר ק. ער מיינט עס ערנסט? נו, וואס זאגסטו, מאמא, צו דעם אלטען נאר?... ער שפיעלט זיך נאָך אין ראמאנען...

מ א ד א ם. מארק, מיר האָבען ביידע ניט קיין רעכט און ניט קיין שכל איהם צו לערנען! (מען הערט דעם דאקטאר'ס פרייליכע שטימע. ער קומט צוריק, נאָך איהם זרחי, שרה הינדע און פאניע מיט א טארט).

א ל ע. גוטען אבענד! גוטען אבענד!

ד אָ ק ט אָ ר. גוטען אבענד. זיצט, זיצט... דאס איז הער זרחי, זיין פרוי, זייער טאָכטער פאניע... (שרייט אין טיר). נאטא־שא, דאי טשאיו!

מ א ר ק. וואס איז דאָס? געסט פון דעמאָקראטישען קווארטאל?... אוהו!

פ א נ י ע. (זעהר פערשעמט). מאמע, זאג דו בעסער... איך האָב פארגעסען די גאנצע רעדע... הער דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראכט א טאָרט... און ווי אזוי צו דאנקען, וויים איך ניט...

ש ר ה ה י נ ד ע. אָט האָסטו דיר א העלד! פע, פאניע, אויף דיר האָב איך זיך ניט גערעכנט...

ז ר ח י. פע, רב"שע, אויף דיר האָב איך זיך ניט גערעכנט... מע דערצעהלט וועגען דעם א וואוילע זאך.

גער, דער דאָקטאָר זאָל מיך נעהמען? פלעג איך זיך אליין דער־שרעקען...

ד אָ ק ט אָ ר. אהא, איהר דערשרעקט אייך אויך...

פ א נ י ע. איך דערשרעק זיך ניט פאר א קוש, אזוי ווי איהר, און האָב ניט מורא פאר א מאן, ווי איהר האָט מורא פאר א פרוי.

ד אָ ק ט אָ ר. ווי ווייסט איהר, אז איך האָב מורא פאר א פרוי?

פ א נ י ע. (לאַכט). איך זאָל אנאנדערן אזוי געפעלען ווי אייך, וואָלט ער... ניין, איך האָב מורא גאר פאר אנאנדער זאך. איהר זייט אלע געבילדעטע דאָ אין הויז, אזוי פיעל ביכער מיט א פארטאָפיאן, אייערע זיינען אלע אריסטאָקראטען, איך וועל ניט וויסען, ווי אזוי עסען ביי'ם טיש, ווי אזוי זיך פיהרען און וואס זאגען.

ד א ק ט אָ ר. ע! נארישקייטען! איהר וועט אייך גיך צו־געוואוינען. איהר וועט דאָ ניט זיין א פרעמדע, איהר וועט דא זיין דיווירטין.

פ א נ י ע. יא, דא אין שטוב איז ניטאָ קיין ווירטין. דאָרט אויפ'ן טיש האָב איך געזעהען א גאָפעל מיט א טעלער, אויפ'ן קושעטקע א קליידער־בערשטעל... דאָ אויפ'ן טיש וואלגערט זיך געלד. איהר האָט דאָך א פרעמדען מענשען אין שטוב... דער פומ־פיאן איז דאָך ביי אייך, וואס הייסט אוועקווארפען געלד? אין קארידאָר א בארג מיט קאלאָשען... דער ארבעל דאָ ביי אייך צו־געשפילעט מיט א שפילקע... וואס טוען די דיענסטען דאָ?

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז אזוי אנגענעהם צו וויסען, אז אין שטוב וועט זיין א פרוי, וועלכע וועט זיך בייזערען. און איהר יונגע שטימע וועט קלינגען איבער אלע צימערן און מיר וועלען אלע פאר איהר מורא האָבען...

פ א נ י ע. גיט, איך וועל אייך בעסער צושטעכען דעם אר־

פ א נ י ע. דאקטאר, וואס פאר א סעקרעט ווילט איהר מיר היינט זאגען! איך וויל אזוי וויסען דעם סעקרעט.

ד אָ ק ט אָ ר. דעם סעקרעט? פאניע, דער גאנצער סעקרעט איז — איהר געפעלט מיר.

פ א נ י ע. סך הכל? דאָקטאָר, דעם סעקרעט וויים איך לאנג. וואס מיינט איהר, איך האָב ניט בעמערקט ווי אזוי איהר פלעגט קוקען אויף מיר, ווען איהר פלעגט מיך אונטערזוכען? און דאס וואס איהר פלעגט אזוי אָפט קומען צו מיר כלומר'שט געוואר ווערען... איך בין ניט קיין קליינינקע מיידעלע, איך בין 20 יאָהר אלט.

ד אָ ק ט אָ ר. גאנץ אָפען, הא? כא! כא! דאס געפעלט מיר. א געבילדעטע מאמזעל וואָלט זיך געמאכט, אז זי פערשטעהט גאָר ניט, און איהר זאָגט פשוט: אָט אזוי איז דאָס!... פאניע, וואס וואלט איהר געטון למשל, ווען איך זאָל אייך פלוצלונג ארומ־נעמען און געבען א קוש? אוי, איך האָב זיך שוין אליין דער־שראָקען.

פ א נ י ע. וואס דארפט איהר אייך שרעקען? וואס מיינט איהר, מען האָט מיך קיין מאָל ניט געקושט און ניט ארומגענומען? פאר וואס ניט? אוי, דאקטאָר, נאָך וואס טראגט איהר אזא לאנגע באָרד? איהר זאלט זי אבשערען, וואָלט איהר אויסגעוויזען א סך יונגער. ווארום איך מיין, איהר זייט נאָך זעהר א געזונטער מאַן.

ד אָ ק ט אָ ר. מיט אנדערע ווערטער, דאס הייסט איך גע־פעל אייך? זאָגט דעם אמת, איהר וואָלט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבען?

פ א נ י ע. געהט, געהט איהר מאכט שפאס פון מיר... אזא גרויסער מענש... א דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך בין ניט דער מענש, וואס מאכט שפאס פון הייליגע געפיהלען.

פ א נ י ע. דעם אמת געזאָגט, ווען איך בין געלעגען קראנק, האָב איך אָפט גלאט אזוי געטראכט, וואס וואָלט געווען א שמיי־

ניט פערגעסען, די ארעמע פרוי ווארט דאָרט... איהר עלטערער זוהן... (וויל לויפען). איהר מוזט מיך ענטשולדיגען.

מ א ד א ם. יעווגעני, ווילסט אוועקגעהן? היינט מעגסטו זיך נעהמען צייט.

ש ר ה ה י נ ד ע. דער דאָקטאָר וועט קיין צייט ניט האָבען חתונה צו האָבען...

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז טאקי איצט א גרויסע פרייד ביי מיר, אָבער דאָרט ווארט אויף מיר א קראנקער... פריהער פון אלץ בין איך דאָקטאָר! (לויפט אין קאַבינעט). איך קום באלד.

פ ו מ פ י א ן. דער קראנקער זאָל פיהלען שלעכט וואָלטען זיי זיך ניט געשעמט, זיי וואָלטען שוין דאָ געוועזען פינף מאָל... קבצנים צערעמאָניען זיך ניט מיט אייך... איהר קענט דאָך אָבלעגען אויף שפּעטער.

ד אָ ק ט אָ ר. הא? ! יא, איך וועל מיר ערלויבען היינט איין האלבע שעה... ברודער פומפּיאן, דעם פונש! (ער געהט צו דער פיאנא און שפּיעלט דיזעלבע זאַך, וואס פריהער. פומפּיאָן צינדט אָן דעם פונש).

ז ר ח י. שרה הינדע, וואס? (שש! זי לאָזט איהם ניט רעדען. פומפּיאן פערלעשט אַלע לאָמפּען, עס ווערט דונקעל, דאָס צימער בע־לויכטען נאר פון דעם פייער פון פונש. אַלע בלייבען זיצען גאַנץ שטיל. דער דאקטאָר שפּיעלט פּיאַנא).

א ל י ע. (לעהנט זיך אָן אויף חיוטינ׳ס האנד). מוסיו חיוטין, איאָ עס איז שען?... א בלאָער פייער. אקוראט ווי אין די הימלען, דאָרט, וואו מיין מאמא איז... (דאקטאר הערט פלוצלונג אויף שפּיעלען און שפּארט זיך צו צו דער פּיאַנא. אַלע איבערראַשט).

פ אָ ר ה א נ ג.

בעל... (שטעלט זיך זעהר נאָהענט צו'ן איהם און שטעכט איהם צו דעם אַרבעל).

ד אָ ק ט אָ ר. (ליידענשאַפטליך). פאַניע, איך האָב דיך ליעב... ביסט א קלוגע, האָסט שוין דאס לאַנג געזעהען און פערשטאַנען. (אומאַרמט זי און קושט). נעהם מיין האַנד און קום, איך וועל דיך פאָרשטעלען אלס צוקונפטיגע מאדאם גאָלדענווייזער.

פ א נ י ע. שוין ? אוי, דאָקטאָר, איך האָב אזוי מורא.

ד אָ ק ט אָ ר. פאַניע, נעהם מיין האנד און זיי רוהיג. די האנד האָט ניעמאָלס וועמען געפיהרט צו'ם שלעכטען. (פיהרט זי, עפענט די פאָרטיערען. ביי'ם טיש זיצען זרחי, שרה הינדע, חיוטין צוזאַמען מיט אַליען. מארק פון דער ווייטען. ביי דער טיר גאַטאַשאַ מיט אַ פאַדנאָס אין האַנד. אויפ'ן טיש גלעזער מיט טיי. אין מיטען טיש אַ גרויסע זילבערנע וואַזע מיט פונש. פּומפּיאַן סערווירט).

ד אָ ק ט אָ ר. טייערע מאמא, האָב די עהרע דיר פאָרשטעלען דאס מעדכען, וועלכע... (פערווירט).

מ א ד א ם. יעווגעני, איך ווייס שוין. קום אהער, פאַניטשקע. (נעמט זי ביי'ם האנד און בעטראַכט זי).

א ל י ע. (שטיל צו חיוטינ'ן) מוסיו חיוטין, איז זי ?

ח י ו ט י ן. אליע, אזא מענש ווי דיין פאַפּא פערדיענט, אלע זאָלען זעהען, ער זאָל זיך גליקליך פיהלען.

מ א ר ק. (אפּאַרט). הם, אונזער אידעאַליסט נעהמט א מאטע־ריאַליסטישע ווייב, טאקי א ווייב...

ד אָ ק ט אָ ר. נון, מיינע ליעבע, איצט וועלען מיר זיך אלע זעצען א ביסעל פערברענגען... מאכען א פונש...

פ י י ו ו ע ל. דער פונש איז שוין געמאכט, ווי איהר מאכט שטענדיג אין גרויסע יום טובים (געהט פערלעשט די ליכט אין קאַ־בינעט).

ד אָ ק ט אָ ר. מארק, וואס שטעהסטו פון דער ווייטען ? איך האָף, איהר וועט זיין גוטע פריינדע. (מארק דריקט איהר האַנד און זעצט זיך לעבען איהר ביי'ם טיש). פּייוועל ! זעה נאר, שיער

איהם נאָזטיכלעך... דאָ — א קאסטיום איבערצובייטען. איך זאָרג פאר דעם, און ער קווועלט דערפון. איך זאָל האָבען מעהר צו טון דאָ, וואָלט מיר אפשר דאָ ניט געווען אזוי אומעטיג.

שרה הינדע. וואס ביסטו געקומען אהער א דיענסט זיין? א שענע מציאה!

פאניע. מיר איז זעהר אומעטיג דאָ. אָט איז איצט סכות, יום טוב ביי לייטען. מען טוט זיך אָן שען, מען געהט צו גאסט... ביי זיי איז יום טוב, אין דער וואכען, שבת — אלץ איינס. אפנים זיי גלויבען ניט אין גאָט... איך ווייס זעהר, יא גאָט, ניט גאָט. נאר אז עס ניטאָ קיין גאָט, זאל זיין עפּיס אנדערס... אז עס איז גאר ניט ניטאָ, איז אומעטיג.

שרה הינדע. נו, און וואס טוען זיי? פאר וואס איז זיי ניט אומעטיג?

פאניע. איך ווייס? זיי לעזען, זיי רעדען פון אזעלכע זאכען, וואס איך ווייס ניט. ער זעצט זיך גאר אנידער אויף א גאנ־צע נאכט מיט'ן נאָז אין בוך אריין... דאָס מאכט מיך אמאָל אזוי בייז, אז איך וואָלט, דאכט זיך, גענומען און צוריסען אלע ביכער... די אלטע שפּיעלט פּיאנא, און איך קען ניט, אזא בושה... זעהסט, איך האָב פערגעסען. (זוכט אין די קעשעניעס פון דעם צוגעגרייטען קאָסטיום). יא, וואס דען? א רובעל... אזא תם... געהט אום ווי אין עולם התהו... דו קענסט בערעכענען, וויפיעל געלד פייוועל האָט ביי איהם אָנגע'גנב'עט... ער איז מסתמא שוין א'ן עושר.

שרה הינדע. דו זיי ניט קיין גולם און קוק מיט אויגען! אויב דו ווילסט, פאניע, קענסטו דאס געלד קלייבען ביי מיר. מאלע וואס עס מאכט זיך חלילה.

פאניע. ניש'קשה, איך קען אליין בעהאלטען, ווען מען דארף. (בעהאלט דעם רובעל).

שרה הינדע. האָט ער דיר געמאכט א נייע פלאטיע אויף יום טוב? דארפסט זיך ניט שעמען פאר איהם. ער איז מחויב

צווייטער אקט.

דאסזעלבע צימער, נייע מעבעל. ארדנונג. נאַכט. אין ביידע אב־טיילונגען ברענען לאָמפּען. זרחי און די מאַדאַם זיצען אין דער צוויי־טער אבטיילונג ביי אַ קליין טישעל און שפּיעלען אַ דאַמקע, לעבען זיי אָליע, וועלכע מאכט פון די פּעשקעס קאָלאָנען... שרה הינדע און פאַניע זיצען אויף א קושעטקע און רעדען שטיל.

ז ר ח י. געגאנגען זאָל ווערען... איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר שפּיעלט ווי א מזיק. א יודענע זאָל אויך האָבען א קאָפּ.

מ א ד א ם. און אז א מאנסביל האָט א קאָפּ, אין וועלכען אנשטאט געהירען ליעגען ווייבערשע געשיכטעס?

ז ר ח י. ע! איהר קריגט זיך מיט מיר? וועל איך אייך מא־כען צוויי בערדעם מיט א שטיבעלע.

פ א נ י ע. קום אהער, מאמע. (זיי געהען אין דאקטאָר'ס קאַבינעט).

ש ר ה ה י נ ד ע. (געהענדיג). פּרא אדם, מיין ניט, אז דו שפּיעלסט אין דאמקע מיט חצקאל ציזשיק!...

א ל י ע. באבוסיע, זי בייזערט זיך; ווייל דער יוד האָט גע־זאָגט א נארישקייט?

מ א ד א ם. פוי! אליע, אן עלטערער מענש זאָגט קיין מאָל קיין נארישקייטען!

א ל י ע. קיין מאָל ניט? טאקי קיין מאָל ניט?...

מ א ד א ם. (לאַכט). זי גלויבט ניט... ווי מיינט איהר, ר' זרחי, טאקי קיין מאָל ניט?...

ז ר ח י. געגאנגען זאָל ווערען. (זיי שפּיעלען).

פ א נ י ע. זעהסט, מאמא, דאָ אויפ'ן טיש ליעגען פאר

אָהן א סטראשונאַק קען מען ביי זיי עפּיס אויסנארען ?... רב"שע, דו הערסט איך פאָהר צו מיין שוועסטער אויף סכות... כא ! כא ! כא ! (הוסט און לאַכט). צו מיין שוועסטער... כא ! כא ! כא ! (אליע לאכען, בעזאנדערס אָליע. מארק קומט פון זיין צימער).

מ א ר ק. (מיט אַ גרימאַסע). אה, וועלכע געסט ביי אונז, גרויסארטיג ! מיט א וויזיט, הא ? גוטען אבענד.

א ל י ע. איא, באבוסיו, אָנקעל מארק קומט יעצט שטענדיג זעהר פריה אהיים ?

מ א ד א ם. יא, טאקי, מארק, ביסט עפּיס די לעצטע צייט געווארען א סטאטעק. ר' שמשון דוד זרחי, אָהן חרטה איז אָהן חרטה... געגאנגען זאָל ווערען, געהט מען... (זיי שפּיעלען. מאַרק געהט אינ'ם דאקטאָר'ס אבטיילונג. זעצט זיך אין אַ ווינקעלע).

פ א נ י ע. (געהט צון איהם). וואס בעהאלט איהר זיך ? איך שטעהט ניט אָן אונזער קאָמפּאניע ? (אָליע לאָזט פון זיי ניט אראָפּ די אויגען).

מ א ר ק. פאניע ביסט געזונד ווי א סאָלדאט.

פ א נ י ע. א העזה פון אן אריסטאָקראט ! איך זאָג איהם, „איהר" און ער זאָגט מיר „דו".

מ א ר ק. דו נאר, פאר וואס זאָגסטו מיר ניט „דו".

פ א נ י ע. איך האָב עטליכע מאָל געוואלט פּרובען זאָגען דער שוויגער מאמא, דעם דאָקטאָר — יעווגעני און איך — „דו" ; נאר אז מען פיהלט ניט, קערט זיך ניט די צונג.

מ א ר ק. פאר זיי ארט מיך ניט. — זיי זיינען אלטווארג, אָבער מיט מיר האָסטו שוין לאנג געדארפט זיין א גוטער ברודער... פאניע, דו זאָלטסט פיהלען, וואָלט זיך שוין ביי דיר די צונג גע־קערט.

פ א נ י ע. וואס מיינט איהר ?

מ א ר ק. דו פערשטעהסט שוין זעהר גוט, וואס איך מיין. אזעלכע שענע, אפּעטיטנע ווייבלעך ווי דו פערשטעהען אויפ'ן וואונק.

מאכען דיר קליידער און קויפען ציהרונג. צוליעב וואס דען האָסטו חתונה געהאט פאר א׳ן אלטען ?

פ א נ י ע. וויים איך ! ער האָט מיר געקויפט א זייגערעל, מיינט ער עס איז א גאנצעם גליק... איך האָב ניט קיין דימענטענע אוירינגלעך, איך האָב ניט אפילו קיין איין דימענטענעם רינג. אויך מיר א דאקטאָרשע ! דערוויילע זעה איך נאָך ניט, וואָס האָבען מיר די מיידלעך אזוי מקנא געווען.

ש ר ה ה י נ ד ע. עס איז שוין דער עלפטער חודש נאָך אייער חתונה. (פרעגט זי שטיל). אלע ווייבער פרעגען מיך. וואס איז דאָס עפּים, הא ? ביילע ציזשיק׳ס האָט מיט זעקס וואָכען שפּעטער חתונה געהאט און איז שוין געלעגען געוואָרען.

פ א נ י ע. דאס דארפסטו ביי איהם פרעגען.

ש ר ה ה י נ ד ע. און דו שעמסט זיך פאר איהם ? וואס ביסטו ניט קיין יודישע טאָכטער ? און ער איז א קליינינקער, וואס ? אין זיינע יאָהרען און נאָך א דאָקטאָר... ער דארף וויסען, (זיי רעדען שטיל).

ז ר ח י. עהע, מאדאם, איהר האלט שמאָל... איהר האָט אפנים ביי׳ם רב״שע ניט אויסגענארט קיין גוטען צעטעל. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט פון דער יודענע מיט׳ן צעטעל ?

מ א ד א ם. איך ווארט שוין לאנג, ווען וועט איהר דער־צעהלען עפּים א ווייבערשע געשיכטע.

ז ר ח י. אוי, א וואוילע זאך. (קוקט זיך ארום און דערצעהלט מיט חשק). ארויסגעהענדיג יום כפור פון שול, האָט זיך א יודענע אבגעשטעלט און האָט געזאָגט : רב״שע, גיסטו מיר א גוטען צעטעל, איז רעכט, אז ניט, פאָהר איך גאר אין גאנצען אוועק, צו מיין שוועסטער אויף סכות. — זאָגט די שכנה : וואס דארפסטו רעדען, וועסט דען פאָהרען ? — שש ! ענטפערט זי, מאך א שווייג... איך שרעק איהם נאר... זיי זיינען אלע אזעלכע !... למשל, אז איך זאָג מיינעם : איך פאָהר גאר אוועק צו מיין שוועסטער, ווערט ער דאָך אזוי גוט, כאָטש לעג איהם צו א מכה — וואס דען מיינסטו ?

קאנטירען. און מיר דוכט זיך, אז מען וועט אייך דיסקרעדיטירען.
ח י ו ט י ן. אזוי? בין איך אונגליקליך... אה, די גאנצע כאפּטע איז דאָ... גוטען אבענד! ליאליעטשקע, ווי געהט עס?... (קושט זי).
ש ר ה ה י נ ד ע. א דייטש מיט א׳ן אויסגעריבענעם פּאלמערסטאן.
מ א ד א ם. חיוטין, איהר מישט אייך ניט...
ח י ו ט י ן. ניט מישען זיך? דען קום לערנען, ליאליע...
א ל י ע. ניין! איך וויל זעהן ווי מען שפּיעלט, און הערען ווי מען דערצעהלט היסטאָריעס.
פּ י י ו ו ע ל. אז איך בין געוועזן א יונגעל, האָב איך אויך ליעב געהאט צו זעהן א שפּיעל... איך פלעג שטארבען. (אלע אין דער צווייטער אבטיילונג. מארק און פאַניע אין דאָקטאָר׳ס קאַבינעט).
פ א נ י ע. איך ווייס ניט, פאר וואס איך האָב דעם חיוטין פיינט ווי חזיר.
מ א ר ק. ער איז פערמישט דער טייוועל ווייסט אין וועלכע זאכען. עס קען זיין, ווען ער געהט אהער, געהען איהם נאָך זשאנדארמען מיט שפּיאָנען... ער איז פון די דאָזיגע: — סאָציאליסט!
פ א נ י ע. טאקי? נו, יא, אייער ברודער׳ס געשעפטען.
מ א ר ק. ער און די אלטע, זיי נעמען ביי איהם פּראָקלאַמאציעס און דעקלאראציעס... ער וועט אונז אלע אמאָל אונגליקליך מאכען. זעהט איהר דאס בוך? (קוקען אריין. רעדען שטיל).
ח י ו ט י ן. אלזאָ, אליע, דו געהסט ניט? וועל איך דערווייל אריינקוקען דעם דאָקטאָר אין ביבליאָטעק אריין. מאדאם דאָקטאָרשע און הער פינאנסיסט, איך האָף, איך שטער אייך ניט. (געהט צום שאַפע מיט ביכער).
מ א ר ק. ניין, הער פילאָזאָף, איהר שטערט מיר ניט. (אב צו זיך). שטאָלץ ביי זיך, דער ארעמער בעל גאוה. (אב).

פ א נ י ע. עס קען זיין, איהר זאָגט נאָר קאָמפּלימענטען און איהר מיינט עס גאָר ניט... אָבער עס איז אזוי גוט צו הערען.

מ א ר ק. איאָ, עס איז גוט? (קוקט זיך אום און גיט איהר א קנייפּ אין האַנד. אליע בעמערקט עס).

פ א נ י ע. (כאַפּט זיך ביים האַנד). אוי, איהר שד, דער רוח זאָל אייך נעהמען! (לאַכט). צוויי לייבליכע ברידער, דאכט זיך, איינער האָט ליעב צו פיעל צו קנייפּען. און דער אנדערער... (מען קלינגט, מארק זעצט זיך פון דער וויימען).

מ א ר ק. דאס איז ער!

פ א נ י ע. נו, וואס אנטלויפט איהר, ווי א גנב? (פּומפּיאן קומט).

פ י י ו ו ע ל. מען האָט געקלונגען? אה, ר' שמשון דוד, האָט איהר עפּים א גוטען סכות?

ז ר ח י. יא, קיין סאַלדאט איז מיר אין דער סוכה ניט אריינגעפאלען. געהט מען.

פ י י ו ו ע ל. (לויפט עפענען). יא, געגאנגען זאָל ווערען, געהט מען. (מען קלינגט נאָך אַמאָל. פייוועל לויפט עפענען).

מ א ר ק. פאניע, דו ווייסט, מען קען פון דער וויימען קושען מיט די אויגען. זעה, ווי איך קוק... (קוקט אויף איהר לאַנג).

פ א נ י ע. (גענעצט). פע! געהט אין דר'ערד אריין. (פּיי־וועל קומט מיט חוטינ'ן. ברענגט אַ פּאַקעט און לעגט עס אויפ'ן דאָק־טאָר'ס טיש. חוטין ווישט אוים די ברילען. בייז). וואס איז דאס פאר א פאקעט?

פ י י ו ו ע ל. (שטיל). אליץ דארף זי וויסען! איהר טא־טענס עסק... (לויט). א בריעף צום דאָקטאָר פון באָלניצע.

ח י ו ט י ן. גוט'ן אבענד, מאדאם דאָקטאָרשע... גוטען אבענד, הער פינאנסיסט. וואס הערט זיך וועגען קורס, אקציעס, אבליגאציעס, דעפּאזיטען, קאָנסאָלידירען, דעפּאָנירען, דיסקאנ־טירען?

מ א ר ק. דער קורס פון אייערע אקציעס האלט ביים דיס־

אונטער איהר השגחה, מסתמא פערשטעהט זי א סך. (טוט אָן זיין הוט. מען קלינגט).

פ י י ו ו ע ל. איך האָב מורא, דער פּראָפעסאָר וועט מיר אבטון, און וועט ברוגז ווערען. פערשטאנען? א גוטען תמיד. (אב).

אָ ל י ע. פאניע, איבער דיר געהט קיינער ניט צום פּאפּא... האָסט אלעמען פערטריבען...

פ א נ י ע. איך דארף זיי נויטיג די פריצים ד'ארטען מיט די געלערנטע, איך זאל זיצען און קוקען אויף זיי, ווי א האָן אין בני אדם. אויך מיר קאָמפּאניעס!

אָ ל י ע. יא, קאָמפּאניעס! מויסיו חיוטין, איהר געהט אוועק? און לערנען? — איך האָב פריהער געזאָגט ער וועט בייז ווערען... קומט לערנען, מוסיו חיוטין.

ח י ו ט י ן. לערנען? די מאדאם דאָקטאָרשע וועט דאָ מיט אייך אלעמען לערנען! איך לערן ניט היינט! (לויפט צום טיר, בע־געגענט דעם דאָקטאָר און פייוולען. דער דאקטאר טראגט א נייעם קאסטיום און א בערדעל בולאנזשע).

ד אָ ק ט אָ ר. טררר! וואס איז געשעהן? א באטאליע הא? (כאַפּט איהם ביי'ם האנד).

ח י ו ט י ן. אי, לאָזט מיך צורוה!... (רייסט זיך).

ד אָ ק ט אָ ר. קומט נאר אהער, משוגענער! זעה נאָר, א באָמבע האָט אויפגעריסען...

ח י ו ט י ן. איהר וועט מאכען שפּאס שפּעטער... קומט נאר אהער... (שטיל). איך ווייס, ביי אייך אין שאפע איז דאָ פער־באָטענע זאכען — רוימט עס אויף... איהר האָט יעצט פיעל שונאים... איך ווייס ניט, פאר וואס די גאנצע שטאדט איז אויף אייך להרוג ולאבוד. דאס זאג איך אייך, און ווייטער מעגט איהר אייך שלאָגען קאָפּ אין קישען... מיין פוס וועט אייער שוועל ניט אריבערטרעטען! (ראש אב).

ד אָ ק ט אָ ר. איבער'ן שוועל ניט אריבערטרעטען! וואס איז דאָ געוועען!

פ י י ו ו ע ל. דער געלערענטער קבצן וועט באלד פערקי־
רעווען דעם דישעל. פערשטאנען?

ח י ו ט י ן. (בייז). וואס איז? פערשלאָסען גאר? דאס איז
א נייעס. פומפיאן, ביי אייך איז דער שליסעל פון שאפע?

פ א נ י ע. וואס איז עפּים פּומפּיאן פאר א מאכער? דער
שליסעל איז ביי מיר.

ח י ו ט י ן. ביי אייך דער שליסעל פון די ביכער?

פ א נ י ע. יא, ביי מיר... עס איז איצט ניט ווי א מאָל, יע־
דער איז געוועזן דאָ בעל־הבית אין שטוב.

ח י ו ט י ן. אזוי? נו, זייט זשע מוחל און גיט אהער דעם
שליסעל. (אליע קומט אין קאַבינעט).

אַ ל י ע. אָה, פאניע, מוסיו חיוטין וועט בייז ווערען.

פ א נ י ע. בייז... הם! וועט ער מיר ניט שיקען קיין שלח
מנות... ביכער קאָסטען געלד...

ח י ו ט י ן. איהר רעדט אויך פון ביכער?

פ א נ י ע. איך רעד דערפון, וואס מען בענוצט זיך דערמיט,
וואס דער דאָקטאָר איז א שטילער תם, און מען בענעהמט איהם...
מען שטעלט איהם בדיל דל... מען שלעפּט!... יעדער שלעפּט.

ח י ו ט י ן. וועמען מיינט איהר דאס? ווער שלעפּט?...

פ א נ י ע. עס איז דאָ געננוג שלעפּער... (מאַדאַם הערט אויף
שפּיעלען).

פ י י ו ו ע ל. זי וועט איהם אָבהאקען די פליגלען. דאָס איז
גוט. א שניידער'ס א זוהן, א גאנצער ר' שמעלקע...

ז ר ח י . פאניע, מילא די מאמע דיינע אין דער היים,
אָבער דאָ?... מען דארף דאָך וויסען, וואו דער חמור שטעהט...

ש ר ה   ה י נ ד ע. וואס איז? וואס איז? ער איז דאָ, דער
גולם! פאניע וועט דאָך ניט רעדען אזוי אין דער וועלט אריין...
וואָס מיינסטו, זי האָט דיין שכל? זי פערשטעהט, מסתמא, וואס
זי טוט...

ח י ו ט י ן. יא, זי פערשטעהט א סך. זי נעהמט דעם דאָקטאָר

ד אָ ק ט אָ ר. אליע, אהער צו מיר!... עס איז ערלויבט!... פון היינטיגע קראנקע האָב איך אפילו קיין קרענק ניט געקענט ברענגען אהיים... (אומאַרמט זי און קושט). ניש'קשה, אליעטשקע, מיר וועלען איהם ברענגען צוריק מיט פויקען און טראָמפּייטען... איהר זעהט, שוויגער, נאָזטיכלעך — פאר אונז, א קאָסטיום — פאר אונז, און מאנזשעטען — פאר אונז! אין שטוב געמיטליך, יעדע זאך אויפ'ן פלאץ, אויף יעדער זאך קוקט אן אויג פון א נאטשאלניק... א מאָל אפילו כאפּט די נאטשאלסטוואָ א ביסעל אריבער די מאָס, אָבער דאס מאכט ניט אויס... ברודער פּומפּיאן, איך בין א ביסעל מיעד, איך וועל מיט דיר לערנען מארגען. שש! איא, זי איז געווארען נאָך שענער און געזונטער? כע! כע! כע! זי בליהט, ווי א יונגער, שטארקער בוים... (געהט אין דער צווייטער אבטיילונג).

פ י י ו ו ע ל. נו, יא, א ווייב מיט נאטור...

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו געה אהער מיט דער פּעשקע, נעמסטו דאָך צוויי. פאניע, דו שפּיעלסט ניט אין דאמקעס?

פ י י ו ו ע ל. זי שפּיעלט א גאנצע דאמע. פערשטאנען?

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך וועל האָבען צייט, וועל איך דיך לערנען שפּיעלען שאך... זעהר אינטערעסאנט.

פ א נ י ע. ווייס איך, אויך מיר א שפּיעל!... קארטען האָב איך ליעב, ווען מען שפּיעלט אויף געלד. עס פערכאפּט אזש דער אטהעם. אין אָקע, אדער וואָזאָק — צעהן קאָפּיקעס א קאָן! דער דאָקטאָר אָבער האלט ניט פון אזעלכע זאכען. וואס איך האָב ליעב, האָט ער פיינט.

ד אָ ק ט אָ ר. איך זאָל שפּיעלען קארטען? פאניע, איך ווייס ניט, וויפיעל אויגען האָט א זעקסטעל און וויפיעל א זיעבע־טעל, א שענער קארטענשפּיעלער!

ז ר ח י. א קארטענשפּיעלער? דאָס דערמאָנט מיך א וואוילע זאך...

מ א ד א ם. גאָר ניט, האָבען זיך צוואווערטעלט א ביסעל מיט פאניען... מיר, פרידליכע בירגער, האָבען אנערקענט איבער זיך די מאכט און די אויטאָריטעט פון אונזער יונגער ווירטין... ער אבער איז א רעוואָלוציאָנער, ער בונטעוועט... ניש'קשה, מיר וועלען איהם צוגעוואוינען... איאָ, פאניע ?... מיר דאכט זיך נאר, ביסט געווען א ביסעל צו שארף. מיינסטו ניט, פאניע ?

פ א נ י ע. א מענש דארף זיין מיט א גאל... ניט שטענדיג זיס, אמאָל ביטער אויך.

ד אָ ק ט אָ ר. כא ! כא ! כא ! זי האָט זיך איהר אייגענע לאָגיק... און ער איז א ביסעל א משוגענער... ניט שרעקליך... דאָך, פאניע, היוטין פערדיענט געאכטעט צו זיין. איך האָף, מיט דער צייט וועסטו זיך אויסלערנען צו שעצען אזעלכע מענשען...

פ א נ י ע. א גרויסער מענש מיט אויסגעריבענע ארבעל !

ד אָ ק ט אָ ר. און אויסער דעם, מיין פריינד... היינ־טיגע צייטען אן אמת'ער גוטער פריינד איז זעהר א טייערע זאך, מען דארף זיך ניט ווארפען מיט זיי.

פ א נ י ע. איך זאג דיר, ווערסט גליקליך פון אזעלכע פריינד.

אָ ל י ע. מוסיו חיוטין וועט שוין מעהר ניט זיין מיין לעה־רער ? פאפא ! פאפא ! ער איז אזא גוטער מענש... נאר זיי פער־שטעהען איהם ניט. שיק נאָך איהם, פאפא.

ד אָ ק ט אָ ר. ניש'קשה ,איך וועל איהם זעהן, און וועל איהם בעטען מחילה, און ברענגען.

פ א נ י ע. א נויטיגע זאך...

ז ר ח י. שרה הינדע, מיר דאכט זיך, מיר מעגען שוין געהן. (שטיל). אי, זי קאָמאנדעוועט.

ד א ק ט אָ ר. געהן גאר ? דאס ניט... זיצט ! איהר וועט ביי מיר ניט געהן אזוי גיך.

מ א ד א ם. ר' זרחי, וואס האָט איהר קיין צייט ניט ? קומט מיר וועלען ענדיגען די דאמקע. (זיי זעצען זיך שפּיעלען). יא ! יא !

פ א נ י ע. (גענעצט). אה, עס איז שוין שפעט. די געסט מע־גען געהן היינט אהיים. אָהן כבוד.

ש ר ה ה י נ ד ע. מען געהט דען צוליעב דעם כבוד? אבי מען זעהט זיך אין נחת און פריידען...

פ י י ו ו ע ל. דאקטאָר, וואס איז? א שלעכטער בריף?

ד אָ ק ט אָ ר. (זעהר ערביטערט). ברודער פומפיאן, זעהר א טרויעריגע בשורה... מען האָט מיך ארויסגעווארפען פון האָספיטאל... צעהן יאהר שווער געארבייט... מאמא, ווילסט עפּיס הערען? פאניע, קום אהער — מיר האָבען נייעס (אַלע געהן אין קאָבינעט). כא! כא! די דירעקציע פון האָספיטאל שרייבט מיר, איך זאָל מוחל זיין זיצען אין דער היים...

מ א ד א ם. אָהן מאָטיווען, אָהן אורזאכען? וואס איז דאס עפּיס פלוצלונג מיט דער דירעקציע מיט דיינער?

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, זיי דערמאָנען פון מיינע נייע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען, וועלכע צווינגען מיך צו פערנאכלעסיגען מיין ארבייט... דאס איז איראָניע! זיי דערמאָנען, אז דער זשאנ־דארמסקי פּאָלקאָווניק האָט ניט קיין גוטען מיינונג פון מיר... דאָס איז שוין ניט קיין איראָניע, דאס איז שווינעריי! מאָטיווען? וועלכע מאָטיווען האָבען אונזערע פילאנטראָפען? קלייניקע פער־זענליכקייטען, כבוד איז ביי זיי וויכטיגער, ווי די ליידען און דיווירקליכע אינטערעסען פון אלע אונגליקליכע און ליידענדע! (קלאַפּט אין טיש). געמיינע לומפּען!

ש ר ה ה י נ ד ע. וואס איז דאס, פאניע, מען האָט איהם אבגעזאָגט פון דער שטעלע?

פ א נ י ע. מאמא, דאס איז פּופּצעהן הונדערט רובעל א יאָהר... פערשטעהסטו, וואס דאס איז?

מ א ד א ם. דער דירעקטאָר ליליענוואסער קען דיר ניט מוחל זיין, וואס דו האָסט ניט גענומען זיין טאָכטער, די אלטע אלמנה. נאר, וואס דארפסטו זיך אָבעסען דאס הארץ? פערפאלען.

ש ר ה ה י נ ד ע. איהר דאַרפט איהם? אַט איז ער דאָ מיט זיין וואוילע זאַך.

ד אָ ק ט אָ ר. אייערע געשיכטעס זיינען מאַנכעס מאָל זעהר כאַראַקטעריסטיש. אויב איך וועל האָבען אַ מאָל צייט, וועל איך זיי פערשרייבען... עס איז אַ מאַטעריאַל צו פאָרשען דעם כאַראַקטער פונ'ם יודישען הומאָר.

ז ר ח י. (ערפריימ). דאס איז הומאָר? און איך האָב ניט געוואוסט. דו הערסט, שרה הינדע? דער דאָקטאָר זאָגט עס איז הומאָר, און ביי איהר איז דאָס אַ גאָר ניט. הערט־זשע: אין מאַרק האָבען זיך צוויי ווייבער צוקריגט, זאָגט איינע: בעגראָבען זאָלסטו זיך, דיין מאַן איז דאָך אַ קאָרטענשפּיעלער! — מיין מאַן איז אַ קאָרטענשפּיעלער? איך בין דאָך גאר אַן אלמנה. ווי אַזוי איז ער אַ קאָרטענשפּיעלער, זאָל ער זיך מיהען פאַר אונז, אז ער איז שוין לאַנג אויסגעלייטערט געוואָרען אין גן עדן? האָסט געהערט? איך זאָל זיך בעגראָבען, זאָגט זי, אויב מיין מאַן איז אַ קאָרטענשפּיעלער! — שא! שא! זאָל זיין, ער איז ניט קיין קאָרטענשפּיעלער, אָבער בעגראָבען זיך מעגסטו דאָך... כא! כא! כא! אָבער... כא! (הוסט און לאַכט).

אָליע. פּאַפּאַטשקע, דער דיאַדיע זרחי דערצעהלט אליין און לאַכט אליין. פּאַפּעלע, וואס ער האָט דערצעהלט, איז געווען אַ געשיכטע? איך האָב גאר ניט פערשטאַנען. (אָליע לאַכען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, הינדעלע, דאס איז אַ געשיכטע, כא! כא!

פ י י ו ו ע ל. אוי, דאָקטאָר, איך האָב פאַרגעסען, אַ פּאַקעט פון באַלניצע. (דאָקטאָר און פּומפּיאן געהן אין קאַבינעט אריין. דער דאָקטאָר לעזט דעם פּאַקעט).

מ א ד א ם. פאַניע, פאַר וואס זאָלסטו דיינע געסט ניט מכבד זיין?

ז ר ח י. אַ ביסעלע בראַנפען מיט אַ שטיקעלע קיכעל וואָלט געווען שהכל נהיה מיט מזונות.

ביי איהר טאטען? איך האָב זיך ביי דיר ניט אזוי אויפגעפיהרט. אנדערע קינדער האָבען גליק. האָסט מיך ניט ליעב היינט, אליע? ניש'קשה, וועסט מיך ליעב האָבען מאָרגען... אויב-דו ווילסט זיך ניט איבערבעטען, האָב א גוטע נאכט ניט איבערגעבעטענערהייט.

מ א ד א ם. קום, קום, דו קאפריזנע מיידעל. א גוטע נאכט. (זי דראָהט אליען מיט'ן פינגער און פיהרט זי. אָליע דראָהט איהר צו-ריק,ביידע אב).

ש ר ה ה י נ ד ע. נו קום. פון דעסטוועגען האָט מען גע-דארפט זעהן מענשען זאָלען זיך ארייַנלעגען, עס איז דאָך א קהל'שע זאַך...

ז ר ח י. מיט דיינע מענשען מעג זיך ארייַנלעגען אין דר'ערד דיין קהל'שע זאַך, אז אזא זאַך קען זיך טרעפען!

פ י י ו ו ע ל. ניש'קשה, אלע קראנקע און אלע דינער דאָרט וועלען ניט פארגעסען אונזער דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר. ביסט א נאר, פייוועל. איך האָב דאָרט צעהן יאָהר געארבייט, און זיי וועלען מארגען שוין זעהר ווייניג דענ-קען פון מיר... אזוי איז דאָס לעבען. (פערדעקט זיין געזיכט).

ז ר ח י. קום, שרה הינדע, אהיים. דעם דאקטאָר ליעגען איצט די געסט אין דער לינקער פיאטע.

ש ר ה ה י נ ד ע. קום. אונזערע שונאים, אנשטאט אונז מקנא צו זיין, וועלען נאָך האָבען נקמה... מסתמא וועט דער דאָק-טאָר זיי ווייזען, אז עס איז א טעות, וואס מען רעכענט איהם פאר א מעקעלע... א גוטע נאכט.

ז ר ח י. א גוטע נאכט... עס איז אודאי ביטער, עס פער-דריסט, אָבער די בעלי־טובות אונזערע, זיי מיינען נאר זייער כבוד... אין דער תלמוד תורה, מיינט איהר איז ניט אזוי? מיר זיינען קליינע מענשעלעך, אָבער אזא מענש ווי איהר... האָט א גוטע נאכט. (זיי געהען. פאַניע בעגלייט זיי).

ד אָ ק ט אָ ר. געהט געזונטערהייט. פאַניע, מיר וועסטו גע-בען דעם שליסעל פון דעם ביכער שראנק?

אָ ל י ע. פאפּאָטשקע, וואס איז דאס? אלע מוטשען דיך — עס איז ניט אויסצוהאלטען!

ד אָ ק ט אָ ר. (גערייהרט). גאר ניט, קינד. זיי ווילען מיך ניט אין באָלניצע, מען דארף מיך ניט מעהר... איך הויב אָן צו ווערען אן איבריגער מענש... (פערטראכט זיך). אָבער, אָליע, עס איז שוין שפּעט און דיר איז שוין צייט צו געהן שלאָפען... אז דו וועסט ניט וויסען אלץ פון וואָס מען רעדט דאָ, וועט פאר דיר געזונטער זיין...

א ל י ע. נאָר איך אליין זאָל געהן שלאָפען?

מ א ד א ם. קום, איך וועל געהן מיט דיר. האָט קיין פער־איבעל ניט, זי איז ביי אונז א געבאלעוועטע. א גוטע נאכט. יעוור־געני, האָב א גוטע נאכט און הער זיי ווי די קאץ... איך ווייס ניט, וואָס עס וועט ווערען פון האָספּיטאל אָהן דיר. דו אָבער וועסט אָהן זיי אויך בלייבען יעווגעני גאָלדענווייזער... ניט אזוי, פאניע?

פ א נ י ע. דער שפּיטאָל קען קריגען אנאנדער דאָקטאָר, גאָלדענווייזער קען אָבער ניט קריגען קיין אנדער שפּיטאָל.

פ י י ו ו ע ל. ניש'קשה, עס איז ניטאָ אין שטאדט א סך אזעלכע דאָקטוירים, ווי מיר זיינען. פערשטאנען?...

פ א נ י ע. עס איז גרינג צו זאָגען. 15 הונדערט רובעל!...

מ א ד א ם. פאניע גוטע נאכט. (שטיל). שש! פאניע, עס איהם ניט אָב דאס הארץ. (לויט) א גוטע נאכט.

פ א נ י ע. ניט יעדען קען מען נעהמען און ארויסווארפען!

אָ ל י ע. א גוטע נאכט, פאפּאָטשקע. (קושט איהם און געהט).

ד א ק ט אָ ר. נו, און פאניען זאָגסטו ניט א גוטע נאכט?

אָ ל י ע. ניין, פאניען ניט, איך האָב זי ניט ליעב היינט. ווילסט, פאפּא, איך זאָל מיך פארשטעלען און זאָגען ליגען? וועל איך איהר זאָגען א גוטע נאכט.

ד א ק ט אָ ר. ניין, אליעטשקע, דאס וויל איך ניט. אה, דו קליינער טייוועל!...

פ א נ י ע. זעהסט, מאמא, ווי אזוי זי פיהרט זיך אויף,

פ א נ י ע. איך האָב איהם פיינט און וויל ניט, ער זאָל געהן אהער... איך וויל דו זאָלסט ווערען מיט איהם אוים מחותן...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניטשקע, מיט וועמען איך זאָל זיין מחותן, אָדער ווערען אוים מחותן, דאס איז מיין זאך... נאר גע־ווים, דו ביסט דאָ די ווירטין פון הויז און אהער דארף ניט געהן קיינער, וועמען דו קענסט ניט ליידען... אבער אז איך וועל דיך בעטען, פאניע, צוליעב מיר און אָליען זאָלסטו איהם ערלויבען אהער געהן, וועסטו דאך ניט זיין קיין שלעכטע? נישט אמת?

פ א נ י ע. אן אלטער מענש זאָל זיך לאָזען פון א יונגעל פיהרען ביי דער נאָז, פע!

ד אָ ק ט אָ ר. (גוטמוטיג). ניט נאר פון א יונגעל, א מיי־דעל האָט מיך א מאָל געפיהרט ביי דער נאָז... כא! כא! ניט וואהר?

פ א נ י ע. 15 הונדערט רובעל! א קלייניגקייט!... און גאר ניט!

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דאס געלד, קימערט מיך ווענינ. זיי רוהיג, קינד, אויב איך וועל נאר וועלען, קען איך פון פריוואטער פראקטיקע פיעל מעהר פערדיענען. דער האספיטאל פלעגט ביי מיר צונעהמען די גאנצע צייט מיינע.

פ א נ י ע. טאקי? פיעל מעהר? אויב עס איז אזוי, מעג קומען אויף זיי די כאָלערע מיט'ן שפיטאָל.

ד אָ ק ט אָ ר. די כאָלעריע? פע, פאניע, עס איז ניט שען אזוי צו שעלטען זיך. מיך פערדריסט, איך האָב ליעב געהאט די ארבייט. פערשטעהסט, עס איז א פעלד, וואו מען קען לערנען און נוצליך זיין. אזוי פיעל עקספערימענטען, אזוי פיעל מאטעריאל אונטער'ן האנד.

פ א נ י ע. מען האָט דען געצאהלט פאר דעם מאטעריאל בעזונדער?

ד אָ ק ט אָ ר. היינט מיינע באקטעריאָלאָגישע ארבייטען.

פ א נ י ע. (גיט איהם דעם שליסעל). א גדולה אויף מיין קאָפּ!... ער וועט שוין נעהמען א בוך און זעצען זיך לערנען, אב־ ריכטען חצות... א לעבען... (אב מיט איהרע עלטערן. דער דאָקטאָר עפענט די שאַפע, נעהמט ארויס פון די ביכער פּאַפּירען און צייטונגען).

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין איז גערעכט, מען דארף אויסראַמען דעם חמץ. די זשאנדארמען און די דירעקטאָרען זיינען מיט מיר ניט צופריעדען... (פאַניע קומט צוריק). ברודער פּומפּיאן, ווילסטו זיין אזוי גוט און דאס אלץ באלד פערברענגען?

פ י י ו ו ע ל. אז איהר וועט מיר הייסען, וועל איך אָנציני־ דען די גאנצע שטאדט. (נעהמט אַלע פּאַפּירען און געהט). דאָקטאָר, איך וועל זיין דאָרטען ביי מיר, טאָמער וועט איהר דארפען, איך וועל זיך נאָך קראַצען א ביסעל מיט דער אנאטאמיע. א גוטע נאכט. (אב).

פ א נ י ע. איצט פערברענסטו דאָס, ווען דער שפּיטאָל איז שוין פערברענט געוואָרען... נאָך דער שרפה בלאָזען אויפ'ן פייער... דאָקטאָר, מען זאָגט, וואוהין חיוטין געהט, געהט נאָך די גאנצע פּאָליציע.

ד אָ ק ט אָ ר. (גוטמוטיג). נארעלע, וואס האָסטו מורא פאר דער גאנצער פּאָליציע?

פ א נ י ע. מען זאָגט ער איז א סאָציאליסט... זעהר שען פאר איך צו זיין מיט איהם גוטע ברידער... דאס פּאַסט דער רוח ווייסט פאר ווען, אָבער ניט פאר א רעכטען מענשען.

ד א ק ט אָ ר. פאניע, וועסט זיך ענטוויקלען וועסטו מעהר פערשטעהן, וואס איז רעכטער מענש און וואס איז ניט רעכטער מענש...

פ א נ י ע. ער וועט אונז אונגליקליך מאכען.

ד אָ ק ט אָ ר. אז מיר זאָלען ניט וועלען, קען אונז קיינער ניט אונגליקליך מאכען... אין דעם זין איז ריכטיג, אז יעדער מענש מאכט זיך אליין אונגליקליך.

מען טאנצט, מען מאכט זיך פריילעך... ביי פּראָסטע מענשען, ביי קבצנים איז דאָך א סך פריילעכער.

ד אָ ק ט אָ ר. פיהלסטו זיך לאנגווייליג הא? עס קען זיין, עס איז א גערעכטע טענה... הער, פאניע, ווילסט, וועל איך אבלעגען מיין שרייבען און וועל דיך לערנען שפּיעלען א שאך. (נעהמט אַ קעסטעל מיט שאך־פיגורען).

פ א נ י ע. א שאך? א פריילעכע שפּיעל. א מחיה!...

ד אָ ק ט אָ ר. האר אויס, פאניטשקע, ווינטער וועט דאָ זיין א רוסישע טרופּע, ווערסטו פאָהרען אָפט אין טעאטער. וועל איך ניט האָבען קיין צייט, וועט מארק מיט דיר פאהרען.

פ א נ י ע. נו, יא, עס וועט זיך ווען אמאָל טרעפען. דערווייל גייע איך אום ווי צו חלום, מיר איז אומעטיג. איך וויים ניט וואס צו טון, אין קאָפּ קריכען דער רוח ווייס וואסערע געדאנקען... און דערצו נאָך, דו הער בעסער, דיין ברודער, דיין מארק, ער קריכט צו מיר ווי א חזיר.

ד אָ ק ט אָ ר. וואָס? מארק? כא! כא! כא! נאר, געוויס איז ער פאמיליאר מיט דיר, ווי מיט א שוועסטער... אזוי וואָלט איך אויך געוועזן מיט זיין פרוי, ער זאָל זיין פערהייראט....

פ א נ י ע. דו מיט זיין פרוי? ניין, דו ביסט ניט אזעלכער.

ד אָ ק ט אָ ר. מיך פרייט זעהר, וואס ער האלט זיך ניט שטאָלץ געגען דיר. אבער, פוי! דאס איז ניט שען פון דיר צו האָבען אזא מיאוסען געדאנק... מיר זיינען אלע אינטים, ווי ברודער און שוועסטער... כא! כא! כא! וואס איהר קען איינפאלען!... (זעצט זיך צו זיינע פּאַפּירען).

פ א נ י ע. איך האָב דיר געזאָגט, און ווייטער ווי דו פערשטעהסט. אוי, איך זאָל כאָטש האָבען א קינד. אז איך האָב שוין יא חתונה געהאט, וויל איך זיין א מאמע ווי אנדערע... ביילע טשיזיקס האָט חתונה געהאט שפּעטער פון מיר און האָט שוין א קינד. ביזט דאָך א דאָקטאָר!

ד אָ ק ט אָ ר. יא, איך בין א דאָקטאָר און איך זעה, דו

דאָרט האָב איך געהאט א קעלער, אלעס איינגעריכטעט. טערמאָס־טאטען, מיקראָסקאָפען, האָב געהאט פיעל קראָליקעס.

פ א נ י ע. קראָליקעס? דאס איז אויך א גרויסע זאך! אן אלטער מענש זאָל האָבען יסורים, וואָס מען נעהמט צו ביי איהם די קראָליקעס.

ד אָ ק ט אָ ר. קינד, איך פלעג זיך ניט שפיעלען מיט די קראָליקעס, איך פלעג זיי אריינשפריצען פערשידענע באקטעריען.

פ א נ י ע. וועסטו זיי ניט אריינשפריצען מעהר. א נויטיגע זאך!

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב געהאט דאָרט אן אבעזיאנע אויך...

פ א נ י ע. נו, יא, די אבעזיאנע ליעגט דיר מעהר אין זין ווי דיין ווייב!

ד אָ ק ט אָ ר. פערשטעהסט, איך שרייב איצט א וויכטיגע ארבייט וועגען די פונקציאָנען פונ׳ם מילץ, און איך האָב ניט געענדיגט מיינע עקספּערימענטען, וואס איך פלעג מאכען מיט דער אבעזיאנע...

פ א נ י ע. א מילץ! אן אבעזיאנע! אויף מיין ווארט, עס איז ניטא, ווער עס זאָל לאכען פון דיר. דאָס רעדט א יוד, וואס איז אין איינע יאָהרען מיט מיין טאטען. (געגעצט). קום שוין בעסער שלאָפען...

ד אָ ק ט אָ ר. ניין, פאניע, איך וועל נאָך א ביסעל ארבייטען... איך דארף שרייבען. (נעהמט פון זיין שרייב טיש פאַפּירען און פאָרבערייטעט זיך צום שרייבען).

פ א נ י ע. דאס האָב איך פון איהם! דו וועסט שרייבען, און וואס וועל איך טון? מען קען דאָך דאָ משוגע ווערען פון אומעט...

ד אָ ק ט אָ ר. (מיט מיטלייד). דיר איז דאָ לייננווייליג? ארעמע פאניע, איך פערשטעה... דיין יונגעס, געזונדעס לעבען איז נאָך דערווייליג לער... האָסט ניט דערווייליג קיינע אינטערעסען...

פ א נ י ע. איך האָב געמיינט, אריסטאָקראטען, מען לעבט,

ד א ק ט אָ ר. פאניע, ביסט אנשלאָפען געוואָרען? טור־געניעוו מאכט דיך שלעפעריג. הא?

פ א נ י ע. הא? נו, יא, עס איז זעהר אינטערעסאנט. (מען קלינגט. פּומפּיאַן קומט און לויפט עפענען).

ד אָ ק ט אָ ר. פּומפּיאן, ווער קען דאס זיין אזוי שפּעט?

פ א נ י ע. וועסט שוין אי"ה אוועקפאָהרען אויף א גאנצע נאכט. אוי, בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געווארען אויף דער וועלט!

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, נאָך וואס האָסטו חתונה געהאט פאר א דאָקטאָר? דעם דאָקטאָר'ס צייט געהערט ניט צו איהם. מיין ארעמע דאָקטאָרשע. (פייוועל קומט).

פ י י ו ו ע ל. דאקטאר, מען רופט צו'ם אלטען מלמד, וואו איהר זייט געווען פארנאכט. איהם איז ערגער.

ד אָ ק ט אָ ר. נו, יא. א גאנצען יאָהר הונגערען זיי און יום טוב האָט ער געכאפּט אן איבעריגען בים מיט א זופּ... עס איז זעהר א שארפער גאסטריטים, מען מוז באלד געהן זעהן...

פ י י ו ו ע ל. איך געה מיט אייך, איך וועל נאר עפּים כאפּען אויף זיך. (אב צו זיך אין צימער).

פ א נ י ע. ניש'קשה, צו קיין אנדער דאקטאר קריבען ניט די קבצנים ביינאכט... פאר דיר איז דאס א געשעפט אנטלויפען פון מיר דערווייל.

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך וועל באלד קומען.

פ א נ י ע. איך דארף בלייבען אליין, זיצען און ווארטען... (מארק קומט). מען קען משוגע ווערען.

מ א ר ק. ווער האָט עסי געקלונגען אזוי שפּעט? און דא ביי אייך הער איך קאָנווערזאציאָנען.

ד אָ ק ט אָ ר. אָט איז מארק! ער וועט זיצען מיט דיר. מארק, דאָ איז טורגעניעוו'ס א ראָמאן. אז דו וועסט איהר לעזען,

הויבסט אָן ווערען נערוועז, דאס איז ניט גוט. (טיעפט זיך איין און שרייבט). „די פאסיווע פונקציאָנען“...

פ א נ י ע. נו, יא, ער שרייבט זיך פונקציאָנען, שמונקציאָנען! און וואָס זאָל איך טון? וואס זאָל איך טון?

ד אָ ק ט אָ ר. דו ווילסט נאָך ניט שלאָפען? (לעגט אוועק זיין פעדער). פאניע, הער, אויב דו ווילסט, וועל איך זיך זעצען דאָ מיט דיר און וועל דיר ענדיגען די ערקלערונג: פון וואנען נעהמט זיך שניי און רעגען?

פ א נ י ע. נו, יא, שניי און רעגען ליעגט מיר איצט אין זין. איך דארף עס נויטיג.

ד אָ ק ט אָ ר. שא, ווייסט וואס? איך וועל דיר וואס שפּיעלען אויף דער פּיאנא. (זעצט זיך צו דער פּיאנא און נעמט עטליכע אקקאָרדען).

פ א נ י ע. האלבע נאכט באראבאנען אויפ׳ן טאָפּשאָן... דו זאָלסט שפּיעלען גיטארע, אדער כאָטש פידעל. פארטעפּיאן פערשטעה איך ניט און איך האָב ניט קיין הנאה דערפון.

ד אָ ק ט אָ ר. עס טוט מיר לייד, איך שפּיעל ניט גיטארע, זאָגאר ניט פידעל... דו פאָלג מיך בעסער, פאניע, נעהם א בוך און לעז. קענסט דאָך לעזען... האר אוים, איך וועל געפינען, איך האָב, דאכט זיך, ערגיץ טורגעניעוו׳ס א ראָמאן. (זוכט). צום לעזען דארף מען זיך נאר צוגעוואוינען. די ערשטע צייט איז שווער, נאכדעם קען מען זיך ניט אָברייסען. (געפינט א בוך). א גוטער ראמאן! דו וועסט האָבען פערגניגען און וועסט פארגעסען, אז דיר איז אומעטיג. לעז, פאניע, דאס לעזען ענטוויקעלט דעם גייסט און בילדעט דעם כאראקטער פון א מענשען...

פ א נ י ע. איצט זאל איך מיך זעצען לערנען נאר! דערויף האָב איך חתונה געהאט? אי, אפנים דו זאָלסט זיין יונגער, וואָלט אנדערש געווען. (מען זעהט ווי זי לעזט לאַנגזאַם, פיהרענדיג מיט׳ן פינגער איבער׳ן בלאט. ער שרייבט לאנג. פּויזע. זי ווערט אנשלאָפען איבער׳ן בוך. ער גיט אַ זיפץ און געהט צו׳ן איהר).

איהר? (פיהלט איהר קאָפּ). פיהלסט זיך שלעכט? דיר טוט וואס וועה? פּומפּיאן, נעהם א דראָשקע און פאָהר אריבער (זאָגט איהם עטוואס שטיל).

מ א ר ק. דער קליינער טייוועל! (לויט) נו, דעם ראמאן וועל איך דערווייילע אליין לעזען. גוטע נאכט. (אב צו זיך).

ד אָ ק ט אָ ר. אליע, אזעלכע קאפּריזען געפעלען מיר גאָר ניט. געה שלאָפען, איך בלייב אין דער היים.

פ י י ו ו ע ל. זינד מיר האָבען דאָ א ווייב מיט נאטור, האָט זיך אלעס איבערגעקערט דאָ קאפּויר מיט די פיס. נו, יא, פאניע זארחי׳ס! (אב).

אָ ל י ע. א גוטע נאכט, פּאפּאָטשקע. מיר טוט גאר נישט וועה. אז דו זאָלסט היינט אוועקפאָהרען, וואָלט איך מורא גע־האט צו שלאָפען. א גוטע נאכט, פאניע.

ד אָ ק ט אָ ר. קליינער דעספּאָט, געה שלאָפען. (קושט זי און בעגלייט זי ביז דער טיר). גוטע נאכט.

פ א נ י ע. איך האָב ניט געקענט ביי דיר אויספיהרען זאָלסט ניט פאָהרען, זי איז א גרעסערער מיוחס... נו, יא, איך זאָל האָבען א קינד, וואָלט עס אפשר געווען ביי מיר א סך בילכער פון דיר. (געגעצט). נו, וואס וועסטו איצט טון?...

ד אָ ק ט אָ ר. איך וועל א ביסעל בערוהיגען מיינע נער־ווען און וועל זיך זעצען ענדיגען מיין ארטיקעל.

פ א נ י ע. נערוועז, ארטיקעל, שמארטיקעל! איך געה שלאָפען, למד־וואָווניק מיינער! (אַ קלאַפּ מיט׳ן טיר, אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (דאקטאָר בעגלייט זי מיט אַ לאַנגען בליק). מיינע נערווען הויבען אן אראָפּשפּרינגען פון די רעלסען... און איך האָב מורא, דאָס קינד, אויף איהרע נערווען ווירקען אויך ניט גוט די קליינע פאמיליען־סצענען... זי פיהרט אונז אלע ארוים פון גע־וועהנליכען טאָן. נו, יא, יעדער מענש האָט זיין אייגענע אינדיווי־דואליטעט, מע מוז זיך רעכענען דערמיט. מיט געוואלט קען מען א מענשען געווים ניט איבערערציהען, נאָר מיט גוטען מיט גע־

וועט איהר אינטערעסאנט זיין צו הערען. (פּייוועל קומט). איהר וועט גאָר ניט בעמערקען די צייט, ביז איך וועל קומען... פּומ־פּיאַן, וואו איז דער סטעטאסקאָפּ? (זוכט).

מ א ר ק. (נעמט דאס בוך). אָה, טורגעניעוו'ס ראמאן „רו־דין"... פאניע, דאס איז זעהר א שענער ראָמאַן.

פ א נ י ע. איך דארף עס נויטיג...

מ א ר ק. דו זיי ניט קיין נאר און שוויג.

פ א נ י ע. וואס מיינט איהר שוין ווידער.

מ א ר ק. (גאַנץ שטיל און ליידענשאפטליך). אזא געזונטע, אזא שענע, אזא יונגע ווייבעלע, זאָל ניט פערשטעהן...

ד אָ ק ט אָ ר. מיין בייזע דאָקטאָרשע, אויפ'ס ווידערזעהן. מארק, לעז לאנגזאם און ערקלער איהר יעדע זאך. ברודער פּימ־פּיאַן, מארש. (געהען ביידע ביז דער טיר. אָליע קומט פון איהר צימער אין אַ שלאָפראָק, שטעקט שיך אויף בארוועסע פיס).

אָ ל י ע. פּאפּאָטשקע!

א ל ע. (ערשטוינט). אָליע!

ד אָ ק ט אָ ר. וואס איז דאס, אָליעטשקע, דו שלאָפסט גאר ניט?

אָ ל י ע. פאפא, אויב דו פאָהרסט אוועק וועל איך דאָ זי־צען, ביז דו וועסט קומען. (מארק איז בייז).

ד אָ ק ט אָ ר. וואס הייסט דאָ זיצען? אליע, ביסט ניט אָנ־געטאן, וועסט זיך פערקילען. געה שלאָפען באלד.

אָ ל י ע. ניין, פאפא, איך וועל דאָ זיצען, ביז דו וועסט קומען.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס איז מיט דיר, אליע? נייע פאנטאזיען?

אָ ל י ע. אויב דו פאָהרסט אוועק, וועל איך דאָ זיצען מיט פאניען און אָנקעל מארק, ביז דו וועסט קומען אהיים.

פ י י ו ו ע ל. אפשר וואָלט איך אליין אריבערגעגאנגען? גאסטרא קאטארים, איך ווייס.

ד אָ ק ט אָ ר. איך פערשטעה ניט, וואס איז דאָס מיט

פאר דיר. אבער דו זעה בעסער, פאניע, זיי פארזיכטיג, איך קען אויך אין כעס ווערען און דאן... דאן דארף איך מורא האָבען פאר זיך. דו הערסט?...

פ א נ י ע. נו, פאר וואס ווערסטו ניט אין כעס? שטאר־קער גבור מיינער!

ד אָ ק ט אָ ר. דו ביסט גערעכט, איך בין ניט קיין יונגער מאן מעהר... אין מיינע יאָהרען דארף מען זיך קענען בעהערשען. א שלעפּ טון די ביינער זאָלען קראכען, דאָס קען יעדער חאם, טאָ־פּען מיט'ן פוס קען יעדעס פערד... בעהערשען זיך — דערויף דארף מען זיין מענש! (זעצט זיך צום טיש). אלזאָ וואו האלט איך? יא... (שרייבט קאלטבלוטיג).

פ א נ י ע. ביסט אזא בריה א מענש, ווי מיין טאטע...

ד אָ ק ט אָ ר. (שרייבט). און איך האָב מורא דו ביסט אזא בריה א מענש, ווי דיין מאמע. פאניע, דאס וואָלט געווען זעהר טרויריג.

פ א נ י ע. מיין טאטע איז כאָטש אין איינע יאָהרען מיט מיין מאמען, און דו ביסט צוויי מאָל, דריי מאָל אזוי אלט ווי איך (דער דאָקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק רוהיג און שרייבט ווײ־טער). דו לאז מיך בעסער געהן אהיים צוריק... איך וויל געהן צו־ריק! (דער דאקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק און שרייבט ווידער). האָסט געהערט מענשען! ארער קראָליקעס, אז ניט זיצט ער און טענטעלט א גאנצע נאכט מיט'ן פעדער... אבי עס איז דאָ טינט מיט פאפיר. (דער דאָקטאָר הערט אויף שרייבען און קוקט אויף איהר). פרעגט איהם בחרם, וואס שרייבט ער? ווער דארף דאס?... געבילדעטער חכם מיינער!

ד אָ ק ט אָ ר. (פיר זיך). אָי! איך הויב אָן פערשטעהן, ווי אזוי מען קען א מאָל קומען צו אזא געמיינהייט, ווי שלאָגען...

פ א נ י ע. (שרייט און וויינט). אז דו דארפסט מיך ניט, נאָך וואס האָסטו מיך גענומען?... נאָך וואס האסטו מיך גענו־מען?... איך פרעג דיך, נאָך וואס האסטו מיך גענומען?

דולד, מיט אן אויסגעהאלטענעם פעדאגאָגישען סיסטעם... כע! כע! בעשערט אויף דער עלטער ווערען א פעדאגאָג אויך... (זעצט זיך שרייבען. שטעהט אויף באַלד און געהט צום פענסטער. פויזע). ווי רוהיג איז די נאטור און ווי שטיל די נאכט... איך ווייס ניט פארוואס מיר ווייזט זיך יעצט אויס, איך בין ווי היינע׳ס דאפפעלגענגער: „שטיל איז די נאכט, עס רוהען די גאסען"... (מען הערט, ווי ווייט שלאָגט לאַנגזאַם דער שטאדט־זייגער צוועלף. ער פערטראַכט זיך). הא? וואס איז דאָס פאר א גערמאנק? מארק! ע! נארישקייטען, דומהייטען, אונזין! זי ווייסט ניט קיין הכמות און פערשטעהט ניט פון קיין אנדערע פערהעלטניסע צווי־שען מאן און פרוי. כע! כע!... דאס איז די לאָגיק פון דער ניט דענקענדער נאטור... די נאטור האָט פיינט למר־וואָוניקעם... (זעצט זיך אנץ שרייבט) „אלזאָ די אלע פיזיאָלאָגישע פראָצעסען" (פאַניע קומט אין אַ ווייסער קאפטע און אַ ווייסער קליידעל).

פ א נ י ע. דו וועסט היינט געהן שלאָפען צו ניין? א גאנצע נאכט דארפען ברענען די לאָמפען?... איך דארף זעהר נויטיג דיין שרייבערייו! (פערלעשט די לאמפּ, זיי בלייבען אין דער פינסטער).

ד אָ ק ט אָ ר. (כאַפּט איהר האַנד). וואס מיינסטו? דו... איך...

פ א נ י ע. נו, ביסט בייז געווארען? ביסט• א גרויסער העלד, איך... (ציטערט פון אויפרעגונג, בעהערשט זיך. לאזט אב איהר האַנד). פאניע, דאס איז זעהר ניט שען.
פאר וואס גיסטו מיר ניט א שלעפּ, מיינע ביינער זאָלען אָנהויבען קראכען? פאר וואס גיסטו ניט א טאָפּ מיט׳ן פוס איך זאָל פערציטערט ווערען? פאר וואס גיסטו ניט א געשריי מיין בלוט זאָל אין מיר פערקילט ווערען? הא! ווייסט פאר וואס? ווייל דו ביסט אלט, ווייל דו האָסט מורא פאר מיר... אפילו אין דער פינסטער האָסטו מורא פאר מיר!

(דער דאקטאר האט דערווײילע אנגעצונדען די לאָמפּ).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, איך האָב מורא פאר דיר... איך האָב מורא

דריטער אקט.

דאסזעלבע צימער. אין דער ערשטער אבטיילונג זיצט דער דאקטאר מיט פייוולען און לערנען. אין דער צווייטער אבטיילונג זיצט אַליע ביי דער פיאַנא און שפּיעלט א גרינגען עטיוד, די מאַדאַם זיצט לעבען איהר און צעהלט דעם טאַקט און קערט איבער די נאטען. עס איז טאג. ענדע זומער. דער דאקטאָר טראגט א העלען קאָסטיום, זיין שפּאַניאָלקע איז גראָער געוואָרען.

מ א ד א ם. אזוי אזוי, ליאַליע, פּויל זיך ניט. איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי דריי! פארגעס ניט די פּעדאל... איינס, צוויי, דריי. (אליע שפּיעלט).

ד א ק ט אָ ר. שטעל זיך פאר, פּומפּיאן, אויפ'ן עקזאמען פרעגט מען דיך, אויף וויפיעל טיילען צופאלט זיך די אנאטאָמיע?

פ י י ו ו ע ל. צופאלט זיך די אנאטאָמיע? זי צופאלט זיך אויף: אָסטעאָלאָגיע, סינדעסמעלאָגיע, ע...ע...מיאָלאָגיע, ע...אנגיאָלאָגיע. און נאָך עפּיס א לאָגיע. פערגעסען... אין ביכעל איז דאָס דאָ.

ד אָ ק ט אָ ר. ע, ברודער, אין ביכעל איז שלעכט, עס דארף זיין אין קעפּעל. גיב איך וועל דיר אויפשרייבען א גאנצע רייהע פראגען. (שרייבט). איך בין דיר מקנא, דו לערנסט און איך האָב די לעצטע צייט אויפגעהערט לערנען און שרייבען — בין געווארען פויל, ווי א פּשע ישראל. ברודער, דו וואָלסט האָבען א יונגע ווייבעל, וואלסטו אויך ניט געווען אזא פלייסיגער סטודענט. כע! כע!

אָ ל י ע. באבוסיע, איך בין מיעד... נא, שפּיעל דו א ביסעלע, שפּיעל, וועסט פערגעסען שפּיעלען.

מ א ד א ם. דו, גנב, אז איך וועל שפּיעלען, וועסטו קענען? פאר וואס אז דו ביסט הונגעריג זאָגסטו ניט: באבוסיע,

ד אָ ק ט אָ ר. (קאלט). מארגען וועל איך אייך בעענטפערן אויף אייערע פראגען; היינט, מאדאם, געהט בעסער שלאָפען און בערוהיגט אייך.

פ א נ י ע. מאָרגען? א דאנק דעם טאטען דיינעם!... (דער דאקטאר צוקט מיט די אַקסלען און שווייגט). איך האָב געמיינט א דאָקטאָר, א גרויסער מענש, אריסטאָקראט, איך וועל פאר איהם מורא האָבען. דאָ פאר וועמען מורא צו האבען! ער וועט מיך נאָך א מאָל ברייגנען דערצו, אז איך זאל איהם שלאָגען אויך.

ד אָ ק ט אָ ר. (כאַפּט זיך אויף, צייגט מיט'ן האַנד אויפ'ן טיר, און שרייט אוים מיט אן אונגעוועהנליכער מאַכט). מאדאם, איך וויל איצט בלייבען אליין! איהר הערט? (גיט אַזאַ קלאַפּ איבער'ן טיש, אַז די לאָמפּ און אַלץ ציטערט). פאָרט! ארוים פון דאנען!

(פאַניע דערשראָקען, געהט לאַנגזאַם און וויינענדיג אב).

פ א ר ה א נ ג.

סען אין קארידאר אוועקשטעלען א לאנגע הילצערנע באנק. דיינע קבצנים מעגען ווארטען דאָרט און ניט קריכען אהער מיט די בלאָטיגע שטיוועל.

ד אָ ק ט אָ ר. אין קארידאָר? פאניע, ווינטער וועט זיין קאלט דאָרט פאר די קראנקע...

פ א נ י ע. וועסטו זעהן ניט האלטען זיי לאנג. פּומפּיאַן, איהר וועט הייסען די קראנקע ווארטען דאָרט. פערשטאנען?

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דו געהסט מיט דיינע רעפאָרמען אליץ ווייטער און ווייטער, הא? (ווינקט צו פּומפּיאנען, ער זאל זי ניט פאָלגען).

פ א נ י ע. דאס בלייבט שוין אזוי. פּומפּיאַן, געהט, נעמט מיר א פאיעטאָן.

פ י י ו ו ע ל. איא, איהר גלויבט ניט, אז דאס איז פאניע זרחים? זי, מיט די ביינער. ווי איהר זעהט מיך א יודען. (אב).

פ א נ י ע. עס איז שוין צייט פון איהם אויך פּטור ווערען... אויך א מענש אין שטוב!

ד אָ ק ט אָ ר. ער וועט אויסשטודירען, וועט ער דאָ אליין ניט זיין. ער ווייסט, דו האסט ניט קיין גרויסע סימפּאטיען צו'ן איהם... שאדע, ער איז מיין רעכטע האנד. שש! ער געהט... אין זיין געגענווארט דארפסטו אזוי ניט רעדען. עס איז ניט פיין צו ערנידריגען א מענשען. (פּומפּיאַן קומט, נאך איהם דער בוקיניסט מיט ביכער).

פ א נ י ע. נו, יא, מיט פּומפּיאנען דארף איך זיך אויך צערעמאָניען. וואס איז, ווידער ביכער?

ד אָ ק ט אָ ר. געבראכט עטוואס נייעס? עטוואס גוטעס, הא?

פ א נ י ע. איהר מעגט געהן, ר' יוד, דער דאָקטאָר האָט שוין גענוג ביכער, איבער גענוג...

ד אָ ק ט אָ ר. איהר פערשטעהט דאָך מסתמא, די יונגע

געה עסען פאר מיר? (זעצט זיך צו דער פיאנא, טראכט א ביסעל און שפיעלט ליסט'ס וואריאציעס אויף שובערט'ס כערענאדע).

ד אָ ק ט אָ ר. (הערט זיך צו). סס! פומפיאן. גיב א קוק אויף דער מאמען מיט אָליען... ביידע — צוויי אונשולדיגע קינ־דער. איך וויים נאר ניט, ווער פון זיי איז מעהר קינד. (הערט זיך צו. פאניע קומט פון אַ אינערסטע טיר אויסגעפוצט. א הוט, האנד־שוהען, ציהרונג, טראגט א פענסנע).

ד אָ ק ט אָ ר. בעטראכט נאר אונזער דאקטאָרשע. דו, סאָל־דאט, סאלוטיר. וואָ פראָנט! (סאלוטירט). פאניע, וואוהין איז דאָס אין אזא פאראד?

פ א נ י ע. איך פאהר צו דער מאָדיסטקע, יעווגעני, און איך דארף א סך געלד. (נעמט פון זיין זשילעט עטליכע אסיגנאציעס).

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז אנגענעהם, ווען אזעלכע הענטעלעך גראבלען ארוים דאס געלד פון דיין קעשעניע. פאניע, איך שעם זיך פאר פומפיאנען, איך וואלט דיר עפּיס געזאָגט...

פ א נ י ע. נאר דו שעמסט זיך. ווען וועסטו זיך שוין אויפ־הערען צו שעמען? מאמא, איהר גיט שוין ווידער קאָנצערט, ווען ליאליע'ס פיאנא־לעהרערין וועט דאָ זיין היינט, וויל איך איהר זאָלט איהר זאָגען, אז איך הויב אן זיך לערנען שפיעלען פיאנא. יא, איך וועל נעמען אוראָקען.

מ א ד א ם. אזוי? ווילסט ווערען א פיאניסטקע אויך? פון אָנפאנג קען איך דיך לערנען. איך וויל זיין דיין פראָפעסאָרקע.

פ א נ י ע. ניין, איך וויל לערנען ביי אן אמת'ע לעהרערקע.

ד אָ ק ט אָ ר. דו, פאניע? האָסט דאָך פיינד דעם טאָפּטשאן. זאָגסט שטענדיג, דו פערשטעהסט ניט.

פ א נ י ע. נו, יא, און די גרויסארטיגע דאמען, וואס צימב־לען אויף דער פיאנא, פערשטעהן עפּיס?... עס איז א מאָדע, דאמען זאָלען שפיעלען, וויל איך אויך זיין א דאמע, ווי אלע. (עפענט די טיר אין קארידאָר). יעווגעני, זעהסט? איך האָב געהיי־

פ י י וו ע ל. הייסט עס, איהר פאָהרט יא? זאָל זיין יא. (אב).

ד א ק ט אָ ר. נו, ווי געהט עס? זיצט... מוסיו זרחי, איהר זעהט ניט גוט אויס? (רעדען שטיל).

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, פאניע, וואס מאכסטו? אה איך זעה, האָסט שוין נייע ציהרונגג... שען! שען!

פ א נ י ע. יא, יעווגעני האָט מיר געקויפט נאָך א רינג און דעם בראש. (שטיל). ביסלעכווייז האב איך איהם אויסגע־לערענט. (לויט) וואס איז דאס פאר א צו־גאסט אין מיטען דרי־נען! איך פאהר אוועק.

ז ר ח י. פאניע, מיר זיינען ניט געקומען צו דיר, צום דאָק־טאָר... איך בין קראנק. (הוסט. פומפיאן קומט).

פ י י וו ע ל. מאדאם, איך האָב גענומען א דראשקע.

פ א נ י ע. איך האָב אייך געזאָגט, איך וויל א פאיעטאָן, ניט קיין דראשקע!

פ י י וו ע ל. דוקא א פאיעטאָן? (געהט). פאניע זרחים איז אנדערש ניט געוואוינט געווארען ביי איהר טאטען. (אב).

פ א נ י ע. ער טוט עס מיר אונמיסטען. דעם דאקטאָר'ס מענשען!

ש ר ה ה י נ ד ע. דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראכט א חולה. הוסט און פערכעט א גאנצע נאכט... מיך וואָלט ניט גע־הארט, א מצוה אויף איהם... מען קען אבער אן אויג ניט צו מא־כען איבער איהם. קען א ווארט ניט אויסרעדען, ער זאָל זיך ניט צוהוסטען, און נאר עס וואלט גערעדט. אויך מיר א מאנסביל!

ז ר ח י. אז איך בין ניט קיין מאנסביל, דאָס הייסט אז איך בין א יורענע, בין איך דאָך פון אייערע, דארפסט מיט מיר גוט פריינד זיין און לאָזען מיך רעדען א סך... אוי, דאָקטאָר, עס שטיקט מיך... די מלמדות שטיקט מיך... 25 יאָהר אבגעקנעלט... (הוסט).

דאמע מאכט שפּאס. לאָזט איבער די ביכער, איך וועל זיי שפּעטער איבערקוקען... יא!... אדיע, מיין פריינד, אדיע. (בוקיניסט אב).

פ י י ו ו ע ל. האָט א גוטען תמיד. (מען קלינגט). הערר דאָקטאָר, מען קלינגט, מען קלינגט און קיין קלינגערס איז ניטאָ. פערשטאנען? (געהט עפענען).

פ א נ י ע. ווענינ ביכער האפּטו...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דיך ניט צו ערגערען מאך איך פיעל קאָמפּראָמיסען. צו פיעל... אבער...

פ א נ י ע. קאָמפּראָמיסען צו קאָמפּרעסען? איך ווייס ניט וואס דו מיינסט.

ד אָ ק ט אָ ר. איך אָבער לײדער ווײס, וואס פאר א געפעהר־ליכע זאך קאָמפּראָמיס איז און איך זאג דיר, אלץ מוז האָבען א גרעניץ. וואס אָנבעלאנגט מעדיצין, אדער ביכער דארפסטו זיך ניט מישען! איך וועל זיך ניט שטעלען מיט דיר האָבען א דעספּוט אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע מענשען, אָבער ווײס, אז...

פ א נ י ע. (לעגט צו איהר האַנד צו זיין מויל, ער קושט איהר האנד). אז דו ביסט פארט, ווי א שוואך קינד און מען דארף אויף דיר אכטונג געבען... אבער שא.. איך הער פּאציענטען געהן. (פּומ־פּיאָן צוריק).

פ י י ו ו ע ל. מאדאם, אייערע זיינען געקומען. איך האָב זיי געהייסען זיצען אין קארידאָר אויפ'ן באנק...

פ א נ י ע. נו, זאָלען זיי זיצען. זיי מעגען אויך ווארטען דאָרטען. זאלען אייגענע בענייען די באנק.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס רעדסטו דאס, פאניע? פוי! פּומפּיאָן, וואס איז דאס פאר וויצען? קומט אריין! קומט אריין!

(זרחי און שרה הינדע קומען. ביידע: גאָט העלף!).

פ י י ו ו ע ל. צוליעב די געסט בלייבט איהר דאָך מסתמא, און איהר פאהרט ניט?

פ א נ י ע. וואס הייסט איך פאָהר ניט? איך דארף נוי־טיג האָבען די געסט.

כי! טאנטע! לאָזט, לאָזט דעם אָנקעל דערצעהלען געשיכטען. איך האָב שוין לאנג ניט געלאכט, אָבער, אָנקעל, — דערצעהלט, אז איך זאל פערשטעהן. איך זאל לאכען, ניט איהר.

ז ר ח י. אליעטשקע, איך וועל ניט לאכען, וועסט זעהן...

מ א ד א ם. דערמיט פיהרט איהר איבער די געשיכטע, וואס איהר לאכט אליין... אנדערע דארפען לאכען, ווי מיין אלינקע זאָגט, און איהר קוועלט אליין פון זיך.

ז ר ח י. איך וועל זיך איינהאלטען. (הוסט). צוויי ווייבער זיינען געקומען צום רב מיט א דין תורה. רבי, זאָגט איינע, זי האָט ביי מיר געליהען א שפּאָגעל נייע סקאָווארדע און האָט זי מיר אומגעקערט א צובראָכענע און א צובויגענע. ענטפערט די צווייטע: רבי, איך האָב ביי איהר קיין מאָל אין מיין לעבען ניט גענומען קיין סקאווארדע. זאָלט איהר אליין אזוי לעבען און געזונד זיין, ווי איך האָב ביי איהר א מאָל אין מיין לעבען געליהען א סקאווארדע. און א חוץ דעם, אלע שכנות ווייסען, אז די סקאווארדע, וואס זי האָט מיר געגעבען, איז געווען אן אל־טע און א צובראָכענע. און ווידער, פון וואנען ווייסט זי, אז די סקאוורעדע איז צובראָכען און צובויגען? איך האָב זי נאָך ניט אבגעבראכט צוריק. זי איז נאָך ביי מיר. כא! כא! א ווייבערשער דין תורה. (לאכט און הוסט).

מ א ד א ם. וואס ער טראכט אויס אויף די ארעמע ווייבער. (אלע לאַכען, בעזאָנדערס אָליע).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו זעה בעסער, ווי ליאלע לאכט... כא! כא! מיין טייערער, זיסער נארעלע, וואס געפעלט עס דיר אזוי? (קושט זי). אה, ר' זרחי, איהר הוסט א סך ערגער ווי פריהער...

ש ר ה ה י נ ד ע. אויף הוסטען — דערוויף איז ער אן אייזערנער בריה. וואס דען, עפּיס א רעכטע זאך וועט ער קענען. אסור... אזוי ווי איהר זעהט, טאָג ווי נאכט. פּח פּח פּח...

ד אָ ק ט אָ ר. מיר וועלען באלד זעהן, מיר וועלען אייך גוט אויסהערען און אונטערזוכען...

(פומפיאן קומט).

פ י י ו ו ע ל. א פאיעטאַן!

פ א נ י ע. נו, איך פאהר... יעווגעני, פארגעס ניט האָסט וויזיטען. מיט די געסט דארפסט זיך ניט צערעמאָניען.

מ א ד א ם. פאניע, מיינסטו ניט, אז דיין שליאפּע איז מיט צו פיעל שיק?

פ א נ י ע. איהר ווילט, איך זאל אויסזעהן, ווי אן א ל ט ע דאקטאָרשע? דאס ניט!

מ א ד א ם. פאהרסט האנדלען. יונגע דאקטארשע, פאָלג מיך און קויף ניט אזעלכע זאכען, וואס ווארפען זיך אין אויג.

פ א נ י ע. פערלאָזט זיך שוין אויף מיר.

ד אָ ק ט אָ ר. א דאגה דיר, מאמא, זאל איהר ווילען זיין פריי. ביסלעכווייז וועט איהר געשמאק פערעדעלט ווערען, דאן וועט אויך איהר ווילען אן אנדער ריכטונג נעהמען...

פ א נ י ע. אדיע! מוסיו און מאדאם זרחי, אדיע. (אב).

פ י י ו ו ע ל. א גוטען תמיד.

ש ר ה ה י נ ד ע. מיר זיינען געקומען איין מאָל אין א יובל, געהט זי אוועק.

ד אָ ק ט אָ ר. איהר דארפט איהר פערצייהען... א יונגע דאמע, דארף איינקויפען נויטיגע זאכען. ביי איהר איז דאס וויכטיג.

ז ר ח י. נו, אז דיר געפעלט ניט, רוף זי צו'ן א ווייבער־שען דין תורה. איהר האָט דאך געהערט מסתמא פון דעם ווייבער־שען די תורה? א וואוילע זאך. (לאכט).

ד א ק ט אָ ר. ניין! ניין! איהר לאכט און איהר הוסט פון אייערע וואוילע זאכען. נאָך וואס דארפט איהר דאס?

ש ר ה ה י נ ד ע. ער קוועלט ווי א באקסער פון זיינע אייגענע חכמות. אויך מיר א מאנסביל!...

א ל י ע. פאפאָטשקע מיר ווילט זיך אזוי לאכען... כי! כי!

ד א ק ט א ר. א, זייט רוהיג. געוויס, מיר האָבען געהאט מאנכע סצענען. מען האָט עס געדארפט ערוואַרטען. די פער־שיידענהייט אין יאָהרען, די פערשיידענהייט אין געדאנקען. אָבער מיט יעדען טאָג ווערט די פערשיידענהייט קלענער... זי ווערט פריינדליכער, פיהלט זיך היימישער, לעזט אביסעלע, ענטוויקעלט זיך א ביסעלע. יא, עס קען זיין ניט אלץ, וואָס איהר געפעלט, געפעלט מיר... אָבער איך זעה, איהר ווילען זאָל זיין גאנץ פריי. איהר ענטוויקלונג וועט קומען מיט דער צייט. זי האָט קאפריזען, ווי יעדע יונגע פרוי, דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. איהר כאראקטער איז אביסעל פערדאָרבען, אָבער איך וויים, ער בעשטעהט פון גוטען מאטעריאל... איך בין א מבין...

ז ר ח י. הלואי, רבונו של עולם. און איך האָב שוין גע־מיינט, אז ביי אייך איז אזוי ווי ביי אונז...

ד אָ ק ט אָ ר. איך וויים ניט, ווי ביי אייך איז געווען... זייט איהר געוועזן פערליעבט, האַ? אלטער, איך בין אביסעל צופיעל פערליעבט. (א ו מ א ר מ ט א י ה ם). מיין פריינד, איך האָף, איך וועל מיט אייער חולאת ניט קרענקען. כא! כא! כא! א ביטערער חולאת. האַ? הערט, איך וועל אריינפאָהרען צו'ן אייך אפשר היינט נאָך און וועל אייך געבען א גאנצע סיסטעם, ווי צו פירירען און ווי צו פיהרען זיך... מען דארף אייך גוט נעמען אין די הענד, איהר אויסגעקנעלטער סוביעקט, וואָס איהר זייט. איצט אָבער מוז איך געהן. איך האָב זעהר א שווערען קראנקען אויף די הענד. אן ארעמאן האלט ביי'ם שטארבען פ ו ן ג ע־ש ל ע ק ט ע ן ט י פ ו ס און לאָזט איבער א פולע שטוב מיט יתומים. שלים־מזל, וואוהין קריכסטו? צום קבצן. (ע פ ע נ ט ד י אָ ר ט יִ ר ע ן). שוויגער האָט קיין פאראיבעל, איך מוז פאָהרען. זרחי טוט אן אויף זיך זיין סיורטוק). מאמא, אויפ'ם ווידערזעהען. (ק ו ש ט ז י). ליאָלע (קרימט זי איבער). עס איז א געשיכטע? כי! כי! ברודער פומפיאן, קוק אריין אין דער קניגע, אז ניט וועסטו זעהן א פיגע... (חאפט זיין סאקוואיאזש, ראש אב).

ד א ק ט א ר. (שרייט. פּומפּיאַן). הערר פּאציענט, באַלד אהער... די דאַמען וועלען אונז ענטשולדיגען. (אַלע פרויען מיט אַליען אַב. ער פערציהט די פּארטיערען).

ד א ק ט א ר. די בעקעשע אראָפּ... דעם זשילעט אראָפּ. (טוט איהם אויס). אהה! א ליבעסערדאק? קיין מאָל ניט בעמערקט.

ז ר ח י. וואָס־זשע, איך האָב זיך געדארפט בעריהמען דער־מיט? עס איז יא, ווי מען דערצעהלט, צוויי ווייבער האָבען זיך בעגעגענט אין מארק, זאָגט איינע: חיה העני, דו בעריהמסט זיך גאר ניט, וואס דו האָסט... (הוסט).

ד אָ ק ט אָ ר. באסטא! קיינע געשיכטעם! סילענטיום! (קלאַפּט אין ברוסט און הערט זיך צו). דו הערסט ברודער פּומפּיאַן? (פּומפּיאַן הערט זיך צו). נו, קערט זיך אום. קאלעגא. וואָס זאָגט איהר, הא? (פּומפּיאַן הערט זיך צו).

פ י י ו ו ע ל. עמפיזימא פּאַלמענאַלים דעקסטרא.

ז ר ח י. דאקטאר, איך וויל אייך פרעגען וועגען אַנ'אנדער חולאת. אבער ער דארף ניט הערען.

ד א ק ט א ר. קאלעגא פּראָפעסאר, טראָג זיך אָב... דו דארפסט ניט הערען.

פ ו מ פ י א ן. א גוטען תמיד. יא, עמפיזימא פּאַלמענאַלים. (אב צו די פ ר ו י ע ן).

ד א ק ט א ר. וואָס איז, מיין פריינד, איהר האָט א סעק־רעטנע קרענק?

ז ר ח י. יא, עס איז א חולאת, אָבער ניט קיין סעקרעטנע... (ק ו ק ט ז י ך א ו ם). מיין חולאת איז, פּשוט נערעדט, מיין פּלונית'טע. איך וויים די חולאת... א גאנץ לעבען ליידען און דולדען... איך האָב געוואָלט מיט אייך אליין בלייבען, ווייל איך וויל פרעגען... הערר דאקטאר, איך ווייס, מיין טאָכטער האָט געלערענט פון דער מאמע'ס סידור... און אז איך דערמאָן זיך, אז ביי אייך איז, חלילה, אזוי ווי ביי אונז. אָי, וועה איז מיר...

דעם וועסטו רערען פון סאָציאלאָגיע. משפחה... כע! כע! דאָס איז סאָציאָלאָגיע... פערשטאנען?

פ י י ו ו ע ל. דאָס איז דאָך דאס אומגליק, וואָס איהר מיט'ן דאקטאר קוקט אריין אין דער סאָציאלאָגיע מיט דער סווינטעס־מעלאָגיע, און וואָס אונטער'ן נאָז טוט זיך, זעהט איהר ניט. פער־שטאנען? (אב מיט זיין בוך).

מ א ד א ם. סווינטעסמעלאָגיע? א נייע וויסענשאפט און זעהר א בעליעבטע אין אונזערע צייטען. אליע, מיר דאכט זיך, דו קאָנסט ניט דיינע אוראָקען? חיוטין וועט באלד קומען, וועט זיין טאקע, ווי פייוועל זאָגט, א זעהר מיאוסע סווינטעסמאלאגיע.

א ל י ע. באבוסיע, פאר וואָס איז מוסיו חיוטין ניט ווי פריהער? אבגעלערענט און באלד אוועק, ווי א פרעמדער. (מען קלינגט, פומפיאן לויפט צוריק עפענען).

מ א ד א ם. ווער איז דאָס? די לעצטע צייט, ווען א פאַ־ציענט קומט שוין יא אמאָל, איז פונקט ווען יעווגעני איז ניטאָ אין דערהיים. אליע, מיר בלייבען אָהן פראקטיקע.

אָ ל י ע . (ביים פענסטער). עס איז פאניע! אוי, איך וויל אזוי זעהן, וואָס האָט זי איינגעקויפט. (פאניע קומט מיט פיעל פעק־לעך. נאָך איהר פומפיאן).

פ י י ו ו ע ל. (שטיל. שלעפט קלומקעס). פונקט ווי ביי איהר טאטען אין וויין־הויז. פאניע זרחים! (בייז אָב צוריק צו זיך).

מ א ד א ם. פאניע, זעה, ווי דיינע בעקלעך האָבען זיך צו־פלאָמט. (קנייפט זי פאר'ן באק). ניט אומזיסט, איז מיין יעווגעני אזוי פערליעבט אין דיר, — דו בליהסט.

פ א נ י ע. וואָס פעהלט מיר? האָב וואָס צו עסען, האָב וואָס אָנצוטאָהן, — פונקט ווי אלע דאמען...

מ א ד א ם. אבי דיר פעהלט גאָר ניט... אָליע, קום, דו געהסט?

א ל י ע. ניין, באבוסיע, איך בלייב דאָ מיט פאניען.

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, וואָס האָט דיר דער דאָקטאָר גע־זאָגט, טשערעפּאַכע דו?

ז ר ח י. איהר הערט? טשערעפּאַכע גאָר. שרה הינדע, דער דאָקטאָר זאָגט, דו דאַרפסט זעהן למע"ה, איך זאָל האָבען וואס מעהר תענוג און וואָס ווענינער קללות.

מ א ד א ם. זעהר א ביליגע רפואה און דערצו אָן אייגענער אפּטייקער. (ציינט אויף שרה הינדען. אָליע נעהמט איהרע ביכער. לעגט אוועק אויפ׳ן טיש, נעהמט טינט פעדער).

ש ר ה ה י נ ד ע. וועסט שוין האָבען תענוג... קום אהיים. נו! נו! די טאָכטער אפילו ניט געזעהען ווי מען דאַרף. א שעהנע טאָכטער ביי דיר, פער׳שׂרפ׳עט זאָלסטו ווערען...

ז ר ח י. איך בין שולדיג?... דאָס איז יא, ווי מען דער־צעהלט... צוויי ווייבער... (ה ו ס ט).

אָ ל י ע. אָי, באבוסיע, א געשיכטע! (אליע לאַכען).

ז ר ח י. דו זאָגסט מיר, שרה הינדע, אקוראט ווי אי׳ן יודענע זאָגט צו דער אנדערער, וועלכע איז געווען א בעזדיטיכע: דיין טאָכטער איז פון די דאָזיגע, פון די גוטע... וואָס ע...

ש ר ה ה י נ ד ע. גענוג נו! וואָס איז דער משל, פּרא אדם? אז איך בין א בעזדיטיכע, אָדער אז דיין טאָכטער איז א גוטע? זאָלסט פערשטעהן, וואָס דו רעדסט, וואָלסט זיך טאקי בעגראָבען... האָט א גוטען טאָג, מחותנת׳טע... די דאקטארשע שמעקט ניט אריין צו אונז. עס שטעהט ניט אָן דעם טאטען איהרען... קום! טשערעפּאַכע.

ז ר ח י. יא! געווען ביי׳ם דאָקטאר און מוז אהיים געהן מיט מיין אלטע קרינק. (ציינט אויף זיין פרוי). א גוטען טאָג (בײדע אב).

פּ י י ו ו ע ל. האָט א גוטען תמיד... שעהנע זאכען קען זיך ליאָליע אויסלערנען פון דער משפחה...

מ א ד א ם. פּייוועל, דו לערן פריער דיין אנאטאָמיע, נאכ־

מארק זאָגט, ער האָט פּונקט אזא קלייד געזעהן ביי דער דירעק־טארשע פון באנק.

אָ ל י ע. פאניע, איך בין שוין ווידער ברוגז אויף דיר. דו דארפסט ניט הערען, וואָס אנקעל מארק זאָגט, נאָר וואָס דער פאפא זאָגט.

פ א נ י ע. וואָס מיינסטו?

אָ ל י ע. א, דו ווייסט, דו ווייסט, וואס איך מיין. און אז דו זאָגסט, דו ווייסט ניט, זאָגסטו א ליגען (בייז אב).

פ א נ י ע. וואָס מיינט זי דאָס? ווייס איך, וואָס ארט מיך? (נעמט ווידער דעם טוך און מעסט). אָה, ווי שעהן עס וועט זיין! איך ווייס, עס וועט מיר זעהר פאסען. (מארק גנב'ט זיך שטיל פון זיין צימער).

מ א ר ק. (אומארמט זי פלוצלינג). אהא! דו ביסט דאָ? איך בין אויך דאָ!

פ א נ י ע. (ד ע ר ש ר א ָ ק ע ן). טפו! האָסטו געהערט א חכמה!

מ א ר ק. שש! שריי ניט. ווערסט שוין א מאָל שכל האָבען צו ניין? ווען וועל איך דיך שוין אויסלערנען?

פ א נ י ע. יא דו לערנסט מיך! זאָג בעסער ווי קומסטו בייטאָג פלוצלינג אהיים?

מ א ר ק. איך געה פון קאזנאטשעיסטווע און טראכט: אפשר ביסטו אליין? און האָב געטראָפען.

פ א נ י ע. האָסט ניט געקלונגען. דו ווייסט גוט די גנב'ישע שטיק. ביסט א שטודירטער אויף די זאכען.

מ א ר ק. פאניע, ביסטו היינט פיקאנט!

פ א נ י ע. טאקי?

מ א ר ק. מען קען א כפרה איינגעמען.

פ א נ י ע. נו. נעהם איין. (די פארטיערען צונעמען זיך אַ ביי־סעלע. מען זעהט, ווי אָליע שטעהט אויף דר'ערד אויף די קניע און קוקט אריין).

פ א נ י ע. מאמא, איהר ווילט גאָר ניט זעהן, וואָס איך האָב איינגעהאנדעלט?

מ א ד א ם. וואָס פערשטעהט אן אלטע יודענע? אז דיר געפעלט, ביסטו צופריעדען... און אז דו ביסט צופריעדען, געפעלט עס מיר... (זי פערציהט די פּארטיערען. אב).

פ א נ י ע. (בינדט אויף א פּעקעל). זעהסט, אליע, דאָס וועט זיין מיין „דעלי" סעזאָנע קלייד.

אָ ל י ע. ווי? פאניע, ניט דעלי, דעמי סעזאָן דאַרף מען זאָגען.

פ א נ י ע. דעמי סעזאן? איך וועל געדענקען (חזר'ט). דעמי, דעמי סעזאן. (ענטציקט). זעהסט, דאָ דער ליעף וועט זיין בע־פּוצט מיט קרוזשעווען. די ארבעל מיט אויפגעבלאָזענע בופס, דאָ וועלען געהן שנורען מיט לענטעס איבער דער גאנצער קיראסע, פון דאנען וועלען געהן ביע ביז אראָפּ און אונטען אובאָרקעס...

א ל י ע. איך מיין, דאָס וועט זיין שעהן. פאניע מאך בעסער דער ליעף זאָל זיך פערשפּיליען פון א זייט... אָט אזוי...

פ א נ י ע. אָבער איאָ, עס וועט זיין שעהן? עס וועט מיר פּאסען הא? טייערע! (כאַפּט אָליען און טאַנצט א וואלצער, זינגענ־דיג פרייליך: טעם טרא טעם, טעם טרא טעם...). אָליע ווילסט א קאנפעטקע? (נעהמט פון איהר קעשעניע א קליינע שאַכטעל). איך קען זיך ניט אויסלערנען, דאָס איז מאָנפּאסיע צו באָנפּאסיע?

אָ ל י ע. דאָס האָסטו געקויפט זעהר א גוטען סאָרט, עס רופט זיך באָנפּאסיע...

פ א נ י ע. (חזר'ט). דאָס רופט זיך באנפאסיע, באנפאסיע. איך האָב דאָס ניט געקויפט. א נויטיגע זאך! דאָס האָט מארק גע־קויפט.

א ל י ע. אנקעל מארק? דארף איך ניט! (ווארפט די קאָנ־פעקטען צוריק אין שאַכטעל).

פ א נ י ע. אָבער דאָס קלייד וועט זיין גרויסארטיג, הא?

אהער, וועל איך דיר דערצעהלען, וואָס האָט וועגען דיר געזאָגט דער וויצע־דירעקטאר פון אונזער באנק.

פ א נ י ע. טאקי? (געהט צו׳ן איהם). וואָס האָט ער גע־זאָגט? (ער זעצט זי אַנידער אויף זיינע קניע און קושט זי לוידענ־שאפטליך). אוי, לאָז מיך! זאָל זיין געזונג! וואָס טוסטו? (מען קלינגט). לאָז מיך! (ער לאָזט זי ניט). משוגע׳נער, מען געהט! (זי רייסט זיך ארויס, פּומפּיאָן קומט, זי אין אַ פערלעגענהייט). ע... ע... פּומפּיאן, מען קלינגט...

פ י י ו ו ע ל. יא, מאדאם, מען קלינגט. (שטעהט און בע־טראַכט זיי ביידען). מען קלינגט אין אלע גלאָקען.

פ א נ י ע. (צונעמט די פּארטיערען און בעמערקט אליען אויף דר׳ערד). זעה נאָר, אליע!... וואָס איז, אָליע? וואָס טוסטו דאָ? (וויל זי אויפהויבען).

א ל י ע. (וויינט). אוועק פון מיר!... רעד ניט צו מיר!... דארפסט זיך ניט אָנריהרען צו מיר! אוועק, דו! אוועק! (לויפט אב. מען קלינגט ווידער).

פ י י ו ו ע ל. (אפּארט). אי, וועה! עס האלט שוין זעהר וויט. פערשטאנען? (געהט עפענען).

פ א נ י ע. איך האָב מורא, דאָס קינד האָט געזעהן. אי, פער׳שרפ׳עט זאָלסטו ווערען!

מ א ר ק. נו, איז וואָס? א ביסעל שפּאס געמאכט. פאניע, איך וועל ווארטען ביי זיך אין צימער, עס קען זיין, עס איז ניט ער. ברענג דיינע האָר אין אָרדענונג און האלט זיך ווי א ווירדיגע, אנשטענדיגע דאמע. דער עיקר איז נאָר אין האלטען זיך (אב צו זיך).

פ א נ י ע. אלע זאָגען, איך האלט זיך שוין ווי א ריכטיגע דאמע. אז מען האָט שכל, איז ניט שווער אויסצולערנען זיך זייער גאנצע תורה. און איך האָב געמיינט, איך וועל זיך אייביג ניט אויסלערנען צו זיין א דאמע. (חיוטין און פּייוועל קומען. זי מאכט אַ גרימאַסע, נעהמט איהרע פעקלעך, פערציהט די פּארטיערען. אב).

מ א ר ק. איך פערשטעה, פאר וואָס דער אלטער נאר איז אזוי פערליעבט...

פ א נ י ע. דער אלטער נאר האָט מעהר שכל פון דיר, פון מיר, פון אונז אלע.

מ א ר ק. נעהמסט זיך פון דעסטוועגען אָן פאר דיין אל־טעטשקען... פאניע, קום אהער צו מיר.

פ א נ י ע. אוי, לאָז מיך צו רוה!...

מ א ר ק. ביי אונז אין באנק זאָגען אלע, דו ביסט די שעהנסטע פרוי אין שטאדט.

פ א נ י ע. טאקי? דאָס געפעלט מיר! זאָגסטו דאָס אונ־מיסטען? טאקי די שעהנסטע?

מ א ר ק. ניין, איך זאָג ניט אונמיסטען. איך הויב זיך טאקי אן פערליעבען אין דיר אויפ׳ס צו׳ן אמת.

פ א נ י ע. פארוואָס האָסטו זיך אין מיר ניט פערליעבט, ווען איך בין געוועזן א מיידעל? דיר איז דאמאלס ניט אָנגע־שטאנען, אריסטאָקראט מיינ׳ער. איצט ארט דיך ניט.

מ א ר ק. נו, וואָס ארט דיך, נאר? מען האָט דיך ליעב?

פ א נ י ע. נו, יא! עס איז אָבער דאָ אימיצער, ווענען עם ארט. (אָליע פאלט צו צום פאָל און וויינט).

אָ ל י ע. (ווהיספערנד). מיין פאפאטשקע! ! מיין פא־פאטשקע...

מ א ר ק. איהם מיינסטו? איהם ארט ניט, זעהסט דאָך... ער איז אן אידעאליסט. ביי זיי איז דאָס גאר ניט. זיי אנערקענען ניט מיינס... דיינס... קאָמוניסטען!...

פ א נ י ע. טאקי? גערה, דו זאָגסט א ליגען.

מ א ר ק. ביי זיי איז דאָס גאר ניט. שש... פאניע, קום אהער צו מיר.

פ א נ י ע. אוי, לאָז מיך צו רוה.

מ א ר ק. פאניע, ווילסט וויסען, ווי דו געפעלסט? קום

שטאָדט לאכט מען פון איהם. דאָקטאר קאפּילקין האָט מיך אין אפּטייק פאר אלע פּראָוויזארס געפרעגט: ווער פון די צוויי ברידער? פערשטאנען? און האָבען געלאכט און חוזק געמאכט. פּשוט מען מיינט, דער דאָקטאר ווייסט און מאכט זיך ניט ווי־סענדיג.

ח י ו ט י ן. הא? מען האָט עטליכע מאָל אין מיין געגענ־ווארט געפּרובט רעדען דערפון, האָב איך געהייסען שווייגען. איך ווייס, זי איז א בהמה, א נידריגער כאראקטער, אָבער...

פ י י ו ו ע ל. ער איז בלינד, ער זעהט ניט. איך זעה, זאָגאר ליאָלע... ליאָלע זעהט.

ח י ו ט י ן. וואָס? דאָס קינד?... דאָס אונשולדיג קינד?

פ י י ו ו ע ל. זי איז ערשט געלעגען דאָרט אויף דר'ערד לעבען די פּאָרטיערען און ביטער געוויינט, ווייל זי האָט געזעהן, וואָס זייביידע האָבען פון דער זייט... פערשטאנען? ניט אנ־דערש, ער ווייסט און איהם פּאסט ניט ארייננצומישען זיך. (מען קלינגט). אָי, שא! דער דאָקטאָר. (לויפט עפענען).

ח י ו ט י ן. אזוי? ער ווייסט און מאכט א שוויג?... אזוי ווייט זאָל עס געהן? און מיט דיזער פערפעסטעטער לופט אטעמט דאָ דאָס קינד! איך בין ניט קיין סענטימענטאלער מענש. און איך מיין, ווי ביטער און גרויזאם דער אמת זאָל ניט זיין, איז א ליגען אָבער שטענדיג נאָך ביטערער און גרויזאמער... (דאָקטאר קומט, ער איז זעהר טרויריג, נאָך איהם פּייוועל).

ד א ק ט א ר. יא, ברודער פּומפּיאן, עס איז געווען א צו שווערער טיפוס און נאָך א געפלעקטער... מיין פּאציענט איז גע־שטאָרבען... איך האָב עס ערוואַרטעט, און עס פערדריסט דאָך... אזוי פיעל יאָהרען האָב איך צו טון מיט'ן טויט און שטענדיג ברענגט מיך דיזע שרעקליכע מיסטעריע אין פערצווייפלונג. א געהיימניספאלע, ערדריקענדע ערשיינונג! (פערטראַכט זיך). יעצט ליגען דאָרט צוויי קינדער אין טיף און דאָס גאנצע הויז איז אנ־געשטעקט. חיוטין, איך גיב אייך ניט די האנד, ווייל איך בין אין

ח י ו ט י ן. (ווישט די ברילען). הם, די דאקטארשע אייערע ווערט מיט יעדען טאָג גרויסארטיגער. פּומפּיאן, וואָס איז אייך? איהר זעהט אויס, ווי איהר זאָלט ליידען פון בויכוועהטאָג. וואו איז אָליע?

פּ י י ו ו ע ל. דעם בויכוועהטאָג בין איך אייך מוחל. נאָר זאָגען וואָס דארף איך אייך...

ח י ו ט י ן. וואָס איז דאָס, אמיקום מעריקום?

פּ י י ו ו ע ל. איהר ווייסט, אז איך האָב אייך פיינט... דאָס איז ניט קיין סוד.

ח י ו ט י ן. פיינט! דאָס הייסט ניט פיינט... איהר זייט ניט שטערבליך פערליעבט אין מיר.

פּ י י ו ו ע ל. יא, אָבער ער האלט פון אייך. איך ווייס ניט, וואָס האָט ער אין אייך דאָרטען דערזעהען.

ח י ו ט י ן. פּייוועל פּומפּיאן, אויך איהר האָט וואָס צו זאָגען, רעדט עברי. דער וואָס רעדט א סך איז א סימן: ער האָט ניט וואָס צו זאָגען.

פּ י י ו ו ע ל. יא, איך האָב וואָס צו זאָגען. איך האָב געפּרובט זאָגען דער אלטער — איז רעד צו דער וואנד. און איהם זאָגען האָב איך מורא. פערשטאנען? (צונעמט די פּארטיערען און קוקט זיך אום).

ח י ו ט י ן. דערווייל'ע האָב איך גאָר ניט פערשטאנען. רעדט ניט צו דער וואנד, רעדט צו מיר...

פּ י י ו ו ע ל. איהר זייט א פערשייטער קבצן און איהר קענט יעדע זאך טון.

ח י ו ט י ן. איהר האָט א טעות... דאָס הייסט, א פערשייטער קבצן בין איך, אָבער יעדע זאך טון קען איך ניט. וואָס איז דאָס פאר אן אפּעראציע?

פּ י י ו ו ע ל. דער בוכהאלטער, אונזער ברודער, מוסיו מארק און פאניע זרחים. פערשטאנען? עס איז א שאנדע און א ווייטאָג אין הארצען, אזא מענשען מאכען צום נארען. אין

מען א ווייב, קען מען שוין ניט זיין נוצליך פאר אנדערע... אוים פרייהייט, און טעטיגקייט, אוים אידעאלען. מען זארגט נאר פאר'ן עגאָאיסטישען טרעמבוך, פאר'ן חזיר'שען „איך". אמאָל פלעגט מען פאר א גוטען צוועק קענען קריגען ביי איך הילפע, און זינד איהר האָט חתונה געהאט...

ד אָ ק ט אָ ר. ברודער, מיינע פינאנסען זיינען ניט אין א גלענצענדען צושטאנד. די פראקטיקע איז מאָגער און די אויס־גאבען — אי, אי! כאפט אייך דער רוח, אייך מעג איך זאָגען: איך בין קיין מאָל קיין גראָשען ניט געווען שולדיג און איצט בין איך שולדיג אין מאגאזינען און צו פערשיעדענע קרעדיטאָרען איבער 12 הונדערט רובעל. ביסלעכווייז אזוי... ארייננעקראָכען...

ח י ו ט י ן. דאָס רעקאמענדירט אייך זעהר שען! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט. איהר דעמאָראליזירט, איהר פערדארבט אייער אייגען קינד... הא! איהר זייט אזוי צופריעדען פון אייער בעס־טיאלער זאָאָלאָגישער פריידע, אז איהר דולדעט דאָ אין הויז יעדע געמיינהייט, און אייך ארט ניט, וואָס אייער אונשולדיג קינד...

ד א ק ט א ר. (צארניג). וואָס מיינט איהר? איהר! וואָס ווילט איהר זאָגען?

ח י ו ט י ן. איך וויל זאָגען, אייער קינד איז ערשט גע־לעגען דאָ ביי די פאָרטיערען און האָט געוויינט. איהר יונגעס הארץ ווערט דאָ צובראָכען, איהרע ריינע געדאנקען פערגיפטעט, איהרע הייליגע געפיהלען פערשמוצט! און איהר, אלטער פער־ליעבטער סאטיר, איהר קוקט און שוויינט! פוי! איך וויל ניט האָבען וואָס צו טון מיט אזא הויז און מיט אזעלכע מענשען! (ראש אב).

ד א ק ט א ר. פומפיאן, וואָס האָט ער געפלאפעלט? ער איז פון זינען אראָב!...

פ י י ו ו ע ל. ביי איהם איז דאָס א נייעס, און איך האָב פריהער געוואוסט, אז פאניע זרחים...

גאנצען פערפעסטעט. וואָס זעהט איהר אויס אזוי זויער, ביי אייך איז אויך א פאציענט געשטארבען? פומפיאן, איך מוז זיך שוין אי־בערטון. (פומפיאן גיט איהם אנדערע קליידער).

ח י ו ט י ן. דאקטאר, איהר זאָלט ניט זיין פערפעסטעט, ווייס איך אויך ניט, צו איך וואָלט גענומען אייער האנד. יא איהר האָט רעכט, ביי מיר איז היינט געשטאָרבען ניט א פאציענט, נאָר א מענש איז געשטאָרבען...

ד אָ ק ט א ר. חיוטין, ווידער משוגעת'ן? ניט יעצט, איך בין אליין ניט אין אן איבריג גוטער שטימונג.

ח י ו ט י ן. וואָס זיינען שטימונגען? א'ן עהרליכער מענש דארף האָבען פרינציפּען.

ד א ק ט א ר. חיוטין, לאָזט מיך היינט צו רוה מיט אייער קינדישער מאָראל.

ח י ו ט י ן. דאקטאר, איהר קענט אייך ניט אוועקמאכען מיט פראזען! איהר זייט געווען א פּאָפּולערער, בעליעבטער מענש, אן אנערקענטער פאלקס־פריינד, — און יעצט לאכט מען און מען פעראכטעט אייך. מען וועט גיך אין גאס טייטלען אויף אייך מיט די פינגער. איהר זייט אמאָל געווען א מענש מיט אידעען. וואו זיינען אייערע אידעען יעצט?

ד א ק ט א ר. (פריינדליך). זייט ניט קיין נאר, חיוטין! מיינע אידעען טראָג איך אין מיין מארך, אין דעם בלוט פון מיינע אָדערן. מיינע פרינציפּען זיינען הייליג! צו פרינציפּען מוז מען אָבער נאָך פיהלען און דענקען ווי א מענש. א פרינציפּ איז א טויטע זאך און דער געדאנק פון א מענשען לעבט. יא, איך ערלויב זיך אמאָל א קאמפּראמיס, ווייל איך וויל ניט סקנדאלען אין הויז, ווייל איך וויל ניט פערגיפטען דאָס לעבען פון א יונגע אונ־ענטוויקעלטע פרוי; זי וועט זיך ענדערן מיט דער צייט.

ח י ו ט י ן. זי וועט זיך ניט ענדערן, איהר האָט זיך גע־ענדערט!... דאָס איז די היינטיגע פאמיליע, געראדע ווי די גאנצע געזעלשאפט. זיי דעמאָראליזירען די פערזענליכקייט. נעמט

קריכען אונטער דער קושעטקע? פוי! אייפערזוכט איז א מיאוסעס, געמיינעס, זעהר נידריגעס געפיהל. פייוועל פומפיאן אין דער ראָלע פון יאגאָ? פע! צו קליין... און איך אן אייפערזיכטיגער זידענ־דער אטהעלא! כע! כע!... ווי געפעלט אייך אזא אטהעלא? (אליע עפענט די טיר).

אליע. פאפאָטשקע, ביסט שוין געקומען?

דאָקטאָר. אָה, אליע! קום אהער, זעץ דיך דאָ (נעהמט זי אויף די קניע). האָסט געוויינט? (קיין ענטפער). האָסט גע־וויינט, ליאָליע?

אָליע. יא, פאפא.

דאָקטאָר. (ווישט איהרע אויגען מיט׳ן האנד). נארעלע, אז מען וויינט, פיהרט מען זיך איבער די אויגען. ווארום האָסטו געוויינט? (זי שווייגט). איך פרעג דיך, ווארום האָסטו געוויינט? (גיט זי אַ צופּ ביי׳ם האַנד).

אָליע. אי, פאפא, מיר טוט וועה! זעה, ווי רויט מיין האנד איז געווארען.

דאָקטאָר. (קושט איהר הענטעל). ניין, קינד, דאס האָב איך אונגערן. זיי זאגען, ביסט דאָ געלעגען אויף דר׳ערד און גע־וויינט. ווען אזא עהרענסווירדיגע דאמע, ווי דו, ציהט זיך אוים אויפ׳ן פאָל און פערגיסט טרערען... כע! כע! איז געוויס א גרוי־סער טרויער. וואס איז דאָס, ליאָליעטשקע, הא? דאָס הייסט, אויב דו ווילסט און דארפסט עס מיר זאָגען — זאָג, און אויב ניט — דארף מען ניט. (אומארעמט זי). ליאָליעטשקע, מען זאָל זיך צוהערען צו אלע גיפטיגע רייד, מיט וועלכע אונזערע גוטע פריינד ווילען אונז טובות טון, וואָלט מען געדארפט שטענדיג ליגען אויף דר׳ערד און וויינען, קלאגען און יאָמערן.

אָליע. פאפא, אָנקעל מארק איז זעהר א שלעכטער מענש.

דאָקטאָר. (לאָזט זי אראָפּ פון די קניע). ניין! ניין! ליאָליע, איך וויל גאר נישט הערען פון אָנקעל מארק. זעה נאר, וואס האָב איך עטוואס געדארפט טון און האָב פערגעסען?

ד א ק ט א ר. פומפיאן, פאניע זרחים איז מאדאם גאל־דענווייזער. פערגעס דאָס ניט!

פ י י ו ו ע ל. יא, דאקטאר, אָבער דאָ אין הויז געפינען זיך צוויי גאלדענווייזערס. פערשטאנען?

ד א ק ט א ר. (רוהיג). הא? צוויי גאלדענווייזערס? וואָס מיינסטו דאָס?

פ י י ו ו ע ל. איך מיין, אייער ברודער מארק.

ד א ק ט א ר. זיי ניט קיין נאר, פומפיאן, און רעד ניט קיין נארישקייטען. מען דארף ניט גלויבען יעדע דומהייט, וואָס מען הערט.

פ י י ו ו ע ל. אבער אז מע זעהט?

ד אָ ק ט אָ ר. (כאַפּט זיין ארם). וואס ווילסטו דאָ מיר דער־צעהלען פאר געשיכטעס? דו!

פ י י ו ו ע ל. אז מארק און אייער פרוי... אוי, דאָקטאָר, איהר וועט מיר איבערברעכען די האנד! דאָקטאָר!

ד אָ ק ט אָ ר. די האנד? די האנד וועל איך דיר ניט אי־בערברעכען... ניין! דאס ניט. (רוהיג). אבער איך וויל דאָ אין הויז ניט האָבען קיינע שפּיאָנען, קיינע מוסרים, קיינע אינטרי־גאנטען! איך וויים, דיר געפעלט ניט מאדאם גאָלדענווייזער. נעהם דיינע זאכען און געזונטערהייט! קענסט געהן...

פ י י ו ו ע ל. איך מיין אייער טובה, ווי א גוטער פריינד... נאר אז אייך פאסט בעסער מאכען זיך ניט וויסענדיג, ווי איהר פערשטעהט... איך וויל אליין דאָ ניט בלייבען. האָט מיר א גוטען תמיד. (אב).

(דער דאָקטאָר בלייבט שטעהן פערטראַכט).

ד אָ ק ט אָ ר. מארק? איך הער דאָס ניט צום ערשטען מאָל! אבער האָט מען צוטרויען צו מענשען, דארף מען גלויבען טראָץ אלע פערלוימדונגען און גאסען־שמועסען! וואס? ער־נידריגען זיך? אפשר ווערען א שפּיאָן? נאָכקוקען? צו־הערען זיך ביי דער טיר? בעהאלטען זיך אונטער'ן פארהאנג, ארונטער־

זי וויל מיך זעהן איצט, זאָל זי קומען צו מיר אהער. (לעגט איבער זיינע אינסטרומענטען און פייפט א לידעלע גאַנץ רוהיג. מאַכט זיך, ער זעהט ניט, ווי זי געהט).

אַ ל י ע. (צוקט מיט די אקסלען). דער פאפאַטשקע פער־שטעהט גאר ניט... (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. הא! דאס האָט זי געזעהן?... אזעלכע סצע־נען דארף מיין קינד בייוואָהנען? כא! כא! כא! איך האָב אלע געררעכענט פאר משוגעים און האָב אליין געשפּיעלט די ראלע פון אן אידיאָט. די קאטאראקטע איז אראָב פון מיינע אויגען, איך זעה יעצט די ווירקליכע, די שרעקליכע ווארהייט. וואס זאָגט זי? זיי זיינען יעצט ביידע דאָרטען. גאַנץ אָפען הייסט עס. נו, יא, וואס דארפען זיי זיך מיט מיר זשענירען? (מאַכט עטליכע טריט צו מארק'ס צימער). אטהעלא, וואָלט יעצט אויפגעבראכען די טיר און געפּאקט די פערברעכער אויפ'ן אָרט, ער וואלט דערווארגען דעם ענטעהרער מיט זיינע הענד, וואָלט צוטראָטען די שלאנג מיט זיינע פיס, וואָלט גענומען ראכע און געלאָשען זיין צאָרן מיט בלוט! און וואס וועט טון דער דאָקטאָר, דער אינטעליגענט, דער מענש וואס האָט א ביסעל געדענקט און א ביסעל געלערענט? נו, דאָק־טאָר? (גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ ביי'ם קאָפּ). וועה איז מיר! דער דאָקטאָר איז ערשט געקומען פון א פערפעסטעטען הויז און דער רוח וויים צוליעב וואס, צוליעב וועלכע געמיינהייטען, האָט ער פארגעסען, אז ער איז דאָקטאָר! (פאנגט זיך אן ראש אויסטאן). ליאליע! פומפּיאן! כע! כע! האָב פארגעסען, איך האָב אלעמען און אליץ פערלארען... און צוליעב וועמען? צוליעב וואס? (מא־דאס קומט). מאמא. וואס טוט ליאליע? געה, זעה, וואס טוט דאס קינד!... איך בעט דיך.

מ א ד א ם. גאָט איז מיט דיר, איך האָב זי ערשט גע־צוואונגען זי זאל זיך זעצען עסען א קאטלעטקע.

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, איך בעט דיך, געה באלד וואש זי ארום, טו איהר אן אנאנדער קליידעלע. איך בין ערשט געקומען

אָ ל י ע. פּאפּא, זיי האָבען דיך ניט ליעב. איך האָב שוין לאנג דאס געוואוסט, און היינט בין איך געלעגען דאָ און האָב גע־וויינט, ווייל איך האָב אלץ געזעהן.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס האָסטו געזעהן? (זעצט זיך געגען איהר).

אָ ל י ע. אָנקעל מארק האָט זי גענומען אויף די קניע, ווי א קליין מיידעלע. און איך האָב אזוי געוויינט.

ד אָ ק ט אָ ר. (מאַכט זיך רוהיג). דערפאר האָסטו געוויינט? כא! כא! דו נאר! זיי זיינען ווי א ברודער מיט א שוועסטער... ווי איך מיט דיר... און... יונגע לייט — זיי שטיפען.

אָ ל י ע. יא, איך האָב אויך געמיינט אזוי... אבער פאר וואס דערשרעקען זיי זיך אזוי שטארק, אז מען קלינגט?

ד אָ ק ט אָ ר. פוי!... ליאליע, עס איז זעהר ניט שען צו טראכטען שלעכטעס פון מענשען און נאָכצוקוקען. (זינגט זיין מע־לאָדיע). טע דע... דע רעם... איך קען זיך ניט דערמאָנען, וואס האָב איך געהאט אין זינען! (זינגט) טע־רע דע רעם. אויף די קניע ווי א קליין מיידעלע... הם... (זוכט).

אָ ל י ע. יא, יא, פאפּעלע! אויף די קניע און ער האָט זי געקושט אין די ליפּען, אין די באקען, אין די אויגען, א סך, א סך מאָל.

ד אָ ק ט אָ ר. הם! דאָס האָסטו געזעהן? (גיט א קלאַפּ און קערט איבער אַ ביינקעל, מאכט באלד, אז דאס איז געווען אונגערן). ווייס איך, דאס איז גאר נישט, נארישקייטען... ליאליעטשקע, דו געה צו זיך... איך האָב געדארפט עפּיס טון און האָב פארגעסען. מיין קאָפּ ווערט א ביסעל מחולה.

אָ ל י ע. פּאפּא, פאניע איז איצט אין אָנקעל מארק׳ס צי־מער.

ד אָ ק ט אָ ר. הא? אין זיין צימער? נו, איז וואס, קינד? וואס איז דער אונטערשייד, דאָס צימער, יענעם צימער? (זינגט טע־רע־דע־רעם... וואס האָב איך פאָרט פארגעסען, הא? געה. ליאָליע, און זאָג דער באבוסיע, אויב זי פוילט זיך ניט און אויב

ד אָ ק ט אָ ר. (סארקאַסטיש). אזוי? טאָלסטאָי'ס ווערק? זי דארף דיר זעהר דאנקבאר זיין!

פ א נ י ע. דו גלויבסט ניט? איך קען דיר דערצעהלען יע־דע זאך פון טורגענעוו'ס ראָמאנען: „רודין", „דוואריאנסקאָיע גניעזדא", „נא קאנוניע". (די מאַדאַם קומט).

ד אָ ק ט אָ ר. הערר בוכהאלטער, צוליעב וואָס האָסטו גע־זעצען מיט איהר ראָמאנען, צו פערבעסערען זי אדער צו פערדער־בען? הא?! קענסט מיר זאָגען די ווארהייט?! (פאַניע פאַנגט אָן וויינען).

מ א ר ק. מאמא, וואס מיינט ער, דער פילאָזאָף דיינער?

ד אָ ק ט אָ ר. ווילסט זיך אוועקמאכען מיט דיין ציני־שער פרעכהייט. (כאַפּט איהם ביים קאָלנער און גיט איהם אַ וואָרף צו דער ערד). מיט דיין צינישער פרעכהייט? מיט דיין צינישער פרעכ־הייט? (שלעפּט איהם אַהין און צוריק איבער דער ערד).

מ א ד א ם. (דערשראָקען). יעוועני, וואס ווילסטו טון?

ד אָ ק ט אָ ר. שרעק דיך ניט, מאמא... (לאָזט איהם). וואס טוט דאָס קינד? מאמא, מירביידע זיינען געווען בלינד און ליאליע האָט געזעהן. דאָס וואס מיר האָבען געדארפט וויסען, האָט דאס קינד געוואוסט... (מאַרק ציטערט פון שרעק, זיינע קליידער אין אונ־ארדנונג).

מ א ד א ם. איך האָב שוין געהערט די שענע בשורה... אָי!

ד אָ ק ט אָ ר. מיין פערשטאנד זאָגט מיר, אז אייפערזוכט, זאכע, בלינדער צארן זיינען נידריגע, טיערישע געפיהלען, און דאָך דאָס מרפה בלוט... די נערוועז!...

פ א נ י ע. (קוקט פערוואונדערט) אבי ער האָט געזאָגט, דאָס איז ביי זיי גאר ניט.

ד אָ ק ט אָ ר. בוכהאלטער, אהער גערה, צו דער מא־מא! (ער געהט צו דער מוטער). וואגסטו מיט דיינע בעסטיאלע אויגען קוקען אויף דיעזע פרוי און זאָגען: דאס איז מיין מוטער?

מ א ר ק. מאמא, לאָז איהם ניט, ער וועט מיך דער'הרג'נען...

פון א הויז, וואס איז פערגיפטעט מיט געפלעקטען טיפוס... (מאדאם אב). איבערטון יזיך און פריער פון אלץ זעהן דאס קינד... אָה, אטהעלא! אטהעלא! מיט א קאָפּ — אנגעשטאָפּט מיט ביכער־געדאנקען, מיט נערווען פון א ציוויליזירטען אינטעליגענט: אטהעלא, מיט א דאָקטאָר׳ס דיפּלאָם אין קעשעניע און אָהן א דעזדעמאָנע! אָהן א דעזדעמאָנע!... (כאַפּט דעם קאסטיום, וואס פּומפּיאן האָט פאַרבערייטעט, לויפט אין דער צווייטער אבטיילונג און פערציהט די פּארטיערען. פּויזע. מארק און פאַניע קומען פון זיין צימער, זי קומט שפּעטער).

מ א ר ק. זי האָט מורא געהאט ארויסגעהן. עס האָט זיך דיר נאר אויסגעוויזען אז דיינער איז אין דער היים... נו, איך לויף שוין אין באנק אריין.

ד אָ ק ט אָ ר. (הינטער די פּאָרטיערען). עס האָט זיך איהר ניט אויסגעוויזען, איך בין אין דער היים. מאדאם, איהר האָט מורא געהאט ארויסגעהן? דאס איז ניט גוט. אז מען האָט ניט מורא אריינגעהן, דארף מען ניט מורא האָבען ארויסגעהן! מארק, דו געה ניט אוועק. איך דארף דיר זאָגען א פּאָר ווערטער.

פ א נ י ע. (שטיל). דו הערסט זיין קול? איך האָב מורא.

מ א ר ק. (מיט אַ גרימאַסע פון פערדאַכטונג). עע! (לויט) יעווגעני, וואס טוסטו דאָרט? קליידעסט זיך איבער? בריה מייי־נער, מאך עס גיכער, איך האָב קיין צייט נים.

ד אָ ק ט אָ ר. (קומט איבערגעקליידעט). דו האָסט קיין צייט ניט? (בעטראַכט זיי ביידע). יא, מיר וועלען דאָס מאכען בקיצור. זיצט, מאדאם!

פ א נ י ע. ניש׳קשה, איך קען בעשטעהן...

ד אָ ק ט אָ ר. לאָזט אייך ניט בעטען, מאדאם, זיצט, ווען מען הייסט אייך זיצען! (זעצט זי אנידער. זי זעהר דערשראָקען).

מ א ר ק. יעווגעני, דו ווייסט, מיר האָבען שוין מיט איהר דורכגעלעזען אלע טורגעניעוו׳ס ראָמאנען. יעצט וועלען מיר אָנ־פאנגען טאָלסטאָי׳ס ווערק.

ד אָ ק ט אָ ר. דער דאקטאָר האָט צו אייך קיינע טענות, קיינע פּרעטענזיעס, איך וויל ניט קיין ראכע און מאַך אייך קיינע פאָרווירפע, מאדאם, איהר האָט מיט צעהן, עלף מאָנאטען צוריק געבעטען, איך זאָל אייך בעסער לאזען אהיים צוריק. איך בין גע־ווען נאריש, און האָב געמיינט אז מיט דער צייט... נעהמט אייערע זאכען, אלץ, וואס איהר רעכענט פאר אייערס און געהט אהיים. אייער היים איז דאָ קיין מאָל ניט געווען און קען ניט זיין. געהט צוריק, פון וואנען איהר זייט געקומען!...

פ א נ י ע. געהן צוריק? (וויינט). פאר א יאָהרען, ווען איהר זאָלט מיך לאָזען, וואָלט איך געגאנגען. דאמאָלס וואָלט איך גע־קענט ערווארטען אז מען וועט אויף מיר רחמנות האָבען... ווער קען איצט אויף מיר האָבען רחמנות? ניין, איצט ניט. פאר א יאָהרען וואָלט מיר נאָך ניט געווען שווער צו לעבען, ווי פריהער. איצט בין איך שוין צופיעל געווען א גרויסע דאמע... דערפאר וועט מען מיר נאָך מעהר פערצאפּען מיין בלוט, אלע וועלען נעהמען נקמה און מאכען שפּאָט און חוזק... איך ווייס, דאָ קען איך איצט ניט זיין דארטען אָבער ביי מיין מאמע'ן קען איך שוין קיין היים ניט האָבען. דאָקטאָר, וואוהין זאָל איך געהן? (דאקטאר געהט אום לאַנג די מאַדאַם קערט זיך אב און ווישט אב אַ טרער).

ד אָ ק ט אָ ר. איך ווייס, מיט וואס פאר א שרעקליכען מיט וואס פאר א שענדליכען וועג אייך איז איצט געבליבען צ געהן. איך וועל אייך ניט שטויסען אויף דעם וועג. ניין, איך ניט איהר האָט געטרעמפּעלט מיין עהרע, מיינע געפיהלען, מיינע פּרינ ציפּען, טרעמפּעלט נאָך מיין נאמען. יא, איך ערלויב דאָס אייך פאר דער וועלט קענט איהר בלייבען, זאָ לאנג איהר וועט דארפע מאדאם גאָלדענווייזער, פאר אונז אָבער דאָ זייט איהר פון דיזע מינוט א פרעמדע. איהר הערט? פרעמדע זיינען מיר! (צייגט אוי דער מוטער). דיזע ריכטיגע מאדאם גאָלדענווייזער איז די איי ציגע ווירטין דאָ אין הויז! מיין הויז וועט זיך פיהרען מיט דיזע בע פּרינציפּען ווי פריהער. (בייז). אָהן איהר וואגסטו ניט א ביי

ד אָ ק ט אָ ר. יא, דיעזע פרוי איז לײדער דײן מוטער, מיר אָבער זײנען קײנע ברידער מעהר, קײן מאָל ניט, אין לעבען ניט!

מ א ר ק. מאמא, לאָז איהם ניט, ער קען מיך יעצט ער־מאָרדען.

ד אָ ק ט אָ ר. זעהסט דעם טאפפערען קאװאליער און לאָ־װעלאס? קוק איהם אָן! א, דאָן זשואן! יא, איך קען דיך איצט דער׳הרג׳ענען, צוקװעטשען װי א מילב און צורײבען אויף אש! פיהלסטו דאָס? אבער אזא עהרע טוט מען ניט אזא קלײנינקען, אונװירדיגען מענשען... ערמאָרדען אײן אינסעקט, א גרויסע בריה׳שקײט! נײן! אזעלכע װי דו װײזט מען נאר די טיר און מען זאָגט: (בײז) װאָן! (מארק געהט דערשראָקען. דער דאָקטאָר װיל איהם בײ דער טיר אַ זעץ טון און בעהערשט זיך). װאָן! (מארק אב). איך װעל זעהן, װאס טוט ליאליע. (לויפט אין ליאָליע׳ס צימער).

מ א ד א ם. פאניע, און דו האָסט גאר געשפיעלט א ליעבע מיט מארק׳ן, הא? (דאָקטאָר קומט צוריק).

פ א נ י ע. נײן, איך האָב ניט געשפיעלט קײן ליעבע. גע־װיס, א יונגער מאן, און איך האָב געמײנט ער איז א גאנצער טוער... איך האָב איצט געזעהען, װאס פאר א פנים ער האָט, — א קאץ גענען א לײב. ער איז געװוען דאָ אין שטוב דער אײנציגער, מיט װעמען איך האָב געהאט פון װאָס צו רעדען, װאס ער פלעגט מיר דערצעהלען, פלעגט מיר זײן אינטערעסאנט... ער פלעגט מיר זאָגען, װי איז די מאָדע... װעלכע קלײדער זיך מאכען... אייך איז דאס ניט אינטערעסנע... עס איז אמת, ער האָט מיט א מיאוס׳ען געדאנק ביכער אָנגעפאנגען מיט מיר צו לעזען, — מיט אייך אבער לעזען װאָלט איך מורא געהאט, איהר זײט גאר אנדערע מענשען... אָבער דאָך עס זאָל זיך אזוי ענדיגען האָב איך קײן מאָל ניט גע־רעכענט און קײן מאָל ניט געװאלט... איך װײס אלײן ניט װי אזוי... ער האָט אין זיך אזא העזה... אזא קראפט. איך האָב עטלי־כע מאָל געזאָגט דעם דאָקטאָר...

דער דאָקטאָר רייסט פלוצלונג אב. קערט זיך אום, בעמערקט די מוטער, געהט צון איהר, לאזט זיך אראָפּ לעבען איהר אויפ'ן פּאָל און לעגט אנידער זיין קאָפּ אויף איהרע קניע). מאמא, פאר וואס איז ניטאָ פאר אזעלכע מענשען, ווי איך, כאָטש א קליין שטיקעלע גליק אויף דער גרויסער וועלט? אָליעס מוטער האָט מיר מיין הארץ פערגיפטעט, און די האָט מיר מיין הארץ צוטראָטען מיט די פיס...

מ א ד א ם. אָה, איידלער מענש, מיין זוהן, מיין אונגליק־ליכעם קינד! (אומארעמט איהם, בוידע וויינען ביטער).

פ אָ ר ה א נ ג.

קעל איבערשטעלעכן פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן! (רוהיג) אהער צו מיר וואגט איהר ניט אריינגעהן, זא לאנג מען רופט אייך ניט. קיינע קאָנווערזאציאָנען מעהר מיט מיר! אז מען וועט אייך וואס פרעגען, וועט איהר ענטפערן. מיין פרוי זייט איהר ניט מעהר, פאר מיר זייט איהר אבגעשטאָרבען היינט געראדע ווי דער פאציענט מיינער, וואס איז היינט געשטאָרבען פון טיפוס... מאמא, וואס טוט אָליע?

מ א ד א ם. איך וועל באלד זעהן... אוי, וועה איז צו מיינע אלטע יאָהרען. (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. ווילט איהר דאָ בלייבען אין שטוב, זעהט מאכט אייך נוצליך, טוט עפּיס, ארבייט! (בייז). איך דארף ניט קיין פאראזיטען דאָ ביי מיר! צו דער גרעסטער פערדאָרבענהייט פיהרט דאס, וואס אין די וואהלהאבענדע פאמיליען פיהרען די פרויען אם מייסטען א פאראזיטענ־לעבען. זיי זאלען האָבען זאָרג, פליכטען, פעראנטווארטליכקייט, וואָלט זיי ניט געקראָכען אין קאָפּ דער רוח ווייסט וואס! עס איז אבער שפּעט יעצט צו רעדען דער־פון. גערענקט, דיזע קאָנדיציאָנען זיינען גוט נאר אזוי לאנג ווי אייער אויפפיהרונג וועט ניט קענען האָבען קיין שלעכטען איינ־פלוס אויף מיין אונשולדיגעם קינד! (בייז). שענע ביישפּילע האָט איהר דאָ, מאדאם, געקענט... ניין! דערפון איז שוין איבריג צו רעדען. איך וויל נאר זאגען, פארגעסט ניט, דא אין הויז וואקסט און ערציהט זיך א קינד. (צייגט אויף דער טיר). יעצט וויל איך בלייבען אליין!...

פ א נ י ע. (זעהר נידערגעשלאגען). איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר קענט מאכען, מען זאל פאר אייך מורא האָבען. (קוקט זיך זום, לאנגזאם אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (זיפצט שווער, געהט זיך דורך איבער'ן צימער, עצט זיך צו דער פּיאנא. שפּיעלט גאנץ פּיאנא זיין געליעבטע מעלאָדיע ון מענדעלזאָנ'ס אראטאריא און זינגט אָהן ווערטער. די מאַדאַם קומט, ועהרענד ער זינגט און זעצט זיך שטיל אַוועק אויף דער קושעטקע.

שלאָפען... (פערדרויבערט). ארעמע ליאליעטשקע! (דער דאָקטאָר
עפענט די טיר, ער איז זעהר פערענדערט).

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין, איהר זייט דאָ?

ח י ו ט י ן. (לויפט צו איהם). וואס איז, וואס האָט איהר
געדארפט? (פאַניע קומט מיט א גלאָז טיי, שטעלט אויפ'ן טיש). דאָק־
טאר, א גלאָז טיי פאר אייך.

ד אָ ק ט אָ ר. (צו פאַניען, קאַלט און העפליך). דאנקע, מא־
דאם, איך וויל ניט קיין טיי. חיוטין, מען דארף ווארעמע וואסער.
זייט אזוי גוט. (מאַכט צו די טיר. חיוטין וויל געהן נאָך וואַסער).

פ א נ י ע. זיצט, איך ברענג באלד. (שטיל אב).

ח י ו ט י ן. גאָט בעוואהר, אויב עס וועט זיך ענדיגען
שלעכט, ווייס איך ניט, ווי אזוי ער וועט עס אריבערטראָגען. פאר
איהם איז ניטאָ קיין ראטה און קיין טרויסט. (פאַניע קומט מיט א
שיסעל וואַסער).

פ א נ י ע. (קלאַפּט שטיל אין טיר). ווארעמע וואסער.

ד אָ ק ט אָ ר. (אין טיר). דאנקע. (נעצט אן זיין פינגער).
חיוטין, זייט אזוי גוט, דאס וואסער דארף זיין ווארעמער.

פ א נ י ע. ווארעמער? באלד. (ראש אב צוריק מיט'ן שיסעל
וואסער).

ד אָ ק ט אָ ר. (זוכט צווישען זיינע פלעשלעך). חיוטין, ווי
שפעט איז דאָס?

ח י ו ט י ן. באלד צעהן.

ד א ק ט אָ ר. צעהן? איך האָב געמיינט, עס איז שוי
איינס אדער צוויי נאָך האלבע נאכט. איך ערווארטע דעם קריזיס
פון מינוט אויף מינוט. אי! ווי גליקליך זיינען די, וואס גלויבען
אז די בלינדע נאטור זעהט. — זיי קענען בעטען און האָפען. אי
ווייס, דאס בעטען העלפט ניט, אָבער די האָפנונג איז אזוי זיכ
אי! בלייבען אָהן האָפנונגען איז זעהר שווער. (זיפצט, פאַניע קומ
מיט וואסער). חיוטין, איהר האָט ניט געזעהן, דאָ איז ערגיץ גע
ווען א פלעשעל מיט אראָמאטנעם עסיג?

פירטער אקט.

דאסזעלבע צימער. עס איז נאַכט. לאמפּען ברענען. אויף אַלע טי־שען פלעשלעך, סיפאָנען, גלעזער, חיוטין שלאָפט אויף דער קושעטקע, זיצענדיג אין אַלע קליידער. פאַניע קומט פון אן אינגערסטע טיר אין זעהר איינפאַכע קליידער אָהן פענסנע — זי געהט שטיל, אויף די שפּיץ פינגער ביז דער טיר פון דער מאדאם׳ס צימער. זי איז זעהר בלאַס און טרויריג. שטעהט ביי דער טיר לאַנג און הערט זיך צו.

פ א נ י ע. (געהט ראש צו חיוטינ׳ן). מוסיו חיוטין, ענט־שולדיגט, מויסיו חיוטין! (זי וועקט איהם).

ח י ו ט י ן. (ערוואכט, דערשראָקען). וואס איז?

פ א נ י ע. איך האָב מורא, דאָרט איז שוין הם וחלילה עפּיס געשעהן. מיר דאכט זיך איך האָב געהערט, דער דאָקטאָר וויינט. (חיוטין לויפט אין צווייטען צימער. זי הערט זיך צו). גאָט אין הי־מעל, פאר וואס זאָל איין אונשולדיגעס קינד בעשטראפט ווערען? (חיוטין צוריק).

ח י ו ט י ן. שש, בערוהיגט אייך. עס האָט זיך אייך אויס־געוויזען... דער דאָקטאָר וויינט ניט און עס איז נאָך דערווייל־ע קיין ענדערונג. אָה, ארעמע ליאליע. (זעצט זיך צוריק אויפ׳ן קו־שעטקע).

פ א נ י ע. מוסיו חיוטין, אפשר וואָלט איהר געגעבען דעם דאָקטאָר כאָטש א גלאָז טיי? ער האָט אויף זיך אין גאנצען פאר־געסען. איך וועל ברענגען באלד, און איהר זאָגט איהם. (אב).

ח י ו ט י ן. איך וויים ווירקליך ניט, ווי ער האלט זיך נאָך אויף די פים. זעקס וואָכען — דאס איז קיין קליינינקייט. עס הייסט נאר ע ר? און זיי אלע דאָ אין שטוב? מען דארף פערטרייבען דעם שלאָף מיט א פאפּיראָס. געדענק שוין ניט, ווען איך האָב גע־

ח י ו ט י ן. ווי איהר פערשטעהט. (קוקט אויפ'ן זייגער). יעדע מינוט ציהט זיך ווי א שעה לאנג.

פ א נ י ע. אָי, ווען די אלטע מאדאם זאל איצט ביינאכט אוועקגעהן אין שול, אויפרייסען דעם ארון קודש און אָנהויבען שרייען און בעטען צו גאָט... איהרע טרערען וואלטען געעפענט די שערי רחמים...

ח י ו ט י ן. די מאדאם וועט עס ניט טון. אויב איהר גלויבט אין אזא מעדיצין, פאר וואס זאָלט איהר דאָס ניט טון?...

פ א נ י ע. איך? מיר פאסט ניט און מיין געבעט וועט ניט העלפען... איך וואָלט נאר געקענט מיט איהר מיטגעהן, שטעהן ביי דער טיר פון פאָלעש און וויינען. מוסיו חיוטין, איבער מיר שטארבט דאָס קינד... איך וויים...

ח י ו ט י ן. נארישקייטען, דאס קינד שטארבט פון טיפוס.

פ א נ י ע. ניין! איך וויים, דער דאָקטאָר האָט זי אָנגע־שטעקט מיט טיפוס איבער מיר.

ח י ו ט י ן. וויים איך וואס... אזעלכע זאכען טרעפען זיך אָפט. ווער קען אייך בעשולדיגען?

פ א נ י ע. איך וויים, איך וויים... (זי זעצט זיך שטיל אין אַ ווינקעלע. דאקטאר קומט, גיסט פון פערשידענע מעדיצינען אין זיין פלעשעלע).

ד אָ ק ט אָ ר. איהר זיצט נאָך דאָ, מאדאם? איך האָב דאָך שוין געזאָגט, עס איז גאנץ איבריג. מען וועט איצט קענען אוים־קומען אָהן אייך... (מאַכט די מיקסטור).

פ א נ י ע. איך בין ניט מיעד.

ד אָ ק ט אָ ר. אייער איבעריגער אייפער קען איצט זעהר וועניג העלפען.

פ א נ י ע. איך העלף נאָר מיט וואס איך קען.

ד א ק ט אָ ר. זעהר גרויסמוטיג, מאדאם. עס קען אָבער קיין פראקטישען נוצען ברענגען...

פ א נ י ע. אראָמאטנע עסיג? אָט איז דער אראָמאטנער עסיג. (גיט איהם אַ פלאַש).

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע. (פּרואווט דאָך וואסער). ע! עס דארף זיין נאָך ווארעמער... איהר דארפט אייך ניט בעמיהען, מאדאם, איך וועל אליין. (געהט מיט דער שיסעל אין דער טיר, פון וואנען פאַניע איז געקומען).

פ א נ י ע. (קוקט זיך אום). איך וועל דערווייל א קוק טון, וואָס דאָס קינד טוט. (עפענט אויף די טיר).

ח י ו ט י ן. (שטיל). אוי, וויפיעל דראמאס און טראגעדיען עס שפּיעלען זיך אב ארום אונז אין דער שטיל...

פ א נ י ע. וועה איז מיר, וועה איז מיר! ארעמע ליאליע... (פערברעכט די הענד).

ח י ו ט י ן. איך האָב מורא, עס איז געבליבען זעהר ווייניג האָפנונגען.

פ א נ י ע. זאל גאָט היטען. שש! דער דאָקטאָר געהט. (מאַכט צו די טיר, געהט אָן א זייט. דער דאקטאר פאסירט דאָס צימער).

ח י ו ט י ן. (שטיל). פון איהר איז שוין ווייניג געבליבען וואס צו דענקען. איך האָב מורא פאר איהם...

ד אָ ק ט אָ ר. (אין טיר). חיוטין, דערלאנגט מיר די פלאש מיט עסיג.

פ א נ י ע. דעם אראָמאטנעם עסיג? באלד. (זי דערלאַנגט איהם די פלאש עסיג).

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע. חיוטין, זייט אזוי גוט. (חיוטין געהט צו'ן איהם, ער זאָגט איהם עפּיס און מאַכט צו שטיל די טיר. אב).

ח י ו ט י ן. מאדאם, דער דאָקטאָר זאָגט, איהר זייט געוויס מיעד, איהר מעגט געהן שלאָפען. מען וועט אייך מעהר ניט דאר־פען היינט.

פ א נ י ע. ניין, איך בין ניט מיעד. וואָס הייסט, איך וועל געהן שלאָפען, ווען מען ערווארטעט דעם קריזיס פון מינוט אויף מינוט?

עס איז גוט, וואס איהר זייט געקומען. (הערט זיך צו). ער געהט אהער. (ראש אב).

פ י י וו ע ל. אפילו פאניע זרחי'ס איז געווארען אזוי שטיל. איין גאט ווייסט, וואס דאָ טוט זיך... מיר ציטערט דאָס הארץ און איך האָב מורא, אז איך וועל איהם דערזעהן, וועל איך זיך צואווייינען ווי א חדר יונגעל. (דער דאקטאר קומט).

ד א ק ט אָ ר. פּומפּיאן! (דריקט זיין האנד). ענדליך געקומען... מיר האָבען דאָ געדארפט דיין הילפע, איך האָב דיך יעדע מינוט געדארפט האָבען. אונזער אָליע, ברודער, אונזער אָליע... זעהר שלעכט... איך האָב זי אָנגעשטעקט מיט א שווערען טיפוס... זעקס וואָכען קעמפּפען מיר, זעהר ווייניג שאנסען געבליעבען... איך קוריר זי ניט אליין — איך האָב קיין פערטרויען צו זיך. דאָקטאָר שעכטער קומט דריי מאָל יעדען טאג... היינט איז געווען א קאָנסיליום פון פיער דאקטוירים... פּומפּיאן, אויב מיין קינד וועט שטארבען, האָב איך ניט צוליעב וואס און צוליעב וועמען צו לעבען אויף דער וועלט... דו ביסט ניט געקומען באלד, ווען איך האָב געשריעבען. איך פערשטעה, ביסט געווען בייז אויף מיר. (לאזט זיך אראָב שווער אויף אַ קרעסלא) זעהסט, חיוטין איז אויך בייז געווען, ווי אבער ער האָט ערפאהרען, אז ליאליע איז קראנק, איז ער באלד געקומען און זיצט דאָ טאג און נאכט. יא, דו האָסט געהאט א רעכט בייז צו זיין.

פ י י וו ע ל. דאָקטאָר, זאל איך קרענקען, אויב איך בין געווען בייז. פון שאנדע און וועהטאג האָב איך ניט געקענט בלייבען אין שטאדט, בין איך אוועק צו מיינער א מומע אין דאָרף. איהר ווייסט דאָך א יודישע פּאָטשטע — ערשט היינט ערהאלטען אייער בריעף, און באלד האידא, איך האָב אָבגעמאכאיעט דרייסיג ווערסט צופּוס און גלייך אהער. (וויינט). אי, דאָקטאָר, גוטער דאָקטאָר מיינער, דאָס הארץ טריפט מיר מיט בלוט, קוקענדיג אויף אייך. (דריקט דעם דאקטאָר'ס האנד צו זיין הארצען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, ברודער, איך בין אויסגעשפּיעלט... איך

פ א נ י ע. יעדער פרעמדער פון גאס וואָלט געטון פאר'ן קראנקען קינד, וואס איך טו.

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע, מאדאם, איהר זייט זעהר גוט. אָבער היינט וועט שוין אייער הילפע געוויס ניט געפאָדערט ווערען. איך געפין, אז אייער אנוועזענהייט דאָ איצט איז גאנץ איבריג. מיר וועלען שוין דאָ מיט חיוטינ'ן אויסקומען אליין... גוטע נאכט. דאנקע. (ציינגט אויף דער טיר, זי געהט געהאָרכזאַם אב). חיוטין, קומט, צוזאמען וועלען מיר אפשר קענען איינרעדען די מאמא זי זאל זיך אויך געהן אברוהען. ביידע פרויען דארפען זיך אביסעל אויסרוהען. און... איך האָב מורא, באלד וועט זיך אָנ־פאנגען די קאטאסטראָפע, נאָך וואס דארף מען די פרויען זאָ־לען זיין דערביי? יא, חיוטין, די קאטאסטראָפע קומט, די שרעק־ליכע קאטאסטראָפע קומט. איהר הערט, ווי עס יאָמערט דער ווינד? (גיט אַ קוק אין פענסטער). דונקעל, פערוואָלקענט... אין דרויסען איז פונקט אזוי ווי אינוועניג. חיוטין, די נאטור איז גרוי־זאם און שלעכט. פאר וואס קען אן איינפאכער סאָלדאט פון אר־טילעריע אויפטוהן מעהר פון טויזענד געלערנטע דאָקטוירים? טויטען אין איין אויגענבליק פיעלע לעבענס, אויפרייסען פעסטונ־גען אדער שיפען מיט טויזענדער מענשען קען די וויסענשאפט זעהר לייכט, און רעטען דאס לעבען פון איין שוואכעם קינד האָט זי ניט קיין בעשטימטע מיטלען... איז עס ניט דערפאר, ווייל די נאטור סימפּאטיזירט מעהר מיט דער וויסענשאפט פון פערניכ־טונג?... קומט, חיוטין, צו אונזער ארעמער אָליע'ן. (ביידע אב. פּוי־זע. מען הערט ווי דער ווינד רוישט. פאַניע קומט צוריק נאָך איהר פּומ־פּיאן אין א פּאלטאָ, מיט א גרויסען שטעקען, טראגט אַ פּעקעל זאַכען).

פ א נ י ע. שש!... אלע געהן איצט ביי אונז דורכ'ן קיך. דאָס גלעקעל איז איבערגעבונדען. דער דאָקטאָר נעהמט ניט אויף קיינע פּאציענטען. באלד. (זי קלאַפּט שטיל אין טיר). מוסיו חיוטין, זאָגט דעם דאָקטאָר, פּומפּיאן איז געקומען. (געהט צוריק). באלד...

דעטע... זיי גלויבען דאָך נים. (פּומפּיאַן קומט אָהן אַ סורטוק מיט פערקאַטשעטע ארבעל, נאָך איהם דער דאָקטאָר).

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, איהר זייט געקומען זעהן, וואס ליאָליע מאכט? איהר פערגעסט ניט מיין ליאָליע, הא? זעהר פיין פון אייך, דאנקע. (צו פּאַניען). מאדאם, איהר וועט זיין אזוי גוט און וייזען פּומפּיאנען, וואו איז וועש, מילך, אייז, די אלע זאכען, וואס מען דארף. ער וועט איבערנעהמען די גאנצע ארבייט פון אייך... בין אייך זעהר דאנקבאר, וואס איהר האָט אייך אזוי פיעל בע־מיהט... איצט וועט איהר מעהר ניט דארפען בעמיהען זיך. יא, עס קען זיין, אונז אלע איז שוין געבליעבען ניט פיעל צו בע־מיהען זיך.

פ י י ו ו ע ל. דאקטאָר, אפשר וויל ניט די מאדאם? מען דארף פריהער פרעגען.

ד אָ ק ט אָ ר. וועלכע מאדאם מיינסטו?

פ י י ו ו ע ל. פערשטעהט זיך, איך מיין די יונגע מאדאם.

ד אָ ק ט אָ ר. די יונגע מאדאם דארף מען ניט בעאונרו־היגען מיט קיינע פראגען... נאר צו דער אלטער מאדאם זיך ווענ־דען! (מיט אַ שמייכעלע). מיר, אלטע, דארפען זאָרגען פאר יעדע זאך. די יונגע דארף מען ניט דולען דעם קאָפּ מיט קלייניגקייטען. ניט וואהר, מוסיו זרחי? אלזאָ, מאדאם, איהר וועט זיין אזוי גוט און איהר וועט אייך בעמיהען צו טון, וואס איך האָב אייך גע־זאָגט. (אב, צוריק).

פ א נ י ע. קומט, פּומפּיאן. (וויל געהן).

פ י י ו ו ע ל. זיצט, איך וועל אליין אלץ געפינען. איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער. (אב אין קיך אריין).

ז ר ח י. וועה איז מיר, עס האלט אפנים זעהר שלעכט... דער דאָקטאָר איז זעהר צוטראָגען...

ש ר ה ה י נ ד ע. (קוקט אויף פּאַניען פערדעכטיג). זעה נאר, ווי דיינער רעדט צו דיר, אזוי ווי צו'ן א פרעמדער.

פ א נ י ע. צו א פרעמדער גאר? ביי גראָבע מענשען האָט

בין אויסגעשפּיעלט... א מיאוסע וועלט... א וועלט פון אונגליק, צרות און יסורים. פּומפּיאן, אויב ליאליע וועט שטארבען, איז פיניטא לא קאמעדיא. מיט דיר קען איך רעדען גאנץ אָפען, איך האָב זיך צוגעגרייט א גוטע דאזע סטריכנין — און קאפּוט, ברודער.

פ י י ו ו ע ל. וואס רעדט איהר דאס? גאט איז מיט אייך! און אייער אלטע מוטער? און מיר אלע?

ד אָ ק ט אָ ר. איך ווייס, איהר איז געבליעבען וועניג שאנ־סען, און מיר ביידע זיינען שוין ניינציג פּראָצענט אויף יענער וועלט... איך! איך האָב זי ערמאָרדעט און איך האָב דאס רעכט זיך אליין פּעראורטיילען צום טויט... טאָמער וואס, איז ניט איבריג דו זאָלסט וויסען. אין דעם הינטערסטען שופלאָד פון מיין שרייב טיש ליעגט שוין מיין פאַרטיגע צוואה... איך האָב דיך אויך ניט פּערגעסען, ברודער, איך לאָז דיר איבער אלע מיינע נייע דאָקטאָרסקי אינסטרומענטען... (פערטראכט זיך).

פ י י ו ו ע ל. זאל איך דאָס בעסער ניט דערלעבען...

ד אָ ק ט אָ ר. קום, פּומפּיאן, ווילסט זי זעהן?

פ י י ו ו ע ל. דאָקטאָר, זי האָט טיפוס רעקורענס? (דאָק־טאָר הערט ניט, ביידע אב, פאַניע פיהרט אריין איהר פאטער און מו־טער).

פ א נ י ע. שש! קלאפּט ניט מיט די פיס, איך ווייס ניט, אויב דעם דאָקטאָר וועט גאר אין גאנצען זעהר געפעלען אייער וויזיט.

ז ר ח י. נו, ווי קומט מען עס ניט געוואר ווערען? וואס מאכט דאָס קינד, הא?

פ א נ י ע. ווי איך פערשטעה, איז דאָ וועניג האָפנונגען.

ז ר ח י. אזוי? גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

ש ר ה ה י נ ד ע. ביילע טשיזיק'ס קען א גוי'ע, וועלכע היילט אוים אזעלכע קראנקהייטען מיט א גראָז. נאר די געביל־

ש ר ה ה י נ ד ע. אי, פער׳שרפ׳עט זאל ער ווערען! גע־פונען א פלאץ פאר זיין געשיכטע.

ז ר ח י. עס קען זיין, עס פאסט איצט ניט, אָבער פאניע, איך מוז עס דיר דערצעהלען, זעהר א וואוילע זאך. צוויי ווייבלעך האָבען זיך געאמפערט. איינע זאָגט: ווען אין שטאדט איז א חטא, געהען קינדער. די אנדערע זאָגט: עס הויבט זיך גאר ניט אָן, ווארום איך ווייס דאך... — ווי אזוי ווייסטו? — ווי אזוי איך ווייס? איך בין שוין צעהן יאהר אן אשת איש... — זאָגט די אנדערע: עט! וואס פאר אן אשת איש ביסטו? דיין מאן איז דאך א שניידער. כי! כי! אויך מיר אן אשת איש! (וויל לאַכען, פערשטיקט זיך און לויפט ארויס אין קיך, הוסטענדיג).

ש ר ה ה י נ ד ע. (קוקט זיך אום). פאניע, דו ווייסט, איך האָב זיך איבער דיר היינטיגע וואך שיער ניט צופאטשט אין מארק מיט ביילע טשיזיק׳ס. זי זאָגט מיר, אז דעם דאָקטאָר׳ס ברודער יאקאבי...

פ א נ י ע. איך וויל ניט וויסען, וואס ביילע טשיזיק׳ס זאָגט. מיך ארט זעהר ווייניג, וואס זיי זאָגען!

ש ר ה ה י נ ד ע. וואָס מיינסטו, עס איז א סוד? מען קען די קאץ אין זאק ניט בעהאלטען. אז דו האָסט מיר ניט דער־צעהלט, מיינסטו, ווייס איך ניט יעדעס פיצעלע?

פ א נ י ע. מאמא, מיך ארט ניט, אז דו ווייסט, מיך ארט ניט אז אפילו די גאנצע וועלט ווייסט. (פערברעכט די הענד און געהט אום איבער׳ן צימער). מיר איז איצט אלץ איינס! מיר איז איצט אלץ איינס. (פומפיאן קומט).

פ י י ו ו ע ל. האָט קיין פעראיבעל ניט, איהר וועט מוזען מוחל זיין פון דאנען. מיר טראָגען אהער אריין דאָס קינד. מעהר לופט, א בעסערע טעמפעראטורע. אהן פומפיאן ווייסט מען עפּיס? (צורוקט דאס מעבעל).

פ א נ י ע. קום, מאמא, אהין צו מיר. וואו איז דער טאטע?

מען דרך אריין נאר פאר פרעמדע. מאן און ווייב, אָבער מיינען זיי, מעגען קריכען איינער דעם אנדערן אויפ׳ן קאָפּ. אוי, טאטעניו, דאס קינד איז זעהר שטארק קראנק. (זרחי עפענט די טיר אין קיך אריין און הוסט).

שרה הינדע. בעטראכט נאר, וואס פון איהר איז גע־ווארען. בהמה, וואס נעהמסט זיך אזוי צום הארצען, עס איז דען דיין קינד? געוויס, עס פערדריסט, אָבער אוועקלעגען זיך איז דאָך ניט כדאי.

פאניע. איך זאָל האָבען קינדער, וואָלט איך אלע מיינע קינדער אבגעגעבען פאר איהר. גאָט זאָל וועלען נעמען מיין לעבען פאר איהר, וואָלט איך זיך אפילו באלד געביטען.

שרה הינדע. א נויטיגע זאך, איך זאָג דיר! (פּומ־פּיאן קומט צוריק מיט וועש און א ריינע שוואם).

פייוועל. פּייוועל פּומפּיאן דארף ניט לאנג זוכען. פער־שטאנען? (אב, צו דער קראַנקער).

פאניע. טאטע, איך האָב דיך וואס געוואָלט פרעגען, נאר... ע...

זרחי. וואס־זשע, עס איז עפּיס א שווערע זאך, א קלאָץ־קשיה?

פאניע. איך האָב געוואָלט וויסען, זאָג מיר... דו גלויבסט, עס איז טאקי אן אמת, איך האָב געהערט, מען דערצעהלט, ווען... ע... עס טרעפט זיך עפּיס ביי יודען א חטא, שטארבען קינדער? דו גלויבסט עס? פאר וואס זיינען די קינדער, נעבאך, שולדיג?

זרחי. וואס פאלט דיר עפּיס פּלוצלונג איין אזא פראגע? דו האָסט עפּיס א חשד אויף אימיצען ביי אונז אין שטאדט? (פאַניע פערטראַכט זיך און הערט ניט מעהר).

שרה הינדע. (אפּארט). דו הערסט א חכם? ער ווייסט ניט פון זיין געזונד.

זרחי. דאס איז יא, ווי מען דערצעהלט די געשיכטע...

ווען, ווען איך האָב אויסער דיך געזוכט נאָך גליק. איך האָב גע־
האַט דיך, געהאַט נוצליכע ארבייט, געהאַט א צוועק אין לעבען
און בין ניט געוועזן צופריעדען... דו האָסט פּראָטעסטירט, און איך
האָב דיך ניט געפאָלגט... איך האָב טייער דערפאַר בעצאָהלט. אָה,
ווען דו זאָלסט יעצט בלייבען מיט מיר! דו הערסט ניט און פער־
שטעהסט ניט, וואס דיין פּאפּא זאָגט דיר... אָליע, מיט וועמען
וועט דיין פּאפּאָטשקע בלייבען? מיט וועמען לאָזטו מיך איבער
דאָ אויף דער וועלט? (בויגט זיך צו צום בעטעל. פּויזע). אָה, קינד,
איך זאָל דיך קענען רעטען! איך קען אבער ניט. דעם מענשענ׳ס
זשעני, די גרויסע וויסענשאַפט, אלע מעכטע פונ׳ם מענשענ׳ס פער־
שטאַנד און לאָגיק זיינען ניט אימשטאַנד צו קעמפפען געגען דער
בלינדער נאַטור. פאַר וואס זאָל א בליהענדע, יונגעס, אונשולדיגעס
קינד שטאַרבען? פרעגט די מאַמאַ. טויזענדער יאָהרען פרעגען
מענשען די פראַגע און קיין ענטפער איז ניטאָ. וואו איז די גע־
רעכטיגקייט? די ברוטאַלע נאַטור ווייסט ניט פון דעם בעגריף,
וועלכען מיר רופען מיט דעם נאַמען. (שפּאַרט אן זיין קאָפּ צום בע־
טעל). איך זאָל זיין אן אונוויסענדער מענש, וואָלט איך איצט גע־
לאָפען צו דאָקטוירים, געקלאַפּט אין זייערע טירען, געזוכט א בע־
ריהמטען פּראָפעסאָר... איך וואָלט געגלויבט, אז זיי זאָלען זיך נאָר
ווילען א כח אָנטון, אז איך זאָל זיי נאָר קענען גוט בעצאָהלען,
וואָלטען זיי מיר געוויס געראַטעוועט דאָס קינד, ליידער, איך ווייס,
ווי בעגרענעצט איז די מאַכט פון דער מעדיצין. מיר קענען נאָר
מיטהעלפען דער נאַטור, מיר קענען אין דעם מענשענ׳ס אָרגאַ־
ניזם פערשטאַרקען אדער אבשוואַכען אייניגע פון איהרע פּראָצע־
סען, — אבשטעלען אבער דעם טויט קענען מיר ניט, מיר קענען
ניט, מיר קענען ניט! אוי! (ער זיפצט שווער. פּויזע. דער דאָקטאָר
שלאָפט איין, אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן בעטעל. פ אָ נ י ע עפענט שטיל די
טיר און שטעהט עטליכע מינוט אונבעשלאָסען. נאַכדעם מאַכט זי צו די
טיר און געהט לאַנגזאַם און גאַנץ שטיל צום בעטעל, קוקט אויף אָליען,
פערברעכענדיג די הענד, און בלייבט שטעהן. נאַכדעם הויבט זי אויף

ש ר ה ה י נ ד ע. ער קען זיך ניט אויספּערכען. אי, טאָכ־טער, מירביידע האָבען געהאַנדעלט שענע מציאות.

פ א נ י ע. מאמע, דו ווייסט ניט, וואס דו רעדסט! ווייסט ניט, וואס דו רעדסט. (דער דאקטאר מיט חיוטינ'ן ברענגען אָליען אויף א בעטעל, בעדעקט מיט ווייסען, נאך זיי קומט די מאַדאַם. פאַניע קוקט זיך אום זופצט און אב מיט דער מוטער).

ד א ק ט אָ ר. שש! אָט אזוי. פּומפּיאַן איז נערעכט. דאָ וועט זיין בעסער. אי, איך האָב נאר מורא, ער איז געקומען מיט זיין עצה צו שפּעט. (זעצט זיך אויף א קרעסלע לעבען בעטעל. דאס קינד וואַרפט זיך און קרעכצט שווער. דער דאקטאר דעקט זי צו). פּומ־פּיאַן, ביסט געווים הונגעריג. איך בעט דיך, גיה עס עפּים. נעהם חיוטינ'ן מיט. קינדער, קרעפטיגט זיך אונטער א ביסעל, מיר וועלען היינט האָבען א שרעקליכע נאכט. (אָליע קרעכצעט).

ח י ו ט י ן. קומט, פּומפּיאַן, איך וועל טרינקען א גלאָז טיי. איהר דאַרפט אייך איצט געגען מיר ניט גרוים האַלטען. איך בין שוין פון אייערע... א גאַנצער מעדיקוס.

פ י י ו ו ע ל. איך האָב היינט כאור בוקר ביי דער מומע געגעסען א קניש מיט קאַרטאָפליע און האָב נאָך טאקי אין מיין מויל ניט געהאט. (ביידע געהען).

ח י ו ט י ן. (ביי דער טיר). קנישום קאַרטאַפּעניום? (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמעניו, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו זיך געגאַנגען א ביסעל צולייגען. איין גאָט ווייסט, ווי־פיעל דיר שטעהט נאך פאר היינט איבערצוטראָגען.

מ א ד א ם. ניין, יעווגעני, שלאָפען וויל איך ניט און קען ניט. איך מיין, אויב דו וועסט זיצען דאָ א ביסעל, וועל איך אויך געהן טרינקען א גלאָז טיי. (קוקט אויפ'ן קינד). איך דאַרף זיין גע־זונד, און א קינד, וואָס פאַנגט ערשט אן לעבען אויף דער וועלט... אוי, גיה פרעג קשיות. (געהט אב אין דערזעלבער טיר ווי אַלע).

ד אָ ק ט אָ ר. ליאַליעטשקע, איצט, ווען איך פערליער דיך, בעגרייף איך ערשט, ווי אונדאַנקבאַר, ווי לייכטזיניג איך בין גע־

ד אָ ק ט אָ ר. (אונטערזוכט דאס קינד נאָך אַ מאָל). פּומפּיאַן אַי! מיר דאכט זיך, איך האָב ניט קיין טעות. (דריקט זיין האַנד). מאמא, מיר דאכט זיך, עס האָט גענומען אַ גוטע ווענדונג. (אומ־אַרעמט זי) האָפנונג! גוטער חיוטין, פריינד, מיר דאכט, עס איז דאָ אַ האָפנונג צו לעבען... מיר וועלען ניט פערליערען אונזער ליאָליען! מיר וועלען ניט פערליערען אונזער ליאָליען! (אומארעמט איהם, לויפט ווידער צום קינד). הא? קיין צווייפעל מעהר. אי, ר' זרחי, עס קען נאָך זיין, אז כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען, וועל איך אויך זיין אַ גליקליכער.

ז ר ח י. געלויבט איז גאָט... ברוך רופא חולים... איהר ווייסט ניט מיט וואס פאר א שווער הארץ איך בין געגאנגען אהער און מיט וואס פאר א שמחה איך געה אהיים. קום, שרה הינדע.

ש ר ה ה י נ ד ע. יא, קום. מיר האָבען געלאָזט ביי נאכט די שטוב אויף הפקר. איך האָב דען געקענט איינזיצען? איך ווייס ניט, ווי אזוי איך וואָלט דאס אויסגעהאלטען. נו, דאנקען גאָט, קום.

פ א נ י ע. (אין טיר) טאטע, האר אוים איין מינוט אויף מיר.. איין מינוט. (מאַכט צו די טיר. אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (לעבען אָליען). יא, דער פולס האָט גאר אנאנ־דער ריטם. א טיעפער, רוהיגער שלאָף. זי אטעמט אנדערש. הא? יא, זי שוויצט... פּומפּיאַן, ווי מיינסטו, מען דארף שיקען נאָך דאָקטאר שעכטער, אדער אזעלכע צוויי גרויסע דאקטוירים ווי דו און איך, איז גענוג? און חיוטין, מיינסטו, איז פון אזעלכע, וואס מען קויפט צוויי פאר א גראָשען? מיר האָבען דאך דאָ א גאנצען איינגענעם קאָנסיליום. קאלעגיום סאניטאטים, בענע? עס איז גוט, הא? מאמטשיק, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו איצט גע־גאנגען שלאָפען. צייט דיינע אלטע ביינדלעך זאָלען זיך אויסרוהען.

מ א ד א ם. יעווגעני, מיר וועלען זיך איצט שוין אלע אוים־שלאָפען. מיר וועלען אזוי כראָפּען, אז אלע צרות וועלען זיך פון

איהרע אויגען אויפ'ן דאָקטאָר. אין דעם אויגענבליק קומט ארײן שטיל די מאַדאַם, זי בלייבט שטעהן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פאַניע קוקט לאַנג אויפ'ן דאָקטאר מיט ליעבע און בעדױערן, דאן בויגט זי זיך צו און קושט לאַנג דאָס האָלץ פונ'ם בענקעל, אויף וועלכען ער זיצט. זי קערט זיך אב און ווײנט שטיל. ווען זי ווישט אויס איהרע טרערען און געהט צו דער טיר, בעמערקט זי די מ אַ ד אַ ם און בלייבט איבער־ראַשט. אונערוואַרטעט גיט זי די אַלטע אַ ציה צו זיך, מאַכט אַ צייכען זי זאָל שווייגען, אומארעמט זי, און ביידע פרויען וויינען ביידע גאַנץ שטיל אײנע ביי דער אַנדערער אין די ארעמס. פאַניע בעפרייט זיך ענדליך און געהט ראַש אב. די מאַדאַם בלייבט שטעהן און ווישט איהרע טרערען).

אַ ל י ע. (שרייט פּלוצלונג אויס). פּאפּא! אָה, פּאפּא! (ווערט אנשוויגען. מען הערט ניט מעהר קיינע קרעכצען פון איהר).

ד אָ ק ט אָ ר. (ערוואַכט). הא? מיר דאכט זיך, זי האָט מיך גערופען, דו האָסט געהערט, מאמא? ליאַליעטשקע! שש! זי שלאָפט... דער פּולס רוהיגער... הא? מאמעניו מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט. איך גלויב זיך אליין ניט. מע דאַרף שיקען נאָך דאָקטאָר שעכטער. (אין טיר). פּומפּיאן. טם! פּומפּיאן. אהער, גיכער! (פּומפּיאַן לויפט ארײן, נאָך איהם חיוטין. שפּעטער זרחי, שרה הינדע. פאַניע בלייבט שטעהן אויפ'ן שוועל).

פּ י י ו ו ע ל. (דערשראָקען). וואס איז? שוין, מארטא?

ד אָ ק ט אָ ר. דער קריזיס! גיב א קוק, איך בעט דיך. אפשר נאר איך זיך אב... מיר דאכט זיך, זי איז רוהיגער, זי אטעמט רוהי־גער... פּמופּיאן, מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט...

פּ י י ו ו ע ל. יא, זאל איך אזוי אויסהאלטען מיין פעלד־שערסקי עקזאמען. וואס? איהר צווייפעלט? אפילו אזא פּראָסטער מענש, ווי מוסיו חיוטין, וועט אויך זאָגען... זאל איך אזוי לעבען. (רופט מיט'ן האַנד חיוטין).

ח י ו ט י ן. קאלעגא פּומפּיאן, איך פיהל עס... טייערע אָליעטשקע, זי שלאָפט... אזוי לאַנג ניט געשלאָפען...

האָט אייך זעהר געשראָקען דאָס אוועקגעהן פון דאנען. איהר האָט מורא געהאט, דאָס וועט אייך שטויסען אויפ'ן וועג פון אומגליק. איך האָב קיין רעכט און האָב קיין פערלאנג אייך דאָ צו פער־האלטען. איהר זייט פריי און קענט געהן, ווען איהר ווילט און וואוהין איהר ווילט. אָבער צ ו ו י נ ג ע ן אייך געהן פון דאנען דארף קיינער ניט. די קאָנדיציאָנען האָבען זיך ניט געביטען. קיין מענש, ווער עס זאָל ניט זיין, וועט פון מיין הויז ניט ארויס־געשטויסען ווערען אויף דער גאס.

פ א נ י ע. דאָקטאר, קיינער צווינגט מ י ך נ י ט און קיינער טרייבט מ י ך נ י ט, חלילה. איך געה אליין.

ש ר ה ה י נ ד ע. הערסט א חכמה! אז מען טרייבט דיך ניט, נאָך וואָס זאָלסטו געהן?

פ א נ י ע. יא, דאמאלס האָט עס מיך געשראָקען, איך האָב אום יערען פרייז געוואָלט בלייבען א מאדאם, עסען זיס און שלאָפען ווייך. איך האָב געמיינט, דאָס גאנצע גליק איז נאָר אויסצואווייזען, ווי א מאדאם. איצט פערשטעה איך א ביסעל אנדערס. איך וואָלט נאָך מיט צוויי וואָכען צוריק פערלאָזען דאָס הויז, נאָר ליאלע'ס צושטאנד האָט מיר ניט ערלויבט. איצט, ווען זי איז, גאט צו דאנקען, בעסער, מעג איך געהן. מיך שרעקט מעהר ניט, וואָס דער טאטע, די גאנצע וועלט וועט וויסען. פערקערט, איך מיין, וואס מעהר איך וועל ליידען, וועל איך בע־סער פיהלען. ווענינגסטענס וועל איך וויסען, אז מיט מיינע צרות צאָהל איך אוים מיין שווערען חוב...

ד א ק ט א ר. מאדאם, וועגען אלטע חובות דארפט איהר אייך ווענינג קימערן. זאָרגט פאר דער צוקונפט...

פ א נ י ע. איך זאָרג מיך זעהר ווענינ וועגען מיין צוקונפט. וואָס עס וועט זיין — וועט זיין. איך וויים ניט, אויב דאָס אינ־טערעסירט אייך, נאָר א י ך פערזיכער אייך, איך וועל אין דער שטעלע אין האָספיטאל. איך האָב מיך די לעצטע צייט צוגעקוקט

דאנען צולויפען פאר שרעק. (גיט א קוק אויף שרה הינדע און זאגט עפּיס שטיל דעם דאקטאר).

ש ר ה ה י נ ד ע. זי זאָגט, אלע צרות וועלען זיך פון דאַ־נען צולויפען, און קוקט אויף מיר.

ז ר ח י. (שטיל). שרה הינדע, וואס האָט עפּיס פאניע געהייסען ווארטען?

ש ר ה ה י נ ד ע. איך ווייס? זי האָט דאָ אפּנים אין שטוב ווי א שווארץ יאָהר. מען ווייסט גאר ניט, אז זי איז דא. אויך מיר א דאָקטאָרשע! האָט קיין שכל ניט געהאט, פער׳שרפ׳עט זאָל זי ווערען!

ז ר ח י. שוטה, וועמען ליעגט איצט אין זין? עס וועט ווע־רען פריילּיכער אויפ׳ן הארצען, וועט דער דאָקטאר זיך דערמאָנען אויף דער דאָקטארשע. אָט איז זי! וואוהין איז דאָס? (פאניע קומט מיט א קליין פּעקעלע זאכען. א טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, אַ מענטעלע אויף די שולטערן).

ש ר ה ה י נ ד ע. וואוהין קלייבסטו זיך אזוי שפּעט, פער׳־חושכ׳טע דאָקטאָרשע מיינע?

פ א נ י ע. טאטע, איך וויל געהן מיט דיר אהיים. איך געה אוועק פון דאנען.

ש ר ה ה י נ ד ע. וואָס? וואוהין א היים?! (אלע ער־שטוינט, נאר דער דאָקטאָר בלייבט רוהיג).

פ א נ י ע. מאמא, ווערסט טענה׳ן מיט מיר אין דער היים. וועסט האָבען גענוג צייט. (מיט אַ ביטערען שמייכעל). דו דארפסט וויסען, טאטע, איך בין שוין לאנג ניט קיין היגע. איך... איך בין שוין לאנג ניט דעם דאָקטאר׳ס פרוי מעהר. מיר זיינען פרעמדע, און איך וויל דאָס מעהר ניט פערלייקענען...

ז ר ח י. וואָס איז דאָס? מיין מוח קען דאָס ניט בעגרייפען. דאָקטאר, וואָס רעדט זי דאָס?

ד א ק ט א ר. מיין פריינד, זי דערצעהלט אייך די ריכטיגע ווארהייט, אזוי איז דאָס. (צו פאניען). ווי איך געדענק, מאדאם,

פ א נ י ע. טאטע, דיר וועל איך אלץ דערצעהלען, דעם גאנצען אמת... דאקטאר, אויב איהר וועט ערלויבען וועל איך נאך איין מאל א קוק טון אויף אליען און אבגעזעגנען זיך מיט איהר. עס איז וואהר, איך בין איהר קיין מוטער ניט געווען — ווי קום איך מיט מיין שכל זיין א מוטער צו'ן אזא קינד? — אבער קיין שטיפמוטער בין איך איהר אויך ניט געווען. (טרערען ציטערן אין איהר שטימע).

ד א ק ט א ר. מאדאם, דאס קינד איז שוואך, דאס קינד שלאפט... דאך אויב איהר ווילט זי זעהן, האב איך געוויס ניט דאגעגען... אייערע ביידענס וועגען צוגעהען זיך יעצט און עס קאן זיין, איהר וועט זי ניט גיך נאך א מאל בעגעגנען.

פ א נ י ע. (געהט צום בעטעל). זיי געזונד, אליעטשקע. אז דו וועסט, אי"ה, אין גיכען אויפשטעהן, וועסטו שוין ניט הערען קיין מיאוסע רייד און ניט זעהן קיין שלעכטע מענשען — איך געה אוועק. (בייגט זיך צו, קושט זי פארזיכטיג און ווישט אב א טרער). נו, טאטע, קום. האט א גוטע נאכט. איך וויים, וויפיעל צרות איך האב אייך געבראכט אין שטוב אריין. הלואי וואלט איך אלעס געקענט נעהמען מיט זיך צוריק. עס איז אבער פערפאלען. האט א גוטע נאכט. (זי, זרחי און שרה הינדע געהן).

ד א ק ט א ר. גוטע נאכט. ווינש אייך אין דער צוקונפט מעהר ערפאלג. מיך פרייט זעהר, וואס מיר שיידען זיך שטיל, אהן סקאנדאלען און קריעג. מעהר אדער ווענינער, ווי אנשטענ־דיגע מענשען. איך גיעב אייך מיין האנד, מאדאם, אלס א בעווייז, דאס אויב מיר קענען זיך ניט שיידען ווי גוטע פריינד, שיידען מיר זיך דאך ניט ווי פיינדע. (שטרעקט אויס זיין האנד).

פ א נ י ע. אייער האנד? (טראכט). ניין! ניין! איך האב נאר א טראכט געטון, אז איך וועל זיך צוריהרען צו'ן אייער האנד, האט מיר אנגעהויבען ווארפען הענד און פיס. ניין! אייער האנד ניט. נאר אויב איהר וועט מיר ערלויבען... (וויינט שטארק). אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך פאלען צו'ן אייערע

צו׳ן אזא ארבייט, און עס געפעלט מיר. אויב ניט, וועל איך דיענען... אָדער...

ש ר ה ה י נ ד ע. קוק זי נאר אן! אדער זי איז געקראָכען ביז די וואָלקענס, אָדער זי קריכט אין דר׳ערד. וואס הייסט דיענען? וואָס מיינסטו, מיר וועלען שווייגען? וואו בין איך עפּעס, הא?

פ א נ י ע. מאמא, וועסט טענה׳ן מיט מיר אין דערהיים, וויפיעל דו וועסט וועלען. איך בין שולדיג אליין און צו מיר אליין דארפסטו טענה׳ען, נאָר צו מיר!

ד א ק ט א ר. ר׳ זרחי, אויב איהר וועט האָבען אירגענד וועלכע פּרעטענזיעס צו מיר, קומט צוגעהן און מיר וועלען אלץ בעשפּרעכען. איך האָף, מיר וועלען אונז צושיידען, ווי אנשטענדיגע מענשען. מאדאם, אלע אייערע קליידער, אייערע זאכען, ציהרונג געהערט אייך און איהר קענט עס נעמען מיט זיך.

פ א נ י ע. ניין, איך וויל עס ניט און דארף עס ניט.

ש ר ה ה י נ ד ע. וואָס הייסט, דו דארפסט ניט? אוי, א בראנד זאָל איהר אין די ביינער אריין!...

ז ר ח י. ווי באלד מיינע זעהט, אז אוים מחותנים, וועט זי שוין עפּענען איהר מויל כדת משה וישראל...

פ א נ י ע. איך האָב עס ניט פערדיענט צו האָבען, און אויסער דעם, איך ווייס ניט פאר וואָס, מיר איז דאָס אלץ נמאס געוואָרען... מאמא, אין דערהיים וועסטו מיט מיר לערנען בלק. (שטיל). אויב דו וועסט וועלען, וועסטו מיך מעגען אפילו שלאָגען, וויפיעל דיין הארץ וועט געלוסטען, מיך הארט ניט. מיך הארט קיין זאך ניט... קומט, נו׳מיר געהן, האָט א גוטע נאכט אלע... גוטע מאדאם, האָט א גוטע נאכט, איך בין ניט ווערט געווען צו האָבען אזא מאמא.

ז ר ח י. רבונו דעלמא כולא, וואס טוט זיך דאָ? זאָל איך שטארבען, אויב איך פערשטעה א וואָרט עברי... דאכט זיך, מען רעדט ניט טערקיש, און איך פערשטעה ניט.

ווילט איצט געהן פיהרען איין עהרליך לעבען? אהער געהט נעהענטער! וואס שטעהט איהר ביי דער טיר? איך מוז אייך זאָגען די ווארהייט, איך האָב די גאנצע צייט אן אויג פון אייך ניט אראָפּגעלאָזט. איך ווייס, אלץ, וואָס איהר זאָגט איצט, איז קיין בלויזע פראזען. איהר האָט דאָס דורכגעפיהלט און דורכ־געליטען. יא, איך גלויב, איהר ווילט איצט פיהרען אן עהרליך לעבען, און אויב אזוי, פאניע, פאר וואס זאָלט איהר ניט בליי־בען דאָ ביי אונז, מיט אונז? (פאַניע וויינט). פאניע, וויינט ניט... איך ווייס, איהר האָט די לעצטע צייט אין דער שטיל געגוג געוויינט. מיינט ניט, איך האָב ניט געזעהן אייערע פערבאָרגענע טרערען און האָב ניט געהערט אייערע פערשטיקטע זיפצען. (נעהמט איהר האַנד). פאניע, איך ווייס, דו האָסט די לעצטע צייט מיך א ביסעלע ליעב געקריגען און איך, נאָך וואָס זאָל איך לייקענען? איך האָב דיך קיין מאָל ניט פיינט געהאט... קום אהער צו מיר, אומגליקליכעס קינד. און זאָל אלץ פארגעסען ווערען. (דריקט איהר האַנד).

פ א נ י ע. דאָקטאָר, די גאנצע וועלט ווייסט, איך בין אייך געוועזען אונטריי. ווי וועט איהר עס קענען פערגעסען?

ד א ק ט א ר. פערגעסען? איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען. עס קען זיין, איך וועל ניט קענען. עס קען זיין, עס איז אונמעג־ליך דאָס צו פערגעסען. אָבער איך בין זיכער, איך וועל שטענדיג זיין מענש גענוג צו געדענקען, דאָס עס גיבט קיין שטערבליכער אויף דער וועלט, וועלכער האָט ניט געזינדיגט. איך וועל שטענ־דיג זיין מענש גענוג, איך זאָל מיט קיין וואָרט, מיט קיין וואונק, מיט קיין מינע דערמאָנען דאָס פערגאנגענע און אויפדעקען די אלטע וואונדען. פאניע, וואָס די גאנצע וועלט ווייסט, הארט מיך ווייניג. אויב זיי ווועלען דיר ניט פערגעבען, פערגיעב איך דיר. דאָס שרעקליכסטע איז ניט דאָס, וואָס דו האָסט געלעבט מיט אנאנדערען. דאָס שרעקליכסטע איז דאָס, וואָס דו האָסט געלעבט מיט מיר, ווען דו האָסט מיך ניט געליעבט.

פּים. (פאַלט צו דער ערד). וועל קושען די ערד לעבען אייערע טריט. וועל אָבוואשען מיט מיינע טרערען... מיט מיינע טרערען... (קען ניט רעדען פון געוויין).

מ א ד א ם. יעווגעני, ווי ערלויבסטו אזא ערנידרונג פון א מענשען? (וויינט).

ד א ק ט א ר. (רוהיג). מאמא, איך זאָל זיין א ליבעראַל אָדער א פילאנטראָפּ, וואָלט איך זיך געמאכט, אז איך בין אויסער זיך, וואָס א פרוי ליעגט אויף דר'ערד און וויינט... איך רעכען פערקערט, איך האָב קיין רעכט די ערנידרונג ניט צו ערלויבען, ווארום די ערנידרונג ערהויבט, און די ביטערע טרערען מאכען גרינגער די לאַסט, וואָס דריקט דאָס הארץ... אט דעם טרויסט און די ערלייכטערונג וויל איך ביי איהר ניט רויבען... יא, אומ־גליקליכעס וועזען, וויין אוים מיט דיינע טרערען אלץ, וואָס עס דריקט דיך צו דער ערד, און שטעה אויף א פרייע, און אויסערלעזטע פרוי. (פאַניע און אלע פרויען וויינען).

פ א נ י ע. (שטעהט אויף). דאנקע, איהר האָט רעכט... מיר איז א ביסעל געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. איצט האָט א גוטע נאכט.

ד א ק ט א ר. האָט א גוטע נאכט. איך ווינש אײַך ניט קיין שלעכטס.

ז ר ח י. האָט א גוטע נאכט... איך פערשטעה כלל וכלל גארנישט. אָבער איך בין זיכער, אז אזא איידלער מענש, ווי איהר... האָט א גוטע נאכט.

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, האָסט זיך שוין דא געקניעט און געבוקט צו'ן אלע אריסטאָקראטען? ועסט זיך שוין ביי מיר קניען און בוקען אין דער היים, האר אוים! (זיי געהן אַלע).

פ א נ י ע. יא, מאמא, וועסט טון מיט מיר אין דערהיים, וואָס דו ווילסט. מיר איז אלץ איינס. א גוטע נאכט. (עפענט די טיר).

ד א ק ט א ר. נאָך איין וואָרט... מאדאם, איהר זאָגט, איהר

שטעהט פאניע אויף. ווען ער זעצט זיך, זעצט זי זיך לעבען זיינע פיס אויף דר'ערד. זיי רעדען שטיל און רוהיג. אלע מיט'ן רוקען צום קראנקען קינד'ס בעטעל. פומפיאן געהט צו צום בעטעל, אונטערזוכט די קראַנקע. קיינער בעמערקט איהם ניט).

ח י ו ט י ן. (צו זרחי'ן און שרה הינדען). נו, איצט קענט איהר זיצען א ביסעל. מאדאם שרה הינדע, איהר האָט ערשט פערלוירען א גוטען פּאָדריאד. איהר האָט שוין געמיינט, איהר וועט האָבען וועמען צו שעלטען און פלוכען יאָהרען לאנג, צום סוף — בלאָ! פאניע איז יעצט אונזערע אויף צו'ן אמת.

ז ר ח י. דאָס דערמאָנט מיר א וואוילע זאך. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט די געשיכטע פון צוויי ווייבער, וואָס האָבען זיך געקריגט אום פעלד מעסטען, איהר ווייסט, וואָס פעלד איז אין יודיש?... א יודיש פעלד איז דער בית עולם... הערט־זשע... (זיי זעצען זיך אלע דריי, זרחי דערצעהלט שטיל).

פ א נ י ע. איך גלויב זיך אליין ניט. איז דאָס מעגליך? מיר זיינען קיין פרעמדע מעהר? פערגעבען? אלץ פערגעבען? גאטעניו פאטער, איך פערדיען דאָס ניט...

ד א ק ט א ר. קינד, ווען מיר זיינען געווען אייגענע, זיינען מיר געווען פרעמד, און ווען מיר זיינען געווען פרעמדע, זיינען מיר געוואָרען אייגענע... יא, פאניע, פערגעבען אויף אימער און איביג. ווארום פערשטעהן הייסט: פערגעבען... (ער לעגט זיין האַנד אויף איהר קאָפּ.ביידע גרופּען רעדען גאַנץ שטיל און רוהיג).

פ י י ו ו ע ל. (בלייבט אייניגע אויגענבליקען ווי פערשטיי־נערט, גאַנץ שטיל). די לעבעדיגע דענקען פון לעבען... אוי, עס איז גוט, וואָס ער איז איצט ניט אליין... דאָך זיין גרינגער אריבער־צוטראָגען. און דאָס... קינד... איז טויט... ארעמע ליאָליע! (פאַלט צו צום בעטעל און וויינט שטיל. אלע רוהיג און גליקליך ווי פריהער).

פ אָ ר ה א נ ג.

פ א נ י ע. ווי אזוי האָב איך דיך געקענט ליעבען, אז איך האָב דיך ניט געקענט פערשטעהן? אז איך האָב ניט בעגריפען, ווי שטארק, ווי גרויס, ווי מעכטיג דו ביסט? מיר, פּראָסטע מענ־שען, מיינען, אז שטארק איז דאָס, וואָס שרייט, דונערט, ברעכט, רייסט... און די אמת'ע קראפט, די וואהרע, די גרויסע מאכט איז אזוי שטיל, פערבאָרגען...

ז ר ח י. ווען גאָט איז ערשיענען צו אליהו הנביא, איז ניט אינ'ם ווינד וואָס ברעכט שטיינער, איז ער געווען, ניט אין שטורם, ניט אין פייער, נאָר אין דער צארטער שטילקייט — קול דממה דקה, דאָס איז די אמת'ע קראפט.

פ א נ י ע. צו שעצען די אמת'ע, די וואהרע מאכט, דאָס קומט אונז אָן מיט צרות. אָבער ווען מיר הויבען שוין יא אן צו פערשטעהן... אה, ווען מיר הויבען שוין אן צו פערשטעהן!...

ח י ו ט י ן. אָט דאָס איז דאָך דאָס אומגליק מיט דעם מענשען פון פאָלק. ווי ער הויבט אָן אביסעל פערשטעהן — הויבט ער אן פערגעטערן. פערגעטערן דארף מען קיינעם ניט! קיינעם ניט!...

ד א ק ט א ר. ער וויל זיך מיט מיר קריגען, ווייל ער פער־גינט מיר ניט די פערגעטערונג.

ח י ו ט י ן. מיט איהם קריגען! אויף מיין וואָרט, ער ווייסט אליין, ווי גרויס ער איז... דאָס איז די אמת'ע גרויסקייט: זי ווייסט ניט, אז זי איז גרויס... זי בעזיעגט אָבער אלץ און בע־הערשט יעדען. (אומארעמט איהם). מאדאם גאלדענוויזער, איך האָף, איך וועל יעצט פערדיענען אייער פריינד צו זיין. (קושט פאַניע'ס האַנד מיט גרויסער אַכטונג).

מ א ד א ם. קום אהער צו מיר, פאניע, קום צו מיר, ארעמעס קינד. האָסט זיך, נעבאך, גענוג אָנגעליטען. (פאניע זעצט זיך נעבען איהר). טאָכטער מיינע, די וואהרע פרייד קומט נאָר דורך גרויסע שמערצען... (אומארמט זי). קום אהער, יעווגעני. איך וויים, איהר האָט פיעל פון וואָס צו רעדען. (ווען דער דאָקטאר געהט צו,

קאטאלאג
פון די
אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פּרייז

פּיליפּ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד .... .75
" " פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען 1.00
" " אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... .50
" " יציאת מצרים, פּאַפּיער .... .15
" " וואָס הייסט נאַציאָן .... .10

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפּיעס פון די גרעסטע דענקער,
פּאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער 1.25

מאָרים ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00
" " " " " " 2 " 1.00
" " " " " " 3 " 1.00
" " נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25
" " " " " " " 5 " 1.25
" " " " " " " 6 " 1.25

ספריה עממית במונטריאל
יידישע
ביבליאטעק
JEWISH PU

פרייז

דזשאהן סטוארט מילל, פרייהייט, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען אָריגינאַל מיט אַ ביאָגראַפיע פון פערפאַ-סער, פון דר. י. א. מעריסאָן, מיט אַן הקדמה פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, געבונדען .... .75

דר. פאול עלטצבאכער, דער אַנאַרכיזם, איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, געבונדען 1.00

מיכל קאפלאן, גהעטא-קלאַנגען .... .25

	פרייז
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באנד	.75
" אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
דר. קאספע, מעכאניקע	.10
" " כעמיע	.15
" " אסטראנאמיע	.15
יהואש, געזאמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גארדין, ערצעהלונגען, געבונדען	.75
" " סאפפהא	.25
" " גאט, מענש און טייפעל	.25
" " אלישע בן אבויה	.15
" " דער אונבעקאנטער	.20
" " די אמת'ע קראפט	.20
מאקסים גארקי, ערצעהלונגען	.15
" " אינטערוויוס	.15
ליעוו טאלסטאי, איינציגער מיטעל	.5
" " פאטריאטיזמוס און רעגירונג	.5
" " צום ארבייטער פאלק	.15
דר. ח. זשיטלאווסקי, דער סאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען	.75
מ. באראנאוו, דער מענש און די נאטור	.10
לעאפ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא	.20
הענריק איבסען, די גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס	.5

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

א פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען
דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען
ליעסינ'ס געזאַמעלטע ליעדער
יודישע פאָלקס־ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן
דער מטורף, דראמא אין 4 אַקטען, פון יעקב גאָרדין
ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאַפעריי פון אונזער צייט
" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט
" " די אויפשטעלונג פון גיהנם
" " וועגען דער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד
" " תחית המתים
היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי
געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין

9386 4 3

אדרעסירען:
The International Library Pub. Co.
102 & 104 W. 38th ST.
NEW YORK.

ספריה עממית במונטריאל * יודישע פאלקס ביבליאטעק * מאנטרעאל JEWISH

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of ~~4~~ 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

JUN 24 '71 FEB 18 '72 JUL 5 '76 APR 22 '81		

Y גארדין, יעקב

דער מטורף

טעאטער.

\# 1016

JUL 5 76	1223		
APR 22 81	13/8		
APR 25	9 50		
MAY 1 6 1995	950		

טעאטער.

1016

APR - 4 1995

APR 25 1995
MAY 1 6 1995